וקראת לשבת ענג, ולקדוש ה' מכבד

קונטרס

עונג שבת

מלאים זיו ומפיקים נוגה

אמור

נתנדב ונתפרסם לכבוד שב"ק ע"י
מו"ה **חנני' יו"ט ליפא גרויס** הי"ו
לע"נ זקינו רבי ישעי' ב"ר משה זיעוכי"א

צו סובסקרייבען שיקט אן אימעיל צו:
onegshabbos+subscribe@googlegroups.com
איר וועט באקומען אן אוטאמאטישע אימעיל,
ריפלייט צוריק מיט א ליידיגען אימעיל.

בס"ד

מידן שבת אוצר

מיט ווערטער שיינע, פאר גרויסע און קליינע.

פ. מאזעסזאהן - "המחנה החרדי"

פערל ווערטער - פ' אמור תשפ"ה

אמור אל הכהנים... (אמור כא:א)

רש"י: להזהיר גדולים על הקטנים—די גרויסע זאלן אכטונג געבן אויף די קליינע.

די "גדולים"—די ערוואקסענע וואס זענען זיך מטפל מיט'ן נפטר, ווערן געווארנט, אז אויסער וואס זיי געבן זיך אפ מיט'ן נפטר, זאלן זיי אויך אינזינען האבן די "קטנים"—צו זארגן פאר די לעבעדיגע יתומים.

(חתם סופר)

לנפש לא יטמא בעמיו. (אמור כא:א)

רש"י: "בעמיו, יצא מת מצוה"—א כהן מעג זיך מטמא זיין צו א מת מצוה.

"כל העדה כולם קדושים"—ווייל דאס אידישע פאלק איז הייליג וואלט מען געדארפט אסר'ן טומאת מת פאר אלע אידן, און נישט נאר פאר די כהנים. נאר דעמאלט וואלט יעדער איד געווען א מת מצוה, מוז דאך זיין די וואס זאלן זיך יא מעגן מטמא זיין. אויב אזוי איז בעסער אז די אידן זאלן זיך מטמא זיין, און נישט דער כהן וואס איז מקריב קרבנות.

(מלא העומר-פלאצק)

לא יקרחו קרחה בראשם... (אמור כא:ה)

"קרחה", מיינט אויך 'קעלט', אזוי ווי ס'שטייט (תהלים קמז) "משליך קרחו כפיתים". טייטשט דער "מצודת ציון" 'קרחו',—אייז. "**לא יקרחו קרחה בראשם**,"—אינעם מוח פון די כהנים זאל זיך נישט אריינכאפן א קרירות,—א קאלטקייט ווייל זיי זענען משרתי ה', און דארפן דינען דעם באשעפער מיט א תמימות און התלהבות.

("מצמיח ישועה")

קדושים יהיו לאלקיהם...והיו קודש. (אמור כא:ו)

אז מ'וויל זיך מקדש זיין און אסר'ן אויף זיך דברים המותרים, דארף מען פריער טוען אלעס וואס די תורה האט באפוילן, און דערנאך קען מען זיך מאכן סייגים. "**קדושים יהיו לאלקיהם**"—פריער זיי מקיים די מצוות פון באשעפער, "**והיו קודש**",—דערנאך קענסטו דיך הייליגן און מוסיף זיין פארשידענע חומרות.

(רבי שלמה קליגער זצוק"ל)

אך אל הפרכת לא יבא אל המזבח לא יגש... (אמור כא:כג)

'אך' איז א לשון 'מיעוט'. אז דער לאו וועט נישט זיין שטענדיג. ווייל בקרוב ווען ס'וועט זיין דער תיקון השלם, וועט דער בעל מום אויך קענען טוען די עבודה, ווייל אלע קראנקע און בעלי מומין, וועלן ווערן געזונט.

(כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע)

ושמרתם מצותי ועשיתם אותם...(אמור כב:לא)

רש"י: "ושמרתם - זו המשנה. ועשיתם - זה המעשה".

"**ושמרתם זו המשנה**,"—כדי צו היטן די תורה ס'זאל נישט פארגעסן ווערן. "**ועשיתם אותם זה המעשה**,"—זאל מען לערנען כדי צו קענען טוען מצוות ומעש"ט, און אזוי וועט זיך די תורה ביי אים האלטן (עי' ברכות לב:).

(דברי ישראל)

המשך בעמוד הבא ->->->->-

מתורת רבותינו אויף די פרשה

כל איש אשר בו מום מזרע אהרן הכהן לא יגש להקריב... אך אל הפרכת לא יבא ואל המזבח לא יגש כי מום בו... (אמור כא:כא-כג)

מ'דארף פארשטיין פארוואס שטייט דאסווארט 'אך', ס'וואלט געקענט שטיין בלויז "אל הפרוכת לא יבא", וואס וויל מען דא ממעט זיין מיט'ן ווארט 'אך' וואס באדייט א לשון מיעוט? מ'קען דאס ערקלערהן אזוי: ס'איז באקאנט א מענטש וואס טוהט מצות און איז מקיים דעם רצון העליון, דארף זיין געזונט און גאנץ אהן א פעהלער. אבער אויב דער מענטש האט פוגם געווען אין איינע פון זיינע אברים הרוחניים, וואס זייער חיות איז די רמ"ח מצוות עשה אדער שס"ה מצוות לא תעשה, ווערט נפגם אויך דער גוף הגשמי. כאטש וואס מ'זעהט בעלי מומין פון געבורט, איז דאס ווייל די נשמה האט פוגם געווען אינעם פריער'דיגן גלגול, און מ'האט שוין דאס נישט געקענט מתקן זיין. און אויף דעם זאגט דער פסוק (תהלים נח:ד) "תעו מבטן דברי כזב". עכ"פ דער עיקר שורש פון אלע בעלי מומין איז דער פגם המעשה אזוי ווי ס'שטייט אין די גמרא (נדרים כ.). דעריבער ווען א מענטש איז זיך מתבונן צו פאררעכטן זיינע מעשים און ער טוהט תשובה ווערן אלע איברים און חושים פאראכטן. דעריבער ביי קבלת התורה, ווען אלע אידן כאיש אחד ובלב אחד האבן מקבל געווען דעם עול תורה ומצוות וואס זענען קעגן די רמ"ח אברים און שס"ה גידים, האבן זיי שוין נישט געהאט קיין שום מום אין זייער קערפער. אזוי אויך אין יעדן דור אויב מ'טוהט תשובה, מ'איז מתקן די מעשים און מ'איז מקבל אויף זיך דעם עול תורה ומצוות, פאררעכט מען אלע איברים. כאטש ס'זענען דא פעהלערן וואס מ'קען זיי נישט פאררעכטן, וואס ליגט אין די נאטור פון די וועלט, אבער לעתיד לבוא בב"א וואס דעמאלט וועט נתרומם ווערן דער מלכותו יתברך שמו אויף די וועלט חוץ לדרך הטבע וועט שוין דעמאלט אלעס מתוקן ווערן. דאס איז דער פסוק דא מרמז. "אך" איז א מיעוט, אז נאר יעצט "אל הפרוכת לא יבא" ווייל ער איז א בעל מום, אבער לעתיד לבא וועלן אלע סארט בעלי מומין מתוקן ווערן. און דערפאר איז דאס אויך מרומז אין די ראשי תיבות פון "**אל הפרכת לא יבא ואל**" וואס איז **אליהו**, ווייל אליהו וועט אלעס מתקן זיין לעתיד לבא במהרה. און ס'וועט נמשך ווערן א רפואה פאר אלע זאכן, און ס'וועט מער נישט זיין קיין בעלי מומין.

(כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע - ספר מדבר קדש)

שבע שבתות תמימות תהיינה... (אמור כג:טו)

מדרש (ויק"ר כח:ג): תנא רבי חייא, "שבע שבתות תמימות תהיינה"—ווען זענען די זאכן גאנץ ווען אידן טוען דעם רצון פון באשעפער".

מ'קען זאגן פשט אין מדרש אזוי. אין די ספירה טעג דארף א יעדער מענטש זיך מתבונן זיין בשפלות עצמו, און אזוי ארום ווערן נאהנט צום באשעפער צו קענען זיך פאסיג צוגרייטן צו קבלת התורה. אזוי ווי ס'שטייט אין ספר "תהלות ישראל" פונעם קאזשניצער מגיד, אויפ'ן פסוק (תהלים מב:ה) "אלה אזכרה ואשפכה עלי נפשי כי אעבר בסך אדדם עד בית אלקים,"—אז ווען א איד האלט זיך קליין און ער איז זיך משפיל פאר'ן

המשך בעמוד הבא ->->->->-

פֶּערל ווערטער - פ' אמור תשפ"ה

<<<<<<

ונקדשתי בתוך בני ישראל (אמור כב:לב)

ווי טייער און וויכטיג יעדער נפש בישראל איז, זעהט מען פון דעם אז ניין גאוני עולם בעלי תריסין, קענען קיין 'מנין' נישט מאכן, אבער צעהן פשוט'ע אידן אפילו עמי הארצים, מאכן יא א 'מנין' לכל דבר שבקדושה.

(הרה"ק רבי משה לייב מסאסוב זי"ע)

מקראי קדש אשר תקראו אתם במועדם (אמור כג:ד)

דאס ווארט "אתם" שטייט אהן דעם אות ו', דרש'ענען חז"ל דעם פסוק אזוי ווי ס'וואלט געשטאנען 'אשר תקראו "אתם"'—אז דאס באשטימען די צייט פאר די ימים טובים איז אינגאנצן איבערגעגעבן אין אייערע הענט, אין די הענט פון בית דין, און אפגעזעהן ווען בית דין באשטימט אז ס'זאל זיין ראש חודש אדער יום טוב, וועט אזוי זיין, "אתם", אפילו בשוגג, אפילו במזיד, און אפילו בטעות, דער כוח בלייבט שטענדיג אייערס.

(חידושי הרי"ם)

כי כל הנפש אשר לא תעונה בעצם היום הזה ונכרתה מעמיה. (אמור כג:כט)

א איד, וואס שפיהרט נישט אינעם דאזיגן הייליגן טאג קיין פיינליכקייט און אונרוהיגקייט אין הארצן קיין חרטה און הרהור־תשובה, איז א באווייז, אז "ונכרתה מעמיה", אז זיין נשמה איז שוין אינגאנצן אפגעריסן פון אידן!

("לב שמח")

כל מלאכה לא תעשו חוקת עולם לדורותיכם. (אמור כג:לא)

"**חוקת עולם לדורותיכם**" שטייט נאר ביי "כל מלאכה לא תעשו", און נישט ביי פאסטן. ווייל ביים חנוכת בית המקדש פון שלמה המלך, איז משמע פון די גמרא (מו"ק ט.) אז נאר דער עינוי פון פאסטן איז בטל געווארן יום כיפור, אבער נישט דער איסור פון טוען א מלאכה, דערפאר שטייט "חוקת עולם לדורותיכם".

("משך חכמה")

איש איש כי יקלל... ואיש כי יכה כל נפש...(אמור כד:טו, יז)

פארוואס שטייט נאכ'ן דין פון מקלל: "ואיש כי יכה כל נפש אדם מות יומת". ווען א מענטש איז מזלזל אינעם באשעפער'ס כבוד, איז דער סוף, אז ער ווערט א רוצח, אזוי ווי ס'שטייט (וירא כ:יא): "רק אין יראת אלקים במקום הזה, והרגוני על דבר אשתי".

(הגאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל)

וירגמו אותו אבן... (אמור כד:כג).

ער שטארבט מיט'ן ערשטן שטיין וואס מ'ווארפט אויף אים, כדי ער זאל נישט האבן יסורים. ווייל די שטראף פון באשעפער איז נישט ווי די שטראף פון א מלך בשר ודם, וואס האט פיינט און נעמט נקמה קעגן דעם וואס איז פוגע בכבודו. אבער דער באשעפער פיהרט זיך בחסד ובאהבה פאר'ן טובה פון מענטש, צו ריינגן און הייליגן דעם מקור פון שורש נשמתו.

(אור התורה - להגה"ק הר"ש תאומים משטפנשט - יו"ד ט"ו אייר)

מתורת רבותינו אויף די פרשה

<<<<<<

באשעפער ית"ש, זענען אלע טויערן אין הימל פאר אים אפען, און ער קען צוקומען צו אלע שערי קדושה. "אלה אזכרה ואשפכה עלי נפשי כי אעבר בסך",—"**סך**" באדייט א צאהל, וואס איז מרמז אויף די ימי הספירה ווען מען ציילט. וואס דעמאלט "**ואשפכה עלי נפשי**"—כדי זיך צו דערנענטערן צום באשעפער פאר קבלת התורה. "**אדדם**" איז אותיות "אם-דד",—מיט דעם וואס איך האלט מיך קליין אזוי ווי א קינד וואס זייגט פון זיין מוטער, "עד בית אלקים"—ווער איך דערנענטערט צום באשעפער. די גמרא (סוטה ה.) זאגט: "לעולם ילמד אדם מדעת קונו, שהרי הקב"ה הניח כל הרים וגבעות והשרה שכינתו על הר סיני"—א מענטש זאל זיך אפלערנען פון באשעפער, וואס האט אויסגעקליבן דעם בארג סיני צו געבן די תורה, ווייל ס'איז דער נידריגסטער בארג. זאגט רש"י: מ'דארף זיך אפלערנען פון באשעפער וואס האט ליעב די נידריגע, און זיך באהעפטן אין די זעלבע מדה, זיך צו האלטן בשפלות, ספעציעל אין די ימי הספירה, וואס זענען אן הכנה צו קבלת התורה. דאס זאגט דער מדרש "אימתי הן תמימות",—ווען זענען די ימי הספירה בשלימות, "בזמן שעושין רצונו של מקום",—ווען אידן האלטן זיך בענוה ושפלות הרוח, וואס דאס איז דער רצון פון באשעפער, אזוי ווי מ'זעהט אין די גמרא (סוטה ה.), וואס איז פריער דערמאנט געווארן.

(כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע)

וספרתם לכם ממחרת השבת מיום הביאכם את עומר התנופה שבע שבתות תהיינה וגו' (אמור כג:טו)

מדרש: (ויק"ר כח:ג) אמרו, תני רבי חייא, שבע שבתות תמימות תהיינה, אימתי הם תמימות, בזמן שישראל עושין רצונו של מקום".

מ'קען ערקלערהן די כוונה פונעם מדרש, לויט ווי איך האב געהערט פון טאט'ן ז"ל [כ"ק מרן מהר"ש זי"ע] אז דער קאמינקא רב הרה"ק רבי שלו', האט געפרעגט דעם ראפשיצער רב, פארוואס ווען א מענטש טראכט במחשבה צו טוען א מצוה, באקומט ער א שטארקע השתוקקות און א חשק צו טוען די מצוה מיט אן התלהבות, אבער ווען ס'קומט צו טוען די מצוה בפועל ממש, ווערט די התלהבות פון אים אפגעקיהלט, און ער האט נישט די זעלבע השתוקקות צו ווילען טוען די מצוה? האט אים דער ראפשיצער רב געענטפערט: ווייל בשעת ער טראכט צו טוען די מצוה האט ער נישט א יצר הרע וואס זאל אים שטערן, ווייל דער יצר הרע ווייסט נישט וואס דער מענטש טראכט. אזוי ווי ס'שטייט אין של"ה הק' (עשרה מאמרות ב, כז בהגה"ה) אז מלאכים ווייסן נישט וואס דער מענטש טראכט. ווייל נאר דער באשעפער ווייסט וואס דער מענטש טראכט, דעריבער איז זיין התלהבות זייער שטארק, אבער ווען ער וויל טוען די מצוה בפועל ממש, דעמאלט קומט דער יצר הרע און קיהלט אפ זיין השתוקקות און לאזט אים נישט טוען די מצוה. מיט דעם קען מען פארשטיין די כוונה פונעם מדרש. "**אימתי הן תמימות**",—ווען קענען די ימי ספירה זיין בתמימות, גאנץ אהן א פעהלער, "בזמן שישראל עושים '**רצונו**' של מקום",—ווען אידן טוען די מצוה בפועל מיט די זעלבע התלהבות און השתוקקות,—ווי ווען ס'איז 'רצונו', אזוי ווי ווען ער טראכט צו טוען די מצוה האט ער א שטארקע התלהבות און א השתוקקות צו די מצוה, אזוי זאל ער אויך טוען די מצוה בפועל מיט'ן זעלבן

המשך בעמוד הבא <-<-<-<-<-

מיין שבת אוצר

מתורת רבותינו אויף די פּרשה

<<<<<<

השתוקקות, דערמאלט וועט דאס זיין תמימות.

(כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע)

[מובא "בדרשות מהרנ"א", להרה"ק רבי נחום אהרן ממאגרוב זצ"ל, בנו של הרה"ק רבי ארי' לייבוש ממאגרוב זצ"ל בן כ"ק מרן מהר"י זי"ע]

וספרתם לכם ממחרת השבת מיום הביאכם את עומר התנופה שבע שבתות תמימת תהיינה. (אמור כג:טו)

מדרש (ויק"ר כח:ג): תני רבי חייא, שבע שבתות תמימות תהיינה, אימתי הם תמימות, 'בזמן שישראל עושין רצונו של מקום'—ווען אידן ווייסן אז די הכנה צו קבלת התורה איז נאר מיט'ן הילף פון באשעפער.

מ'קען פארשטיין פשט אין מדרש אזוי: פסח ביינאכט הויבט דער באשעפער אויף די אידן העכער פון זייערע מדריגות און איז משפיע אויף זיי גאר הייליגע און גרויסע לעכטיגקייטן באתערותא דלעילא—מיט די הילף פון אויבן. אבער נאכ'ן ערשטן טאג פון יום טוב ווערן די אלע מדריגות און לעכטיגקייטן, וואס מ'האט זוכה געווען דורך אן אתערותא דלעילא, אפגעטוען, און דער באשעפער גיט פאר אידן די מצוה פון ספירת העומר, אנצוהויבן גלייך די צווייטע נאכט פון פסח, כדי מיר זאלן זוכה זיין צוריק צו באקומען די אלע מדריגות און לעכטיגקייטן דורך אן אתערותא דלתתא—מיט די הילף פון אונטן, דורך אונזערע אייגענע ארבעט זיך געהעריג צוגרייטן צו קבלת התורה. יעדער דארף אבער וויסן זיין שפלות'דיגע צושטאנד, אז מיט די אייגענע כוחות קען מען דאס נישט דערגרייכן, נאר וויבאלד דער באשעפער וויל דאך אז מיר זאלן דאס אליין טוען, העלפט אונז זיכער דער באשעפער אז מיר זאלן דאס קענען אויספירן מיט אונזער אייגענע עבודה, און זיך צוגרייטן צו קבלת התורה ווי ס'דארף צו זיין. דאס זאגט דער מדרש: "**אימתי הם תמימות בזמן שישראל עושים רצונו של מקום**"—ווען קענען די הכנות צו קבלת התורה זיין ווי ס'דארף צו זיין, ווען אידן ווייסן זייער שפלות'דיגע צושטאנד, און זיי ווייסן אז אליין מיט די אייגענע כוחות קענען זיי דאס נישט דערגרייכן, נאר זיי טוען דאס ווייל אזוי האט דער באשעפער געהייסן, כדי זיי זאלן צוקומען צו די אלע מדריגות דורך אן אתערותא דלתתא, און זיי פארלאזן זיך אויפ'ן באשעפער אז ער וועט זיי העלפן אז זיי זאלן קענען צו דעם דערגרייכן און זיך פאסיג צוגרייטן צו קבלת התורה.

(כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע)

וספרתם לכם ממחרת השבת מיום הביאכם את עומר התנופה שבע שבתות תמימת תהיינה. (אמור כג:טו)

מדרש (ויק"ר כח:ג): תני רבי חייא, שבע שבתות תמימות תהיינה, אימתי הם תמימות, 'בזמן שישראל עושין רצונו של מקום'—ווען אידן טוען דעם ווילען פון באשעפער.

מ'קען ערקלערהן די כוונה פונעם מדרש: ס'שטייט אין די ספרים הק' (ראה שער הכוונות ענין ספירת העומר סוף דרוש יא) אז די עבודה פונעם מענטש אין די ימי הספירה איז מתקן צו זיין זיינע מדות, און דאס איז די ריכטיגע הכנה פאר קבלת התורה. אזוי ווי ס'שטייט אין ספר "שער קדושה" (ח"א שער ב') אז די גוטע און שלעכטע מדות פונעם מענטש זענען דער יסוד צו קיום המצוות, וואס אין דעם איז אפהענגיג די תרי"ג מצות התורה... און

מתורת רבותינו אויף די פּרשה

<<<<<<

דערפאר זענען די מדות נישט בכלל פון די תרי"ג מצות, אבער זיי זענען די הויפט הכנה מקיים צו זיין די תרי"ג מצוות, מקיים צו זיין אדער מבטל צו זיין, וואס דער יסוד פון קיום המצוות איז דורך מדות טובות. דער "בני יששכר" (מאמרי חודש אייר מאמר א' אות ה') ברענגט פון דורשי רשומות אז דער חודש הייסט 'אייר',

וואס איז די ראשי תיבות פון א'ברהם י'צחק י'עקב ר'חל, די ד' רגלי המרכבה, הק', און ס'איז מעגליך, אז וויבאלד דער חודש איז אן הכנה צו די תורה, און הכנה צו תורה איז דורך די מידות, דערפאר די מעשים פון די אבות, זייערע גוטע מידות שטייען אין די תורה פריער ווי די מצוות, און דעריבער לערנט מען מסכת אבות אין די טעג, און לויט דעם הייסט טאקע די מסכת 'אבות', ווייל אלע מדות און חסידות אין די מסכת ווערט געלערנט פון די מעשים פון די אבות. זעהט מען אז דער ענין פון מדות טובות כאטש וואס זיי זענען נישט פון די תרי"ג מצוות אין די תורה, איז דאס אבער דער **רצון** פון באשפער, אז דער מענטש זאל זיך מדבק זיין אין מדות טובות, ווייל זיי זענען די הויפט הכנה צו די תרי"ג מצות. דאס איז אויך דער באדייט וואס מיר זאגן ביים דאווענען (תפילת מוסף פון יו"ט) "שובה אלינו בהמון רחמיך בגלל אבות שעשו **רצונך**", אז די אבות הק' האבן פארשטאנען אז דאס איז דער **רצון** הבורא, און נישט אז מיר זענען דערויף באפוילן געווארן.

דאס איז פשט אין מדרש "אימתי הן תמימות בזמן שישראל עושין **רצונו** של מקום", וואס די כוונה איז תקון המדות, וואס זענען נישט מצוות התורה, נאר **רצונו** של מקום, ווייל נאר דורך די מדות טובות קען מען פאסיג מקיים זיין די תרי"ג מצות, און ווען אידן זענען מתקן זייערע מדות אויף א פעסטן שטייגער, זענען די שבתות הספירה תמימות.

(כ"ק מרן מהר"ם מבילגורייא זי"ע)

ובקצרכם את קציר ארצכם לא תכלה פאת שדך בקצרך ולקט קצירך לא תלקט לעני ולגר תעזב אתם אני ה' אלוקיכם. (אמור כג:כב)

ווען דער באשעפער איז משפיע פאר א מענטש גוטע השפעות, דארף מען אלעמאהל געדענקען אז אלעס קומט פון הימל, ס'איז נישט פון זיין אייגענע חכמה און נישט פון זיין ארבעט, נאר אלעס איז פון אויבן. "**ובקצרכם את קציר ארצכם**"—ווען א מענטש שניידט זיין תבואה, און ער קען זיך איינרעדן אז דאס איז זיין הצלחה, דעמאלטס - "לא תכלה פאת שדך בקוצרך ולקט קצירך לא תלקט", נאר וואס דען, "לעני ולגר תעזוב אותם", זאגט רש"י: "הנח לפניהם והם ילקטוהו, ואין לך לסייע לאחד מהם"—לאז זיי אליין נעמען און העלף זיי נישט צו. לכאורה וואס איז שלעכט אויב ער וועט זיי העלפן צו נעמען די פאה און לקט? דער טעם דערפון איז, כדי דו זאלסט זיך נישט איינרעדן אז דו געבסט דאס פאר זיי, נאר דער באשעפער האט דיר געגעבן תבואה כדי דו זאלסט דאס געבן פאר ארימעלייט, און דערפאר זאלסטו זיי לאזן אליין נעמען, כדי זיי זאלן זעהן אז דער באשעפער האט דאס פאר זיי משפיע געווען, און דו ביסט נאר א שליח און א 'פארמיטלער'. אויב דו וועסט זיך אזוי פיהרן, וועסטו דורכדעם צוקומען צו די אמונה אז "אני ה' אלקיכם", אז אלעס קומט פון באשעפער, וואס דאס איז דער תכלית פון אלעס.

(כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א - סעודה ג תשע"ז לאנדאן יצ"ו)

מיין שיינער רמז אויף די פרשה

אמור אל הכהנים... (אמור כא:א)

רש"י: *להזהיר גדולים על הקטנים—די גרויסע זאלן אכטונג געבן אויף די קליינע.*

ס'ווערט געברענגט, אז דער וואס וויינט ביי די פרשה פון מיתת בני אהרן, איז א סגולה אז די קינדער זאלן ח"ו נישט שטארבן בחייו. דאס איז רש"י מרמז **'להזהיר גדולים'**—די עלטערן, **'על הקטנים'**—אויפ'ן לעבן פון זייערע קינדער.

(חתם סופר)

אמור אל הכהנים... (אמור כא:א)

רש"י: *להזהיר גדולים על הקטנים—די גרויסע זאלן אכטונג געבן אויף די קליינע.*

פארוואס שטייט "אמור ואמרת", וואס באדייט די זעלבע. נאר צווי מאהל "אמור" באטרעפט [494] פונקט אזוי ווי "פרו ורבו" [494]. דער פסוק איז מרמז "אמור ואמרת", אז קריאת פרשת "אמור" איז א סגולה פאר קינדער, און דאס איז רש"י הק' מרמז "להזהיר גדולים על הקטנים".

(עטרת ישועה - דזשיקוב)

וקדשתו כי...מקריב קודש...כי קדוש אני ד'. (אמור כא:ח)

דריי מאהל שטייט דער ענין פון קדושה. **"וקדשתו", "קודש", "קדוש"**. וואס איז מרמז אויף דריי זאכן, מיט וואס מ'דארף מקדש זיין דעם כהן: מ'דארף אים מכבד ערשט, ער בענטשט דער ערשטער, און ער באקומט צוערשט די בעסטע פון אלעס.

(בעל הטורים)

אני ד' מקדשכם. (אמור כא:ח)

נאכ'ן פסוק "אני ד' מקדשכם", שטייט, "מועדי ה' אשר תקראו אותם מקראי קודש, אלה הם מועדי". די נאנטקייט פון די צווי פסוקים איז מרמז: "שחייב אדם לטהר את עצמו ברגל",—מ'דארף זיך מטהר זיין לכבוד יום טוב.

("בעל הטורים")

אך בעשור לחודש... (אמור כג:כז)

יום כיפור, איז א טאג פון כפרת עוונות. דאס ווארט **"אך"**, קומט ממעט זיין, דער פסוק איז מרמז אז יום כיפור איז מכפר נאר פאר די וואס טוען תשובה...

(רבינו בחיי)

ביום השבת ביום השבת יערכנו לפני ה' תמיד... (אמור כד:ח)

צווי מאהל שטייט **ביום השבת.** די גמרא (שבת קיח:) זאגט: ווען אידן זאלן היטן צווי שבתות וואלטן זיי גלייך אויסגעלייזט געווארן. קען זיין א רמז, אז דורכדעם וואס מיר וועלן היטן צווי שבתות עהרליך, וועט זיין "לפני ה' תמיד", און מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן און זיין אין ארץ ישראל.

(פני מבין)

בסוכות תשבו...ויקחו אליך שמן זית זך... (אמור כג:מב - כד:ב)

די צווי פסוקים האבן א שייכות. **"בסכות תשבו שבעת ימים.—איז** די מצוה פון סוכה. **"ויקחו אליך שמן זית"**—איז מרמז אויף חנוכה. פונקט ווי אין סוכות זאגט מען גאנץ הלל, אזוי אויך אין חנוכה זאגט מען גאנץ הלל.

("בעל הטורים")

אמור אל הכהנים...לנפש לא יטמא בעמיו (אמור כא:א)

"לנפש לא יטמא בעמיו". אין דעם פסוק איז מרמז וויפיהל מ'דארף אכטונג געבן פון עצלות אין עבודת ה'. וויל עצלות איז א סארט בחינה פון מיתה, וויל א פולער מענטש האט נישט קיין חיות, און די עצה אז דער עבודת ה' זאל זיין מיט א חיות און זריזות, "אמור אל הכהנים", און כהנים זענען זריזים, און זריזות איז א בחינה פון חי, און אזוי איז מען זיך מתדבק צום חיי העולמים.

(תולדות יעקב יוסף)

מיין אוצר... מוסר השכל פון די פרשה

נישט מכריע זיין די גאנצע וועלט לכף חובה

לנפש לא יטמא בעמיו... (אמור כא:א)

"**לנפש לא יטמא**"—מ'זאל אכטונג געבן נישט צו ווערן אומריין פון זינד ח"ו, וויל מיט דעם איז מען מכריע ח"ו די גאנצע וועלט לכף חובה, און ס'איז נישט נאר א שאדן פאר זיך, נאר "**בעמיו**"— פאר'ן גאנצן כלל ישראל.

(דברת שלמה)

א צייכן פון 'אשר בו מום'

כי כל איש אשר בו מום לא יקרב... (אמור כא:יח)

"**כל איש**",—יעדער וואס באטראכט זיך פאר א 'איש', א חשובער און עהרליכער מענטש, איז א צייכן, "**אשר בו מום**",—ער האט אסאך פעהלערס, "**לא יקרב**",—און ער איז איבערהויפט נישט נאהנט צום באשעפער!

(הרה"ק רבי מאיר מפרעמישלאן זי"ע)

אידישע קינדער בלייבן שטענדיג 'בנים לה' אלוקיכם'

אשר תקראו אותם במועדם... (אמור כג:ד)

חז"ל דרש'ענען: "אשר תקראו אותם במועדם" אל תקרי "אותם" אלא "אתם". "אתם",— אפילו שוגגין אפילו מזידין, די קביעת החודשים ווערט געטועט על פיכם.

אויב דארט ווי ס'שטייט "אותם" דרש'ענען חז"ל "אתם", איז דאך אוודאי דארט ווי ס'שטייט בפירוש "אתם", אזוי ווי אין פסוק "בנים אתם לה' אלוקיכם", איז די כוונה "אתם",—אפילו שוגגין, אתם אפילו מזידין", אידישע קינדער בלייבן שטענדיג "בנים לה' אלוקיכם".

(הרה"ק האדמו"ר רבי יצחק מבוהוש זי"ע)

ווילאנג מ'ציילט קען מען תשובה טוען

עד ממחרת השבת השביעית תספרו חמשים יום (אמור כג:טז)

ביז'ן לעצטן טאג פון ספירה, וואס דאס איז ממחרת השבת השביעית, איז א איד בכח 'תספרו חמשים יום',—מתקן צו זיין אלעס וואס מ'האט געדארפט פארעכטן אין די ימי הספירה, און ווילאנג מ'ציילט נאך ספירה האט מען נישט פארשפעטיגט פון צו קענען תשובה טוען.

(עבודת ישראל)

איז דען דא א גרעסערער עינוי פון דעם

ועניתם את נפשתיכם בתשעה לחודש בערב (אמור כג:לב)

חז"ל (ברכות ח:) זאגן: דער וואס עסט און טרינקט ערב יום כיפור, איז גלייך ווי ער פאסט ערב יום כיפור און יום כיפור. וויל נאר ווען א מענטש זאל אריינטראכטן ווי הייליג און פארכטיג דער טאג פון יום כיפור איז, ווי אזוי קען ער בכלל עסן ערב יום כיפור, איז דען דא א גרעסערער עינוי פון דעם, צו עסן אין אזא צייט?...

(הרה"ק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע)

ווען מ'איז חלילה מזלזל אין באשעפער'ס כבוד...

איש איש כי יקלל אלקיו... ואיש כי יכה כל נפש אדם מות יומת. (אמור כד:טו, יז)

פארוואס שטייט גלייך נאכ'ן דין פון מקלל: "ואיש כי יכה כל נפש אדם מות יומת". נאר ווען א מענטש איז מזלזל אינעם באשעפער'ס כבוד, איז דער ער ווערט א רוצח, אזוי ווי דער פסוק (פ' וירא) זאגט: "רק אין יראת אלקים במקום הזה, והרגוני על דבר אשתי".

(הגאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל)

מַיין געדאַנק אויף דִי פַּרשָׁה

לנפש לא יטמא בעמיו... (אמור כא:א)

די תורה הקדושה ווארנט דעם צדיק הדור, אז אויב ער וועט לעבן אין א דור פון פריצות און ליצנות און כדי צו וואויל־געפעלן די מענטשן אין זיין צייט מ'זאל נישט זאגן אויף אים אז ער איז א שוטה און כדי זיינע רייד וועלן גיט געהערט ווערן, וועט ער פראוואוען נאכטועז די ליצני הדור און נאכזאגן א דבר־לצון, ווי די חז"ל זאגן, "צדיק נתפש בעוון הדור". ווארנט די תורה, "לנפש לא יטמא בעמיו". דער צדיק זאל זיך נישט מטמא זיין מיט די רייד וואס דער המון־עם איז נכשל. ער זאל נישט נאכפאלגן זייערע התנהגות, שלעכטע דרכים און ליצנות. ער זאל שטענדיג געדענקען "במקום שאין איש" אפילו "השתדל להיות איש", זאל דער צדיק זיך באמיהען צו פארבלייבן א מוסטער־מענטש, אויסגעהאלטן, ווירדיג, בכבוד'יג, האלטן הייליג זיין מויל און פאזיציע.

(דגל מחנה אפרים)

ובא השמש וטהר ואחר יאכל מן הקדשים... (אמור כב:ז)

די משנה (ברכות ב) זאגט: "מאימתי קורין את שמע בערבית משעה שהכהנים נכנסים לאכול בתרומתן",—ווען איז די צייט פון קריאת־שמע של ערבית, דאס איז אין די זעלבע צייט ווען די כהנים וואס זענען געווען טמא, מעגן שוין עסן זייער תרומה. דארף מען פארשטיין וואס פאר א שייכות האבן דיביידע זאכן צווישן זיך? אבער ווען מיר זעהן אז ווי ס'ווערט נאר נאכט, מעגן שוין די כהנים עסן תרומה. כאטש א גאנצן טאג זענען זיי געווען טמא און אפילו נאך זייער טבילה האבן זיי נישט געמעגט עסן קיין תרומה, איז דאך דאס א באווייז אז צאת־הכוכבים איז שוין גאר א נייער זמן וואס האט גארנישט מיט'ן פארגאנגענעם טאג. קען מען דעריבער דערפון ארויס לערנען אז מ'דארף יעצט אויפסניי מקבל זיין אויף זיך דעם עול מלכות שמים מיט א פרישע קריאת שמע, און די קריאת שמע פון אינדערפרי קען אויף יעצט נישט פועל'ן, ווייל ס'איז דאמאלט געווען א אנדער זמן.

('אגלי טל' בשם אביו זצוק"ל)

והקרבתם אשה לה' שבעת ימים ביום השביעי מקרא קדש כל מלאכת עבודה לא תעשו. (אמור כג:ח)

פון די דיני המצוה מיינט דאס נאר "מלאכת עבודה" און נישט אלע מלאכות אזוי ווי שבת, ווייל צרכי אוכל נפש מעג מען טוען אין יום טוב, אזוי ווי ס'שטייט (שמות יב:טז) "אך אשר יאכל לכל נפש היא לבדו יעשה להם". דער באדייט פון "מלאכת עבודה" מיינט פשוט פעלד ארבעט, אזוי ווי "עבודה בשדה" (שמות א:יד), און "מלך לשדה נעבד" (קהלת ה:ח), און "עובד אדמתו ישבע לחם" (משלי יב:יא). אבער א מלאכה וואס איז פאר אוכל נפש, איז א מלאכת הנאה און נישט אן עבודה. ביי חג המצות אין פ' בא שטייט "כל מלאכה לא יעשה לכם", דעריבער דארף דער פסוק זאגן "אך אשר יאכל", אז מלאכת אוכל נפש איז מותר. אבער ביי אנדערע ימים טובים שטייט "מלאכת עבודה", אבער אוכל נפש איז מותר ווייל ס'איז נישט קיין עבודה. אין פרשת 'כל הבכור' ביי שביעי של פסח (דברים טז: ח) שטייט "לא תעשה מלאכה", אבער וויבאלד ס'איז דארט בפירוש מותר אוכל נפש בין איך נישט חייש, כאטש ס'שטייט נישט "כל מלאכה", ווייל ס'איז נישט אסור

<<<<<<<

מַיין געדאַנק אויף דִי פַּרשָׁה

<<<<<<

נאר א מלאכה וואס די תורה האט געווארנט דערויף.

(הרה"ק רבי יצחק אייזיק מקאמרנא זי"ע בעל 'היכל הברכה' יוד"ה י' אייר)

ועניתם את נפשתיכם בתשעה לחדש בערב... (אמור כג:כז)

פרעגט די גמרא (ר"ה ט.) "וכי בתשעה מתענין והלא אין מתענין אלא בעשירי? אלא כל האוכל ושותה בתשיעי מעלה עליו הכתוב כאילו התענה תשיעי ועשירי".

פארוואס טאקע זאגן חז"ל, "כאילו התענה תשיעי ועשירי", אינעם עשירי פאסט מען דאך באמת? נאר חז"ל זאגן דאך "כל תענית שאין בו מפושעי ישראל אינו תענית". וואלט דאך געקענט זיין א קלער אויף יום כפור, אינעם טאג וואס איז אפהענגיק די כפרה פון אלע אידן, אויב וועלן די פושעי ישראל נישט מיט פאסטן, איז דאך דער תענית, נישט קיין תענית. האבן דעריבער די חז"ל אויפגעטוען, אז דאס עסן אין ערב יום כפור, איז נישט בלויז אזוי ווי מ'וואלט געפאסט אין תשיעי, נאר ס'הייסט אויך ווי מ'וואלט געפאסט אין עשירי אליין, ממילא וועלן דאך שוין די פושעי ישראל זיכער זיין בכלל דעם תענית פון יום כפור ווייל עסן אין ערב יום כפור וועלן דאך זיכער אפילו די פושע ישראל אויך.

(הגאון רבי ישעי' מפראג זצ"ל)

מַיין טייערע געדאַנק אויף דִי פַּרשָׁה

ויצא בן אשה ישראלית והוא בן איש מצרי... (אמור כד:י)

רש"י: וואס באדייט דא דאס ווארט ויצא—פון ווי איז ער ארויס געגאנגען? ער איז ארויס געגאנגען פון די פריערדיגע פרשה, וואס רעדט זיך פונעס לחם הפנים, וואס מ'האט אפגעראכטן יעדן שבת, און דער רשע האט דאס אפגעלאכט, טענה'דיג איז דען א כבוד פאר א מלך אז ער זאל עסן קאלטע ברויט וואס איז א וואך אלט? ס'איז דאך אסאך א גרעסערע כבוד אז מען זאל אנגרייטן יעדן טאג פרישע ברויט.

דארף מען פארשטיין פארוואס האט דער רשע פונקט דאס אנגעכאפט פאר א טענה קעגן די תורה הקדושה? [וואס אין אמת'ן איז דאס נישט געווען קיין טענה בכלל, ווייל ס'איז דאך געווען א נס מיט'ן לחם הפנים אז ווען מען האט זיי אראפגענומען די קומענדיגע וואך, זענען זיי געווען פונקט אזוי הייס ווי ביים ארויס נעמען פון אויווען], נאר מען קען דאס ערקלערן אזוי. דער רשע האט גע'טענה'ט די זעלבע טענה וואס אלע אפיקורסים האבן גע'טענה'ט אין אלע דורות, אז די תורה הק' איז ח"ו אלט מאדיש, און מען דארף טוישן די תורה און דאס צופאסן אז ס'זאל שטומען לויט די היינטיגע דורות עפ"ל. דערפאר האט דער רשע גע'טענה'ט אויף די לחם הפנים, וואס איז מרמז אויף תורה, ווייל די תורה הק' ווערט אנגערופן מיט'ן נאמען לחם, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק (משלי ט:ה) "לכו לחמו בלחמי"—אז מען דארף האבן יעדן טאג פרישע ברויט און נישט לאזן די אלטע ברויט, מיינענדיג צו זאגן דערמיט, אז מען דארף ח"ו מאדערנעזירן די תורה און דאס פריש צופאסן לויט די היינטיגע צייטן, און נישט לאזן די תורה הק' אויפ'ן אלט'ן אויסגעטרויטענעם וועג. האט דער באשעפער געהייסן אז מען זאלן אין פארשטיינערן, צו ווייזן אז מיר טאהרן נישט טוישן די וועגן פון די תורה הק', אפילו נישט מיט א קליינעם ריר.

(ערוגת הבשם)

מַיין שַׁבָּת אוֹצָר

מַיין אוֹצָר... וואונדערליך...

"זיך נישט פארלאזן אויף יחוס אליין..."

אמור אל הכהנים בני אהרן ואמרת אליהם (אמור כא:א)

רש"י: "אמור ואמרת להזהיר גדולים על הקטנים"

מ'קען זאגן בדרך צחות אז ס'איז א מוסר השכל פאר די ראשי הדור, די גרויסע מיוחסים, אז זיי זאלן זיך נישט איינרעדן, אז מיט יחוס אליין איז גענוג, ניין, זיי דארפן אויך לערנען די הייליגע תורה, "נגלה און נסתר" און אויף דעם איז מרמז "גדולים" מיט "קטנים", ווי חז"ל (סוכה כח.) זאגן: "דבר גדול מעשה מרכבה, ודבר קטן הוויות דאביי ורבא", און דער פסוק זאגט, "אמור אל הכהנים בני אהרן"—די בני אהרן וואס זענען מיוחסים, זיי זאלן דאך זיין געווארנט אויף די "גדולים" און "קטנים", זיי זאלן עוסק זיין אין הויות אביי ורבא און אויך אין מעשי מרכבה, און זיך נישט פארלאזן בלויז אויף זייער יחוס. *(עטרת ישועה)*

"זייערע קברים זענען נישט מטמא..."

לנפש לא יטמא בעמיו... (אמור כא:א)

רבי צדוק הכהן, איז אמאהל געגאנגען צו א באגרעבעניש צערעמאניע פון א גרויסן פראנצויזישן מיניסטער. אויפ'ן וועג זענען זיי אריבער נעבן א אידישן בית החיים, האט רבי צדוק אויסגעקדויזט דעם בית החיים, און ער איז אריין אינעם גוי'אישן בית הקברות דורך א זייטיגן וועג. איינער פון די מיניסטארן האט דאס באמערקט, און פרעגט פון רבי צדוק הכהן פארוואס היט ער זיך פון צו גיין אויף א אידישן בית הקברות? האט אים רבי צדוק געענטפערט, "ווייל איך בין א כהן".

"איז פארוואס אינעם גוי'אישן בית הקברות גייט איר יא? די גוים זענען נישט קיין מענטשן?" האט אים רבי צדוק געענטפערט: "איך וועל דיר זאגן. אייער גייסטישער פיהרער האט דערקלעהרט, אז ער וועט נישט שטארבן, און אלע וואס גלויבן אין אים שטארבן נישט. דעריבער זענען זייערע קברים נישט מטמא. דאקעגן אונזער רבי, משה רבינו [להבדיל] האט געזאגט, ער וועט שטארבן, און ער איז געשטארבן. און אויך מיר שטארבן. דעריבער זענען אידישע קברים מטמא..."

"ס'קומט אים גארנישט..."

וקדשתו כי את לחם אלקיך היא מקריב (אמור כא:ח)

אמאהל איז געקומען קיין בעלזא א דארפסמאן און געזאגט אז ער איז א כהן. האט הרה"ק רבי שלום קאמינקער זצוק"ל וואס איז דארט געווען, באמערקט אז ער זאגט ליגנט, און ער איז בכלל נישט קיין כהן, ווייל די גמרא (יבמות פח:) זאגט אויפ'ן פסוק "וקדשתו",—אז דאס איז בעל כרחו. זעהט מען פון דעם, אז נאר אויב דער כהן וויל נישט קיין כיבוד, דעמאלט זאל מען אים מכבד זיין, אבער אויב ער קומט און שרייט "וקדשתו", ס'קומט מיר כבוד, דעמאלט קומט אים גארנישט...

(אוהב שלום, קאמינקא)

"'וקדשתו' קען מען נישט מאכן דורך א שליח..."

וקדשתו... קדש יהיה לך כי קדוש אני ה' מקדישכם (אמור כא:ו, ח,)

אמאהל ביי א סעודת ברית, וואס הרה"ח ר' יעקב משה הכהן ענגל הי"ו האט געמאכט, מיט די השתתפות פון מרן אדמו"ר שליט"א מבעלזא, האט ר' יעקב מכבד געווען זיין טאטע הרה"ח ר' בערל הכהן ענגעל ז"ל מיט ברכת המזון, האט ר' בערל גענומען דעם כוס און מכבד געווען מרן שליט"א מיט'ן בענטשן. האט מרן שליט"א געפרעגט פון ר' בערל וואס איז מיט "וקדשתו"? און מרן שליט"א האט ערקלעהרט: ס'שטייט



"קדושים יהיו", אז מ'זאל מקיים זיין דעם "וקדשתו" ווי ס'דארף צו זיין, וואלט איך געוואלט מיינען אז מ'קען יוצא זיין דעם "וקדשתו" אויך דורך א שליח, תלמוד לומר "כי קדוש אני", און ווי ס'איז באקאנט דרשת חז"ל "אני ה' אני ולא השליח", אזוי אויך דא ביי מצות 'וקדשתו' דארף זיין 'אני ולא השליח'. *(כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א - סעודת ברית מילה ד' תמוז תש"מ)*

"דער מתנגד האט באקומען זיינס..."

כל איש אשר בו מום לא יקרב (אמור כא:יח)

דער הייליגער צדיק רבי מאיר'ל פרעמישלאנער זי"ע פלעגט מיט זיינע שארפזיניגע ווערטלעך וואס ער האט אריינגעטייטשט אין די פסוקים, פועל'ן ישועות פאר אידישע קינדער. דאך זענען געווען מתנגדים וואס האבן געהאט פאראיבל פארוואס ער נעמט ארויס פסוקים פון זייער ריכטיג'ן באדייט. איז איינער פון די מתנגדים געקומען אויף שבת פ' אמור קיין פרעמישלאן, זאגנ'דיג אז ער וועט שוין ווייזן דעם רבי'ן אז מ'לערנט נישט אריין אין פסוק אייגענע פשטים. ביים טיש פרייטאג צונאכטס, האט רבי מאיר'ל געפרעגט, ווער ס'ווייסט פשט אין פסוק, "כל איש אשר בו מום לא יקרב"? האט זיך דער מתנגד אנגערופן מיט חוצפה, "יעדער חדר יונגל ווייסט דעם טייטש". האט אים רבי מאיר'ל איבערגעהאקט, און געזאגט: מאיר'ל וועט דיר זאגן דעם פשט. "**כל איש**",—יעדער מענטש, "**אשר בו**",—וואס ער האלט אז ער האט אין זיך אלע מעלות, "**מום**",—האט ער א פעהלער, "**לא יקרב**",—און ער האט נישט קיין שום התקרבות צום באשעפער. מיט דעם האט ער שטיל געמאכט דעם מתנגד וואס האט באקומען זיין פארדינטן פסק אויפ'ן ארט.

"דער בעל תפילה זאל זיך נישט אליין אינזין האבן..."

לא יטמא בעל בעמיו... (אמור כד:כא)

מיט וואס א מענטש איז באשעפטיגט, ווערט ער גערופן "בעל", א שטייגער ווי בעל־הבית, בעל־השדה, בעל שמחה וכדו'. אזוי ווערט אויך א "שליח צבור" גערופן "בעל תפילה". די תורה זאגט אונז: "**לא יטמא בעל**",—דער בעל תפילה זאל זיך נישט פאראומרייניגן מיט גאווה, "**בעמיו**",—ווען ער דאווענט פאר'ן פאלק דורכ'ן דאווענען שיין. "**להחלו**",—[א לשון תפילה] ווען ער דאווענט פאר'ן צבור, זאל ער אינזינען האבן דעם קהל און בעהטן ביים באשעפער פאר זיי, און נישט אינזינען האבן זיין ציקלען זיך און שיינע שטימע. *(הרה"ק רבי יעקב יוסף מגלאגוב זצוק"ל - גליון עוללת הכרם)*

♦♦♦

מַיין אוֹצָר...וואונדער פון די תורה

ולא תחללו את שם קדשי ונקדשתי בתוך בני ישראל אני ה' מקדישכם (אמור כב: לב)

דא האט די תורה געגעבן א לא תעשה מיט אן עשה אויפ'ן ענין אז מ'טאהר נישט פארשוועכן דער באשעפער'ס נאמען, און מ'איז באפוילן צו מקדש זיין דער באשעפער'ס נאמען, מיט דעם וואס מ'דארף זיך לאזן הרג'ענען. ס'איז א גרויסע אריכות אין די חז"ל און אין די פוסקים, ווען ס'גייט אן די מצוה און ווען מ'טאהר זיך נישט לאזן הרג'ענען.

א) אויב ס'איז א שעת השמד, דאס מיינט אז ס'איז א צייט וואס די גויים צווינגען די אידן עובר צו זיין אויף די מצוות התורה, דעמאלט דארף מען זיך לאזן הרג'ענען אויף יעדער עבירה. אפילו אויב ס'איז בצנעה, אויב דעם גוי'ס כוונה איז, אז ער זאל עובר זיין אויף די מצוות התורה.

אויב ס'איז נישט קיין שעת השמד, אויב ס'איז בצנעה, דעמאלט זאל מען עובר זיין, אפילו אויב די גוי'ס כוונה איז אים צו מאכן עובר זיין אויף די מצוות פון די תורה. אויב ס'איז בפרהסיא, דאס מיינט אז צען אידן זעהן די מעשה, דעמאלט ווענד זיך. אויב די כוונה פונעם גוי איז, פאר זיין אייגענע הנאה, דעמאלט זאל ער עובר זיין און זיך נישט לאזן הרג'ענען. אויב די כוונה פונעם גוי איז, אים צו מאכן עובר זיין אויף די מצוות פון די תורה, דעמאלט דארף ער זיך יא לאזן הרג'ענען.

ב) אויב ס'איז איינער פון די דריי הארבע עבירות, וואס דאס איז עבודה זרה, גילוי עריות און שפיכת דמים, דעמאלט דארף מען זיך לאזן הרג'ענען אפילו ס'איז נישט קיין שעת השמד. און אפילו אויב דעם גוי'ס כוונה איז פאר זיין אייגענע הנאה און נישט ווייל ער וויל אז דער איד זאל עובר זיין אויף די תורה, און אפילו אויב דאס איז באהאלטענערהייט.

ס'מוז נישט זיין די דריי עבירות ממש, נאר אפילו אויב ס'איז איינער פון די 'אביזרייהו' פון די עבירות, איז מען אויך מחויב זיך צו לאזן הרג'ענען. 'אביזרייהו' מיינט, א לאו אין די תורה וואס דער טעם פונעם איסור פון דעם לאו האט א שייכות מיט איינער פון די דריי עבירות. למשל, די תורה האט געגעבן א לאו, אז מ'טאהר נישט הנאה האבן פון עבודה זרה. כאטש אפילו ווען דו האסט הנאה פון עבודה זרה, האסטו נישט געדינט עבודה זרה, פונדעסטוועגן וויבאלד דער לאו האט א שייכות צו עבודה זרה, גייט דאס אריין אינעם גדר פון יהרג ואל יעבור.

דאס וואס מ'איז מחויב זיך צו לאזן הרג'ענען אויף עבודה זרה, איז אפילו אויב דו וועסט טוען א מעשה פון דינען די עבודה זרה, און אין דיין הארץ וועסטו טראכטן, אז דו גלייבסט בכלל נישט אין די עבודה זרה, טארסטו דאס אויך נישט טוען, ווייל די גיסט א פלאץ פאר'ן גוי צו טראכטן, אז דו ביזט מודה אין זיין עבודה זרה, און דאס אליין איז שוין א חילול ה'.

אויב איינער האט זיך נישט געלאזט הרג'ענען אויף איינע פון די פריער'דיגע פעלער, האט ער עובר געווען אויפ'ן לאו פון חילול השם, און זיין עבירה איז



זייער גרויס. די גמרא (יומא פו.) זאגט: אז ס'העלפט נישט אויף דעם קיין תשובה, און אויך יום הכפורים איז נישט מכפר אויף דעם, און אפילו מיט יסורים האט מען אויך נישט קיין כפרה דערויף, נאר די יום המיתה מיט די פריער'דיגע זאכן, דעמאלט קען ער האבן א כפרה.

בית דין גיט נישט קיין מלקות אויף דעם לאו, ווייל ער איז אן אונס, מ'האט דאך אים געצווינגען, און מיר האבן א כלל, אז ווען איינער איז עובר אויף אן עבירה באונס, איז נישט דא קיין עונש ביי בית דין של מטה. אויך וועט ער נישט באקומען דעם עונש אויף די עבירה וואס ער האט עובר געווען, למשל סקילה אויף עבודה זרה, סייף אויף שפיכת דמים, און דער עונש אויף די גילוי עריות, וועגן די זעלבע טעם, ווייל ער איז געווען אן אונס.

די ראשונים זאגן, אז נאר אויף עובר צו זיין א לאו בקום ועשה איז שייך דער ענין פון יהרג ואל יעבור, אבער אויף א ביטול העשה, דאס מיינט אז ער וועט זיצן און נישט טוען א מצוה וואס די תורה הייסט טוען, זאגט מען קיינמאהל נישט יהרג ואל יעבור, נאר יעבור ואל יהרג.

זאגט דער הייליגער חינוך, אז דאס וואס מיר טרעפן אין חז"ל פארשידענע מעשיות, ווי צדיקים האבן זיך געלאזט הרג'ענען אויף א ביטול העשה, דאס איז געווען ביי זיי א מדת חסידות, ווייל זיי האבן געזעהן אז דער דור האט דאס געדארפט האבן, און זיי זענען געווען גרויסע צדיקים, וואס זענען געווען ראוי דאס צו ווייזן. ווייל אויב זיי וואלטן נישט געווען אזעלכע גרויסע צדיקים, וואלטן זיי נישט געמעגט טוען, ווייל נישט יעדער האט רשות, זיך צו לאזן הרג'ענען אויף א זאך וואס די חכמים האבן נישט געהייסן. נישט נאר וואס מ'טאהר דאס נישט טוען, נאר מ'איז א מתחייב בנפשו, און דאס הייסט אזוי ווי א מאבד עצמו לדעת.

ג) אויב איינער טוהט אן עבירה, ס'איז נישט קיין חילוק וועלכע, און זיין כוונה איז נאר ווייל ער וויל דערצערנען דעם באשעפער, און ער האט נישט קיין שום תאוה צו טוען די עבירה, דעמאלט איז ער אויך א מחלל שם שמים, און ער האט עובר געווען אויף דעם לאו. אויף דעם וועט ער אויך באקומען מלקות, ווייל דאס טוהט ער שוין במזיד.

ד) אויב איינער וואס איז מפורסם פאר אן עהרליכער איד, און ער טוהט א זאך ברבים וואס זעהט אויס צו זיין א זינד, און דאס איז א זאך וואס פאסט נישט פאר אזא מענטש צו טוען, כאטש אפילו ס'איז נישט ממש אן איסור, האט ער מחלל געווען דעם באשעפער'ס נאמען.

דאס איז די כוונה פון די גמרא (יומא פו.) "היכי דמי חילול השם כגון אנא דשקילנא בשרא מבי טבחא ולא יהיבנא דמי לאלתר"—רב האט געזאגט, וואס מיינט א חילול ה'? למשל אויב איך וועל נעמען פלייש פון א געשעפט וואס פארקויפט פלייש, און איך וועל נישט באלד באצאהלן, נאר איך הייס אים אויפשרייבן, דאס וועט זיין א חילול ה'. ערקלעהרט רש"י: ווייל אויב ער וועט פארשפעטיגן צו באצאהלן, וועט ער זאגן, אז איך בין א גזלן, און פון דעם וועט ער זיך לערנען צו מזלזל זיין אין די איסור פון גזל.

רבי יוחנן זאגט, למשל אויב איך וועל גיין פיהר איילן, אהן תורה און אהן תפלין. ערקלעהרט רש"י: אז מענטשן וועלן נישט וויסן אז איך לערן נישט ווייל איך ביז שוין אפגעשוואכט פון אזוי פיהל לערנען היינט, נאר מ'וועט זיך אפלערנען מזלזל צו זיין אין לימוד התורה.

(אמרי שפר)

מַיין אוצר...אויף די פּרשה מרבוה"ק מבעלזא זי"ע

"דאס יאהר וועלן די כהנים נישט דוכנ'ען..."

אלמנה וגרושה ...את אלה לא יקח... (אמור יט:טז)

אין די שטאט בילגורייא האט געוואוינט א כהן, וואס האט חתונה געהאט מיט א גרושה, אזאך וואס די תורה האט פארבאטן צו טוען. דער בילגורייא רב זי"ע האט אים געווארנט עטליכע מאהל ער זאל אפלאזן די גרושה ווייל ער טאהר מיט איר נישט וואוינען. אבער ער האט זיך געהאלטן ביי זיינס. ווען ס'איז געקומען יום טוב, און ווי דער מנהג, דוכנ'ט מען אין חוץ לארץ ביי מוסף, איז דער כהן אויך ארויפגעגאנגען דוכנ'ען, צוזאמען מיט די אנדערע כהנים. ס'איז געווארן א

כ"ק מהר"ם מבילגורייא זי"ע

גערודער אין ביהמ"ד, און אלע האבן געשריגן, היתכן! ווי לאזט מען אזוינ'ס צו? ער איז דאך עובר אויף אן עבירה ווייל ער האט חתונה געהאט מיט א גרושה. אבער דער כהן, אן עזות פנים, האט זיך נישט צוטוען געמאכט פונעם גערודער, אזוי ווי מ'מיינט נישט אים, און ער איז ארויף אויף די טרעפ פון ארון הקודש. אזוי ווי דער בילגורייא רב זי"ע האט דאס געזעהן האט ער אויסגערופן אז דאס יאהר וועלן די כהנים נישט דוכנ'ען. דער בילגורייא רב האט געגלויבט, אז ווען דער כהן וועט זעהן אז צוליעב אים דוכנ'ט מען נישט וועט ער אפטרעטן, און נישט דוכנ'ען, און די אנדערע כהנים וועלן קענען דוכנ'ען. אבער ס'איז דעם כהן נישט אנגעגאנגען, און מ'האט פארענדיגט דאס דאווענען אהן צו דוכנ'ען. אזוי זענען אדורך געגאנגען עטליכע ימים טובים, וואס די כהנים האבן נישט געדוכנ'ט. ביז איין יום טוב האט זיך דער כהן בארעכנט, און געמאכט א חשבון הנפש, אז צוליעב אים דוכנ'ט מען שוין נישט עטליכע ימים טובים, האט ער באקומען חרטה געפיהלן, אפגעלאזט זיין פרוי די גרושה, און געטוען תשובה געטוען. ווען ס'איז אנגעקומען דער קומענ'דיגער יום טוב, האט דער בילגורייא רב אויסגערופן אז דאס יאהר וועלן די כהנים נישט ארויפגיין צום דוכנ'ען, און נאר דער כהן אליין וועט דוכנ'ען. ווען די געשיכטע איז אנגעקומען קיין בעלזא און כ"ק מרן מהר"א זי"ע האט דאס געהערט, האט ער גאר שטארק באוואונדערט וויאזוי דער ברודער האט געארבעט מיט קלוגשאפט, מחזיר צו זיין דעם כהן בתשובה, און נאך מער וואס ער האט געגעבן דעם כהן דעם כבוד אז נאר ער אליין זאל דוכנ'ען.

"אויפהערן גיין אויף קברים..."

לנפש לא יטמא בעמיו... (אמור כא:ב)

ווען דער זשיבויא רב, הרה"צ רבי אשר שמואל הכהן כץ זצ"ל, האט געדינט אלס רב אין מאנטיוואדעי, אוריגוואי, [אין דרום אמעריקא] נאך די צווייטע וועלט קריג האבן פליטים פון די מלחמה און סתם עמך אידן ביי אים געטראפן אן אוזן קשבת וואו זיי האבן אויסגערעדט זייערע ווייטאגן, און גענומען ביי אים אן עצה וברכה צו לינדערן זייערע ליידן. איין טאג (בערך שנת תשי"ד) איז צו אים אריינגעקומען א צובראכענע אידענע און זיך באקלאגט, אז איר מאן ווערט פון צייט צו צייט קראנק, ער וואלגערט זיך מיט יסורים, אז ס'זעהט שוין אויס אז דאס זענען זיינע לעצטע מינוטן, און דאקטורים שטייען פארצווייפעלט און ווייסן נישט פון וואס די קרענק קומט און וויאזוי דאס צו היילן. זי בעהט אז דער רב זאל איר העלפן און געבן אן עצה וואס צו טוען. דער זשיבויא רב האט איר געהייסן צוריק קומען אין עטליכע טעג ארום. אזוי ווי דער מאן פון די אידענע איז געווען פון א גאליציאנער אפשטאם האט דער זשיבויא רב אפגעשריבן א קוויטל און דאס אוועק געשיקט קיין ארץ ישראל צו כ"ק מרן מהר"א מבעלזא



כ"ק מרן מהר"א זי"ע

זי"ע. אין עטליכע טעג ארום ווען די אידענע איז צוריק געקומען, האט איר דער זשיבויא רב געזאגט אז ער האט באקומען א מאדנער ענטפער פונעם בעלזער רב וואס איז געוואנדן צו איר מאן: "אז ער זאל אויפהערן צו גיין אויף קברים". די פרוי איז געווארן עמאציאנאל איבערגענומען און זיך צוואויינט: "יאהרן לאנג וואס איך בעהט זיך ביי מיין מאן ער זאל נישט גיין אויף די קברים, און אז ער טוהט נישט א ריכטיגע זאך. דער בעלזער רב האט פונקטליך צוגעטראפן, ממש רוח הקודש", האט די צובראכענע אידענע אויסגערופן און באלד געגעבן צו פארשטיין איבער'ן מאדנער ענטפער פונעם בעלזער רב. "ווען מיר זענען אנגעקומען דא אין אוריגוויי, האט מיין מאן געזוכט א פרנסה צו שפייזן אונזער שטוב, אבער די פרנסות האבן זיך ביי אים נישט געהאלטן. איין געלעגנהייט נאך די אנדערע איז דורכגעפאלן און מיר האבן נישט געהאט פון וואס צו לעבן. אזוי ווי די חובות זענען געוואקסן, איז מיין מאן איינגעפאלן א 'פרישער געדאנק' וויאזוי צו מאכן פרנסה. ער וועט צופיהרן מענטשן צום בית החיים און דארט מאכן 'א-ל מלא רחמים'ס' און זאגן קדיש. דער געדאנק איז געווען א גוטער אבער ס'האט געהאט א גרויסער פעהלער, מיין מאן איז א "כהן". אבער נאכ'ן אריינטראכטן אין די זאך פאר א לענגערע צייט איז ער בלית ברירה איינגעגאנגען מיט זיין געדאנק און זיך געדרייט אויפ'ן בית החיים. אלע יאהרן האב איך זיך געשפיהרט אומבאקוועם, כאטש ס'האט געברענגט פרנסה, אבער כמעט יעדן טאג איז ער געווען אויפ'ן בית החיים און ער איז דאך א כהן... ביז ער האט אנגעהויבן צו קרענקען. יעדער שטיק צייט פלעגט ער ערנסט קראנק ווערן אז מ'האט שוין געמיינט אז דאס זענען זיינע לעצטע מינוטן...נאך אזוי פיהל יאהר פון קרענקען האב איך באשלאסן זיך צו ווענדן צום רב פאר אן עצה...אבער יעצט הערנדיג דעם בעלזער רב'ס ענטפער און זעהענדיג דעם אפענעם רוח הקודש...וועל איך זעהן אויסצופאלגן דעם באגער, און מיין מאן וועט מער נישט גיין אויפ'ן בית החיים, און איך האף אז ער וועט דורכדעם האבן א רפואה שלימה. און אזוי איז טאקע געווען אזוי ווי דער מאן האט אויפגעהערט צו גיין אויפ'ן בית החיים איז ער דערנאך פולקאם געזונט געווארן און מער נישט געוואוסט פון די קרענק.

"קרבנות פון גוים, א טובה פאר אידן..."

ומיד בן נכר לא תקריבו את לחם אלקיכם... (אמור כב:כה)

הרה"ח ר' אהרן יהושע גבאי ז"ל האט דערציילט אזוי: אמאהל זענען געקומען צו **כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע** א איד מיט להבדיל א גוי צו בעהטן א ישועה ביי מרן זי"ע. האט ר' אהרן יהושע געפרעגט ביי מרן זי"ע וועמען ער זאל פריער אריינלאזן? האט מרן זי"ע

<<<<<<<

<<<<<<<

באפוילן ער זאל ערשט אריינלאזן דעם גוי און דערנאך דעם איד און מרן זי"ע האט זיך אויסגעדריקט: "ווען א גוי קומט אריין פריער איז פיהל לייכטער נאכדעם צו פועל'ן א ישועה פאר'ן איד, ווייל ווי אזוי ס'זאל נישט זיין און אין וועלכער רוחניות'דיגן צושטאנד דער איד זאל זיך נאר געפונען איז ער בעסער ווי דער גוי להבדיל." און מרן זי"ע האט דערביי ערקלעהרט דעם פסוק: "**ומיד בן נכר לא תקריבו את לחם אלוקיכם מכל אלה כי משחיתם בהם מום בם לא ירצו לכם**". זאגט רש"י "**לכפר עליכם**". וואלט לכאורה געדארפט שטיין "לכפר **עליהם**" ווייל די קרבנות פון גוים איז דאך אויף זיי מכפר? **כ"ק מרן מהר"י זי"ע** האט מסביר געווען דעם ענין פארוואס מען האט ערלויבט פאר גוים צו ברענגען קרבנות (חולין יג), מיט אן הקדמה פונעם רבי ר' בער פון מעזריטש זי"ע, וואס האט געטייטשט די גמרא (ר"ה כג:): "**מעולם לא ראתה חמה בפגימתה של לבנה**,"—די אידן ציילן צו די לבנה, און די פעלקער ציילן צו די זון, און א איד אין וועלכער נידריגסטן צושטאנד ער זאל זיך נאר נישט זיין איז ער אסאך בעסער און חשובער פון א גוי. קומט אויס אז דאס וואס מען נעמט קרבנות פון די גוים איז גאר א טובה פאר די אידן, כדי אונזערע קרבנות זאלן אנגענומען ווערן, אבער נישט ווען דער גוי ברענגט א קרבן מיט א פעהלער וואס מען קען נישט מקריב זיין. דעריבער זאגט רש"י, "**לכפר עליכם**".

ציון הקדוש אין אנאטיוווקא

"אווירא דארץ ישראל אין די סוכה..."

בחמישה עשר יום לחודש השביעי הזה חג הסכות שבעת ימים לה'... (אמור כג:לג)

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האט דערציילט (חג הסוכות תש"ע) אזוי: איין יאהר אינעם יום טוב סוכות איז געווען אין די שטאט בעלזא איז געווען א שטארקער קעלט. כ"ק מרן מהר"א זי"ע איז געזיצן אין די סוכה, און מ'האט מורא געהאט אין שטוב פאר זיין געזונט. האט מען אים געבעהטן אז ער זאל אריינגיין אין שטוב, אבער מרן זי"ע האט נישט געוואלט, און ער האט דערציילט: איין יאהר איז דער זיידע הרה"ק רבי אהרן טשערנאבילער זי"ע געווען אין די שטאט אנאטיוווקא אויפ'ן ציון פון זיין פאטער הרה"ק רבי מרדכי טשערנאבילער זי"ע אינעם טאג פון די יאהרצייט כ' אייר. דער מנהג אין טשערנאביל איז אז מ'טוהט אויס די שיך ווען מ'גייט פוקד זיין די קברים. ס'איז דעמאלט געווען א שווערער פראסט און די קעלט האט אריינגעדרינגען ביז'ן מארעך פון די ביינער, פונדעסטוועגן איז הרה"ק רבי אהרן, געשטאנען און מתפלל געווען א לענגערע צייט. די גבאים האבן אנגעהויבן זארגן פאר זיין געזונט און זיי זענען צוגעגאנגען, אים בעהטן ער זאל זיך צואיילן און ענדיגן דאווענען. האט הרה"ק רבי אהרן זיי געזאגט: אויף קברי צדיקים אין חוץ לארץ איז דא אווירא דארץ ישראל, און אין ארץ ישראל איז אצינד איז נישט קאלט. "אזוי אויך" האט מרן מהר"א זי"ע אויסגעפיהרט, "דער טאטע ז"ל [מרן מהרי"ד זי"ע] האט נאכגעזאגט פונעם זיידן ז"ל, אז אין די סוכה איז דא אווירא דארץ ישראל און אין ארץ ישראל איז סוכות נישט קאלט, דעריבער קען ער בלייבן זיצן אין די סוכה". האט מרן אדמו"ר שליט"א מוסיף געווען און געזאגט: אין אמת'ן שטייט דאס שוין דערמאנט אין זוהר הק' (ח"ג קג:ב) "דמאן דאית ליה חולקא בעמא ובערא קדישא, יתיב בצלא דמהימנותא, לקבלא אושפיזין, למחדי בהאי עלמא, ובעלמא דאתי". עיי"ש. און דאס בעהטן מיר ביי די תפילה פון "יהי רצון" די ערשטע נאכט ווען מ'קומט אריין אין די סוכה, "ותזכנו לישב ימים רבים על האדמה אדמת קודש בעבודתך וביראתך". נאך האט מרן שליט"א דערציילט (ליל א' דסוכות תש"ע כשישבו כמה מנכדי טשערנאביל אצל השוה"ט) דער טאטע ז"ל [כ"ק מרן מבילגורייא זי"ע] האט דערציילט אין נאמען פונעם זיידן ז"ל [מרן מהרי"ד זי"ע] אז טראץ די שווערע קעלט וואס האט געהערשט אין טשערנאביל סוכות, אז הרה"ק רבי אהרן מטשערנאביל, האט געדארפט אנטוהן דעם טיזליק (מלבוש עליון) האט זיין פנים געפלאמט און געלויכטן פון פרייד, פון מקיים זיין מצות סוכה און שמחת החג.

טשערנאביל קלויז, צפת

"דער נס פון לחם הפנים..."

ושמת אותם שתים מערכות שש המערכת על השלחן הטהר לפני ה'. (אמור כד:ו)

די גמרא (חגיגה כו:) זאגט: אמר רבי יהושע בן לוי, ביים לחם הפנים האט פאסירט א גרויסער נס, אז ווען מ'האט אראפגענומען די לחם הפנים פונעם שולחן, איז דאס געווען פונקט אזוי הייס ווי ווען מ'האט דאס ארויפגעלייגט אויפ'ן שולחן מיט א וואך פריער, ס'האט געהאט די זעלבע פרישקייט, כאילו ס'וואלט יעצט געבאקן געווארן, און ווען די אידן זענען געקומען עולה רגל זיין האט מען אויפגעהויבן דעם שלחן און זיי געוויזן די לחם הפנים, זאגנ'דיג "ראו חיבתכם לפני המקום",—זעהט די ליבשאפט וואס דער באשעפער האט צו אייך!"

חודש תשרי שנת תש"ה, ווען **מרן מהר"א מבעלזא זי"ע**, האט זיך אויפגעהאלטן אין צפת, האט זיך דארט געדרייט א ליטווישער בחור, מיט'ן נאמען חנני' לעווין. שבת חוה"מ סוכות ביים טיש האט ער באקומען פון מרן זי"ע א י"ב חלה, און נישט וואוסנדיג די חשובות דערפון, אדער וואס צו טוען דערמיט, האט מען אים געזאגט אז ער זאל דאס אוועק לייגן און האלטן אלס א סגולה און א שמירה, און זייענדיג שוין אין די שידוכים יאהרן האט ער דאס אוועק געלייגט אינדערהיים אין זיין שאפע אלס א סגולה. ס'איז געקומען ליל בדיקת חמץ און זיין טאטע נעמט זיך בודק חמץ זיין און טרעפט די חלה דארט ליגן. פרעגט ער דעם זוהן וואס דאס איז? האט ער דערציילט פון ווי די חלה קומט. זאגט אים זיין טאטע אז מ'קען דאס נישט האלטן, ס'איז דאך חמץ גמור און מארגן וועט מען דאס דארפן פארברענען. פארפאלן! האט חנני' געטראכט אויב מ'דארף דאס פארברענען, וועט ער דאס שוין עסן מארגן. אינדערפרי ביים סיום בכורים האט ער גענומען די י"ב חלה אנגעשמירט מיט שירעס (טאמאטעס מיט שמן זית) און געגעסן, און וואונדער איבער וואונדער, די איז בילקע געווען פריש ווי מ'וואלט דאס אצינד ארויסגענומען פון אויווען. נאכ'ן ליגן זעקס חדשים אין זיין שאפע איז דאס נישט הארט אדער פארשימעלט געווארן, נאר געהאט די זעלבע פרישקייט, אזוי ווי אצינד געבאקן. 'כסידורו כך סילוקו'. *(מפי הרה"ג ר' חיים הערש זאלצבערג שליט"א ראש ישיבת 'שער המלך' ירושלים, ששמע הסיפור מנכדו של ר' חנני' לעווין)*

כ"ק מרן מהר"א זי"ע

מַיין שַׁבָּת אוֹצָר

מַיין אוֹצָר... פון צדיקים און חסידים...

"די גזירה פון די בערד איז בטל געווארן..."

ופאת זקנם לא יגלחו... (אמור יט:יג)

ווען דער צדיק רבי יהושע'לע פון סאסנאוויץ איז געווען א קינד פון ניין יאהר, האט זיין טאטע הרה"ק רבי שלמה לייב מלענטשע, געבעהטן פון הרה"ק רבי שמואל משינאווא, דעמאלט רב אין לענטשא, ער זאל פארהערן זיין קינד יהושע'לע. האט אים רבי שמואל פארהערט די ערשטע משנה אין מסכת גיטין וואו ס'שטייט "**התקין רבן גמליאל הזקן**"—דער אלטער רבי גמליאל האט געמאכט א תקנה, האט דאס קינד געטייטשט די משנה אזוי "**התקין רבן גמליאל**"—רבן גמליאל האט פאראכטן "**הזקן**" זיין בארד..." רבי שמואל האט געזעהן אז ער פארשטייט אפילו נישט די אפטייטש פון די ווערטער, האט ער אים מער נישט פארהערט, נאר ס'האט אים זייער וויי געטוען, ווייל ער וועט דאך דארפן זאגן פאר'ן טאטן וויאזוי דאס קינד האט געקענט, און דערווייל קען ער נישט קיין ווארט, וואס זאל ער זאגן? אזוי טראכטנ'דיג איז דער טאטע הרה"ק רבי שלמה לייב לענטשער צוגעקומען און געפרעגט פון רבי שמואל, נו? ווי אזוי זענט איר צופרידן פון מיין קינדקס לערנען? האט רבי שמואל געענטפערט דעם אמת, אז צו זיין גרויס באדויערן קען ער אפילו נישט אפטייטשן א פשוט'ער טייטש, און ער האט דערציילט ווי אזוי דאס קינד האט געזאגט די משנה.

אבער אנשטאט צו האבן א צער, האט זיך דער טאטע גאר געפרייט. אהה! איך האב נישט געוואוסט אז ער האט שוין אזעלכע גרויסע מדריגות! שפעטער, ווען יהושע'לע איז עלטער געווארן און געווען א מפורסם'דיגער צדיק, איז ארויס א גזירה פון די רעגירונג אז אידן מוזן זיך אפשניידן די בערד. האט דעמאלט דער צדיק געזאגט אזוי: "אין מיינע יונגע יאהרן האב איך געטייטשט די משנה, "**התקין רבן גמליאל**"—רבן גמליאל האט פאראכטן, "**הזקן**"—די בערד פון אידישע קינדער, אז קיין שום פאלק זאל נישט קענען האבן קיין שליטה אויף זיי". נאך א קורצע צייט איז די גזירה בטל געווארן, און ערשט דעמאלט האט מען פארשטאנען וואס דער טאטע האט שוין געזעהן אויף אים אלס קליין קינד.

"דער שבת בחור ביים כתב סופר..."

כי אם לשארו הקרוב אליו לאמו ולאביו... (אמור כא:ב)

דער 'רבינו בחיי' שרייבט א וואונדערליכע ווארט פארוואס ס'שטייט דא "אמו" פאר אביו, דאקעגן ווייטער (פסוק יא) ביים כהן גדול שטייט פריער דער אב, "לאביו ולאמו לא יטמא". און ער ערקלערט, אז לעולם אומעטום איז די תורה מקדים דעם אב פאר'ן

אֵם, נאר דא האט די תורה געמוזט מקדים זיין די אֵם, ווייבאלד די תורה דערמאנט "שארו" (זו אשתו) וואס צו איר מעג ער זיך מטמא זיין, דערפאר האט די תורה געמוזט מקדים זיין "אמו", כדי מסמיך צו זיין 'אמו' צו 'שארו', אז די תורה זאל דערמאנען די נקבות באזונדער, אבער אויב ס'וואלט געשטאנען "כי אם לשארו לאביו ולאמו", וואלט דאס נישט געווען מסודר, ווייל דער זכר וואלט אויסגעקומען צווישן די נקבות. עכ"ד.

אין דעם ענין האט הגה"צ רבי יצחק שלמה אונגאר זצ"ל גאב"ד חוג חתם סופר דערציילט: מיין זיידע הגה"צ רבי יחיאל מיכל אונגאר זצ"ל, איז געווען א 'שבת בחור' [געגעסן די שבת סעודות] ביי זיין רבי'ן, הגה"ק ה"כתב סופר", און ער האט אין דעם זוכה געווען צוליעב א מעשה שהיה: אמאליגע צייטן איז נישט געווען קיין עס-זאל אין די ישיבות, און די בחורים פלעגן עסן "טעג" [יעדער טאג ביי א צווייטן בעל-הבית]. איז פאר מיין זיידן אויסגעקומען צו עסן ביי א בעל-הבית וואס איז נישט געווען קיין צורבא מדרבנן, און ער האט אוועק געזעצט מיין זיידן צווישן זיינע צוויי טעכטער. מיין זיידע האט צוליעב דעם פארלאזט די שטוב און האט נישט געוואלט דארט מער עסן. ער האט קיינעם נישט דערציילט, נאר געגאנגען אין פעלד און דארט געגעסן א שטיקל ברויט, צווישן די ביימער, און ער האט דארט געזונגען פאר זיך די זמירות פון שבת. פונקט איז אריבער דארט די רעבעצין פון 'כתב סופר', און זי האט געזעהן ווי דער בחור עסט צווישן די ביימער און זינגט זיך אונטער די זמירות. האט זי דערציילט פאר איר מאן, דער 'כתב סופר', וואס זי האט געזעהן. ווען דער 'כתב סופר' האט דאס געהערט, האט ער גלייך געלאזט רופן דעם תלמיד, מיין זיידע, און געפרעגט מה זה ועל מה זה? אין אנהייב האט ער געשוויגן אבער ווען דער 'כתב סופר' האט אים געמוטשעט צו דערציילן, האט ער געזאגט, אז דער בעל הבית האט אים אוועק געזעצט צווישן זיינע צוויי טעכטער, און דערפאר איז ער אנטלאפן אין פעלד אריין. ווען דער 'כתב סופר' האט דאס געהערט, האט ער אים געזאגט: פון היינט און ווייטער וועסטו יעדן שבת עסן ביי מיר די שבת סעודות. *(רבינו בחיי; 'רשומים בשמיך')*

"ברכת כהנים אין אישוויץ..."

וקדשתו... קדש יהיה לך... (אמור כא:ח)

רש"י: מ'דארף זיך פירן מיט'ן כהן בקדושה: מ'דארף אים לאז ערשט מכבד זיין, און ביי א סעודה אים לאז ערשט מכבד זיין מיט'ן בענטשן.

דער כהן האט אויך די מצוה "לברך את עמו ישראל באהבה", אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק "דבר אל אהרן ואל בניו כה תברכו את בני ישראל",—און אידן האבן זיך שטענדיג מזרז געווען צו הערן די כהנים בענטשן אידישע קינדער. ס'ווערט דערציילט א אויסטערלישע מעשה פון אן אלטער איד א תלמיד חכם ויר"ש וואס האטליידער אדורך געמאכט די יסורי אושוויץ, און שפעטער האט ער געוואוינט אין אמעריקא. דער איד האט געהאט א מאדנע אויפפיהרונג. יעדער יום טוב אינמיטן מוסף פאר ברכת כהנים איז דער איד שטילערהייט ארויסגעגאנגען פון בית המדרש און צוריק געקומען נאכ'ן דוכנ'ען. איין טאג האט אים דער רב פון ביהמ"ד געפרעגט וועגן זיין מאדנע אויפיהרונג, פארוואס ער טוהט דאס? האט דער איד דערציילט אזוי: "איך בין געווען אין אושוויץ, ווי איך האב מיטגעמאכט די שבעה מדורי גיהנום. מיין גאנצע משפחה זענען ליידער אומגעקומען על קידוש ה' הי"ד. איין יאהר פאר פסח האב איך מיט מיין חבר באשלאסן אז

<<<<<<<

מַיין אוֹצָר... פון צדיקים און חסידים...

<<<<<<<

מ׳גייט פראווען א סדר פסח ביינאכט. ויהי מה. מיין חבר האט פארשאפט מעהל, און אפילו דריי מצות צום סדר, ובדרך פלא האבן מיר אויך פארשאפט ווייז. ס׳איז פסח ביינאכט מיר האבן זיך פארזאמלט מיט נאך עטליכע אידן, און אנגעהויבן זאגן די הגדה. אינמיט׳ן די ׳שמחה׳, זענען מיר אויפגעשוידערט געווארן ווען ס׳האט אריינגעשטורעמט א נאצישער אפיציר ימ״ש, און אונז אנגעהויבן שלאגן, ער האט געוואלט וויסן ווער ס׳איז פאראנטווארטליך אויף די פארזאמלונג. ער האט געווארפן אן אויג אויף מיין חבר און ער זאגט אים, ״איך ווייס אז דו ביזט פאראנטווארטליך אויף אלעס, און נאך אפאר מינוט, נעם איך דיך ארויס צום הרג׳ענען. און דער ימ״ש זאגט פאר מיין חבר: אויב דו האסט א לעצטע בקשה, וועל איך דיר דאס צוליעב טוען. ענטפערט מיין חבר: ״געב מיר צוויי מינוט איך זאל קענען רעדן צו מיין פאלק וואס געפונט זיך דא״. האט אים דער ימ״ש דאס ערלויבט. מיין חבר וואס איז געווען א כהן, האט זיך אויסגעדרייט צו די פארזאמלטע, געקוקט אויף אונז מיט זיינע לעכטיגע אויגן, און געזאגט: ״היינט איז יום טוב, אין די לעצטע רגע פון מיין לעבן, וויל איך אייך בענטשן מיט ברכת כהנים דאס לעצטע מאהל״, און נאך איידער מיר האבן געקענט פארשטיין וואס ער האט געזאגט, האט ער אויפגעהויבן זיינע הענט צו אונז און בקול רם געזאגט די פסוקי ברכת כהנים און אלע האבן מיט גרויס געוויין געענטפערט אמן. און באלד דערנאך האט דער ימ״ש ארויס גענומען זיין שיסער און געשאסן מיין חבר, וואס איז געפאלן צו די ערד אין א קאלוזשע פון בלוט. הי״ד. נאך עטליכע וואכן האט זיך די מלחמה געענדיגט און נאך אלעס וואס איז אויף מיר אריבער בין איך געווען צעבראכן און צעשפליטערט ביז גאר. איך בין צוגעקומען צו א מצב פון יאוש, אז איך האב געוואלט אפלאזן דאס אידישקייט רח״ל. אבער יעדער מאהל וואס איך האב געוואלט זינדיגן איז מיר געקומען אויפ׳ן געדאנק און אין מיין הארץ, דער ברכת כהנים פון מיין חבר הי״ד, איידער מ׳האט אים גע׳הרג׳ט, און דאס האט מיך מחזק געווען, און מיך אפגעהאלטן פון ח״ו טוען קעגן דעם רצון ה׳. און אויף אייער פראגע פארוואס איך גיי ארויס פון בית המדרש פאר ברכת כהנים, וועל איך אייך זאגן: ווען די כהנים שפרייטן אויס זייערע טליתים, דערמאן איך מיך פון יענעם ברכת כהנים אין אושוויץ, ברעך איך אויס אין א יאמערליכער געוויין, און וויבאלד איך וויל נישט אז מ׳זאל מיך הערן וויינען, גיי איך ענדערש ארויס אינדרויסן און וויין מיך אויס דארט אליין... *(גליון ״קול ברמה״, בני ברק - הרב מ.מ. צורן הי״ו).*

״מוסר נפש אצינד צוליעב שלום...״

ונקדשתי בתוך בני ישראל (אמור כב:לב)

הרה״ק רבי שמואל מסלונים זי״ע פלעגט פאהרן צו הרה״ק רבי דוד משה מטשורטקוב. אמאהל האט זיך איינער פון די קהילות געוואנדן צום הייליגן טשורטקובער, וועגן א שטאלצער און עקשנות׳דיגער

ראש-הקהל, וואס מאכט אהן מחלוקות אין שטאט. האט דער רבי געבעהטן פון רבי שמואל, ער זאל אהין פאהרן און מסדר זיין די זאך. איז רבי שמואל אהין געפאהרן, זיך געטראפן מיט׳ן ראש הקהל און אים געבעהטן ער זאל אפטרעטן און אפלאזן זיין ראש הקהל׳שאפט, כדי ס׳זאל זיין שלום אין שטאט. האט דער ראש הקהל געענטפערט: ״איך שפיהר אז אויב איך וועל אויפגעבן מיין ראש הקהל׳שאפט, וועל איך נישט קענען ווייטער לעבן און איך וועל ח״ו שטארבן״. האט אים רבי שמואל געזאגט: ״צוויי מאהל אין טאג לייענסטו ׳קריאת שמע׳, און דו ביזט אויף דיר מקבל מסירות-נפש פאר׳ן הייליג׳ן באשעפער. זיי דיך אצינד מוסר נפש פאר׳ן באשעפער צוליעב שלום! דער ראש הקהל האט געפאלגט די עצה פון רבי שמואל, ער האט אפגעלאזט דאס ראש-הקהל׳שאפט און ס׳איז געווארן צוריק שלום אין שטאט, און פארשטענדליך אז דער איד איז פון דעם נישט געשטארבן נאר געלעבט זיינע יאהרן בשלום ובשלוה.

״קיינער וועט זיך נישט אפלערנען...״

ביום השביעי שבת שבתון (אמור כג:ג)

הגה״ק רבי מאיר יחיאל, דער אסטראווצער גאון, איז געווען באקאנט מיט זיין גרויסע עבודה פון תעניתים און סיגופים. ער האט זיך בכלל נישט אומגעקוקט אויף זיין הייליגער גוף, נאר שטענדיג געפַאסט. ער פלעגט זאגן אויף זיך אז ער פראווועט נישט קיין ׳תעניתים׳, ער האט פשוט נישט קיין צייט צו עסן, זייענדיג פארנומען מיט לערנען תורה און עבודת ה׳. במשך פערציג יאהר האט ער געפאסט יעדער טאג, און אביסל געגעסן ביי חצות הלילה, גענוג אויף צו קענען זיך האלטן ביים לעבן. און נאך א שטיק צייט האט ער אנגעהויבן צו פַאסטן אויך שבת, און גארנישט טועם געווען במשך דעם שבת טאג. (אגב איז באקאנט וואס חסידים האבן געזאגט, אז די עבודה פונעם אסטראווצער גאון מיט זיינע תעניתים איז געווען מבטל צו זיין די שרעקליכע גזירות וואס האבן באטראפן כלל ישראל ביי די צווייטע וועלט מלחמה וואס האט אויסגעבראכן נישט לאנג נאך זיין הסתלקות. גענוי ווי דער תנא רבי צדוק האט געפאסט פערציג יאהר פאר׳ן חורבן הבית אז דער בית המקדש זאל נישט חרוב ווערן, האט אויך דער צדיק פראבירט איינצורייסן און מבטל זיין די שלעכטע גזירות וואס מ׳האט אים פון פריער געוויזן פון הימל וואס ס׳ווארט אפ אויף כלל ישראל רח״ל).

ס׳ווערט דערציילט א ווערטל, אז אמאהל האט דער צדיק געהערט איבער א געוויסער איד אין שטאט וואס האלט אפן זיין געשעפט אין שבת, און טראץ וואס ער אליין שטייט נישט שבת אין געשעפט, פיהרן זיינע גוי׳אישע ארבייטער דאס געשעפט. דער אסטראווצער גאון האט אים געלאזט רופן און גע׳מוסר׳ט אז ס׳איז נישט אויסגעהאלטן דאס וואס ער טוהט און ער איז מחוייב געגצליך צו האלטן דאס געשעפט פארמאכט אין שבת וויבאלד ס׳איז א ענין פון חילול שבת. דער איד האט זיך נישט געוואלט ברעכן, און ער ענטפערט צוריק פארן צדיק, ״דער רבי איז דאך אויך מחלל שבת מיט זיינע תעניתים וואס ער פאסט אין שבת וואס איז נישט אויסגעהאלטן על פי הלכה״. האט אים דער רבי געענטפערט, ״יא יא, דער חילוק איז אבער אז פון מיין חילול שבת וועט זיך קיינער נישט אפלערנען און קיינער וועט מיך נישט נאכמאכן, אבער פון דיין חילול שבת יא״.

מיין שבת אוצר



(ה)

הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימינוב זי"ע

"דברי מנחם - מנחם ציון" - י"ט אייר תקע"ה

הולדתו: הרה"ק רבי מנחם מענדל טורם איז געבוירן געווארן אין יאהר תק"ה אינעם שטעטל נוישטאט, צו זיין פאטער הרב הגדול רבי יוסף חריף און זיין מוטער מרת ליבא די טאכטער פון הרב נתן שפירא א דאפעלטער אייניקל פונעם מגלה עמוקות פון קראקא, און אויך אן אייניקל פונעם ט"ז. זכר צדיקים לברכה.

האיש מקדש: מרת רבקה די טאכטער פון א גביר פון פריסטיק. זכר צדיקים לברכה.

תולדותיו: 1) הבכור רבי נתן יהודה לייב, באקאנט אלס רבי נתן לייב דער פאטער פון רבי אלימלך טורם פון גורליץ. 2) רבי ישראל יעקב. 3) מרת פיגא אשת רבי קלונימוס קלמן מלנצהוט בן רבי יעקב, תלמידו של החוזה מלובלין. 4) מרת חנה, אשת רבי מרדכי אבד"ק זילקובא ואחר כך אבד"ק רומנוב. זכר צדיקים לברכה.

רבותיו: רבי ר' שמעלקא מניקלשבורג. הרה"ק רבי ר' אלימלך מליזענסק. זכר צדיקים לברכה.

מתלמידיו: צום רבי ר' מענדל'ע זענען געפאהרן רוב צדיקי הדור צווישן זיי (לפי סדר א"ב) רבנים און רבי'ס וואס האבן באלויכטן כלל ישראל: 1) רבי אברהם זאב פרענקל אבד"ק פשעווארסק, מח"ס "משיב כהלכה". 2) רבי אליעזר ליפא מחמעלניק, בן הרבי ר' אלימלך, ה"אורח לצדיק". 3) רבי ארון לייב מפרימישלאן. 4) רבי אשר'ל ראפשיצער מח"ס "אור ישע". 5) דער סבא קדישא רבי ישכר בער פון ראדישיץ. 6) רבי זלקי מצאנז. 7) רבי יהודה צבי מראזלא, מח"ס "עמוד התורה". 8) רבי יהושע דינובער. 9) רבי יוסל'י מיארטשוב. 10) רבי יחזקאל פאנעט, מח"ס "מראה יחזקאל". 11) רבי יעקב יצחק מפרשיסחא, ה"יוד הק'". 12) רבי יעקב צבי יאלעס, מח"ס "מלא הרועים". 13) רבי מאיר'ל אפטער, מח"ס "אור לשמים". 14) רבי מנחם מענדל מלינסק, מח"ס "לקוטי מהר"ם"). 15) רבי מנחם מענדל מסטריזוב, מח"ס "שובע שמחות". 16) רבי משה טייטלבוים, ה"ישמח משה". 17) רבי משה סאמבורער, מח"ס "תפלה למשה". 18) רבי משה סופר מפשעווארסק, ה"אור פני משה". 19) רבי משולם פייביש מזבאריז, ה"יושר דברי אמת". 20) רבי נפתלי צבי מראפשיץ, ה"זרע קודש". 21) רבי צבי הירש מזידיטשוב ה"עטרת צבי". 22) רבי ר' הירש מרימנוב, ממלא מקומו, מח"ס "בארות המים". 23) רבי צבי אלימלך מדינוב, ה"בני יששכר". 24) רבי קלונימוס קלמיש, ה"מאור ושמש". 25) רבי שמעון יערוסלובער, מח"ס "תורת שמעון". 26) רבי שלמה לייב מלענטשנע ועוד. זכר צדיקים לברכה.

על כסא ממלכתו: רימינוב.

ספריו: "דברי מנחם". "מנחם ציון". "עטרת מנחם. "אילנא דחיי". "תורת מנחם".

פטירתו: הרה"ק רבי ר' מענדל'ע מרימינוב איז נסתלק געווארן י"ט אייר תקע"ה, ל"ד בעומר.

"בוצין בוצין מקטפי' ידיע"

זיין טאטע הגאון רבי יוסף חריף, אבד"ק פינטשוב, האט דורך א גרויסע מצוה פון חסד וואס ער האט געטון, וואס ער האט אוועק געגעבן זיין גאנצן פארמעגן פאר א צובראכענע אלמנה מיט איהרע זיבן יתומים, זוכה געווען אז פון הימעל האט מען אים געשאנקען אזא הייליגע נשמה ווי רבי ר' מענדל'ע. אין זיין יוגנד האט רבי ר' מענדל'ע געלערנט אין ביהמ"ד פון הנגיד רבי דניאל יפה אין בערלין, וואו ס'האבן געלערנט גדולי עולם, ווי דער בעל ה"פרי מגדים" און נאך. דארט איז ער געזיצן און געלערנט מתוך הדחק און געדינט דעם באשעפער, און ביינאכט האט ער געלערנט צו די שיין פון די לבנה און אזוי איז ער אויסגעשטיגן אלס א גרויסער גאון וקדוש. דערנאך האט ער געלערנט ביי רבי ר' שמעלקא מניקלשבורג. רבי ר' מענדל'ע האט געהאט גרויס חשק אין לערנען רי"ף [צדיקים האבן געזאגט אז זיין שורש נשמה איז געווען פונעם רי"ף]. אמאהל האט ער זיך געמוטשעט צו פארשטיין א שטיקל רי"ף און אינמיטן האט ער איינגעדרימלט, איז דער רי"ף אים געקומען אין חלום, און געזאגט: אין פולין, אין די שטאט ליזענסק וואוינט א צדיק, דער רבי ר' אלימלך, און דו זאלסט צו אים פאהרן! און אזוי איז דער רבי ר' מענדל'ע נאהנט געווארן צום רבי'ן ר' אלימלך, און געווארן פון זיינע גרויסע תלמידים. ס'איז באקאנט אז פאר די פטירה פונעם רבי ר' אלימלך, האט ער איבערגעגעבן פאר זיינע פיהר תלמידים זיינע הימלישע כוחות: פאר'ן רבי'ן פון לובלין, האט ער איבערגעגעבן דעם כח פון זיינע הייליגע אויגן, צו זעהן פון איין עק וועלט ביז'ן אנדער'ן, און צוליעב דעם האט מען אים גערופן דער 'חוזה'. פאר'ן קאזשניצער מגיד, האט ער איבערגעגעבן זיין הארץ. פאר רבי ר' מענדל'ע מרימינוב, האט ער איבערגעגעבן זיין נשמה פון זיין מוח, און פאר'ן אפטער רב, האט ער איבערגעגעבן זיין כח הדיבור.

זוכה זיין צו שלימות הנפש אין ליזענסק

דער רבי ר' מענדל'ע האט געהאט גאר א גרויסע השתוקקות צו לערנען רי"ף, און ער האט דאס אדורך געלערנט הונדערט (100) מאהל! איינמאהל אינמיטן לערנען דעם רי"ף איז רבי ר' מענדל'ע נתעורר געווארן בתשובה שלימה, און ער האט געפיהלט אז ס'פעהלט אים א "מורה דרך",—א וועג ווייזער, ווייל ער האט נאך נישט זוכה געווען צו "שלימות הנפש". ער האט

ספר
מנחם ציון
אשר איזן הרב הגאון החסיד מו' יחזקאל פאנעט זלה"ה אב"ד ור"מ זיבענבערג בכתבות ומועדים למרות טהורות והידושי הורות דברים העומדים ברומו של עולם ויפה קדום מדבר קדוש ה' וגאון ישראל הצדיק המפורסם לגאון ולתפארת גדול מרכן שמו מו' מנחם מענדיל זוקל"ל אשר מקדם היה איזן ומסבו בק"ק פריסטיק ואחר תקנו האלו בק"ק רימנוב והרב מהר"י הנ"ל סידר הדברים אשר שמע מפי רבו הקדוש הנ"ל בלשון חכמים מרפא ללב כל קורא כמו ישמע הכם ויוסיף יראת ה' ונבונים ילמדו לקח:
הובא לבית הדפוס ע"י הנגיד המפורסם מוהר"ר משלם היללער בהמנוח מו"ה שמעון ארי' ז"ל
בטשערנאוויץ
בשנה ועלו מושיעים בהר ציון לפ"ק

פלוצלונג איינגעדרימלט, און ער האט געזעהן ווי דער הייליגער רי"ף זאגט אים, "פאהר קיין גאליציע, און גיי קיין ליזענסק צום גרויסן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע, וועסט דערגרייכן דיין מטרה". דער רבי ר' מענדל'ע האט זיך געשלעפט צופיס פון שטאט צו שטאט ווייל קיין געלט האט ער נישט געהאט, אויפ'ן וועג האט ער געהאט א שווערן נסיון, אבער ער האט זיך געשטארקט אויפ'ן יצר הרע, און ער איז מיט גרויס מסירת נפש גראטעוועט געווארן פון אריינפאלן אינעם נעץ פונעם יצר הרע. ווען ער איז אנגעקומען קיין ליזענסק און דער רבי ר' אלימלך האט אים געזעהן, האט ער אים געגעבן א זאג, "ברוך הבא יוסף הצדיק!" [ארויסברענגענדיג אז דער רבי ר' מענדל'ע האט עומד בנסיון געווען, אזוי ווי יוסף הצדיק אין מצרים]. ביים רבי ר' אלימלך איז געווען איינגעפירט אז ווען מען איז אריינגעגאנגען צו אים נעמען שלום האט מען געמוזט אנטוהן ספעציעלע קליידער, [לאנגע, און אויך נישט פון וואל, כדי עס זאל נישט זיין קיין

<<<<<<

מיין אוצר... "יומא דהילולא"

<<<<

הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימינוב זי"ע

- י"ט אייר תקע"ה -

חשש פון שעטנז]. דער זוהן פון רבי ר' אלימלך, הרה"ק רבי אלעזר איז געווען געשטעלט אכטונג צו געבן אז קיינער זאל זיך נישט אריינכאפן, אבער ווען דער רבי ר' מענדל'ע איז אנגעקומען צום רבי ר' אלימלך איז פונקט נישט דארט געווען רבי אלעזר, און רבי ר' מענדל'ע איז גלייך צוגעגאנגען צו רבי ר' אלימלך. ווען רבי אלעזר האט שפעטער באמערקט אז ס'שטייט ביי זיין טאטן איינער וואס גייט נישט אנגעטוהן מיט די קליידער וואס איז דארט אנגעגרייט, האט ער אים געוואלט אוועקשיקן, אבער דער רבי ר' אלימלך האט אים נישט געלאזט, זאגנדיג, "אויף די הייליגע נשמה ווארט איך שוין א סאך יאהרן"...

האסט נישט פארלוירן דיין עולם הבא

דער רבי ר' מענדל'ע האט חתונה געהאט אינגערהייט מיט די טאכטער פון א גרויסן עושר אין פריסטיק. מיט די צייט האט זיין שווער אנגעפאנגען פארלאנגען ער זאל גיין ברענגען פרנסה אין שטוב, ווען ער האט געזעהן אז ער קען ביי זיי גארנישט פועל'ן, האט ער זיי אויפגעהערט צו שטיצן און פארטריבן פון זיין הויז. רבי ר' מענדל'ע איז געזיצן א גאנצן טאג אין ביהמ"ד על התורה ועל העבודה, און די רעבעצין האט געארבעט עפעס צו פארדינען, און זי פלעגט אים ברענגען אין בית המדרש יעדן טאג עפעס צו עסן. איינמאהל האט זי גארנישט פארדינט און נישט געהאט וואס צו ברענגען. אזוי איז אדורך דריי טעג און ס'איז נישט געווען וואס צו עסן. איז די רעבעצין אריבערגעלאפן צום בעקער און זיך געבעהטן ביי אים ער זאל איר געבן אביסל ברויט פאר איר מאן. האט דער בעקער איר אנגעשריגן און זיך אנגעבייזערט: "פאר דיר מיט דיין מאן געב איך גארנישט, זאל ער גיין ארבעטן! די רעבעצין בעהט זיך צו אים מיט טרערן אין די אויגן, "געב א שטיקל ברויט, מיין מאן האט שוין דריי טאג גארנישט געגעסן". האט דער בעקער איר געזאגט, "אויב איר וועט מיר אוועקגעבן אייער עולם הבא געב איך אייך א גאנצן ברויט, און אויך די קומענ'דיגע צוויי וואכן וועל איך אייך צושטעלן יעדן טאג א פרישע ברויט. בלית ברירה האט זי מסכים געווען צום געשעפט. זי האט אים אונטערגעשריבן א צעטל אז זי פארקויפט איר עולם הבא פאר די ברויט, זי האט גענומען דאס ברויט אין איז שנעל געלאפן אין בית המדרש און דאס געברענגט פאר איר הייליגן מאן. ווען רבי ר' מענדל'ע האט זיך געוואשן און געמאכט א המוציא, האט די רעבעצין אנגעהויבן צו וויינען. פרעגט רבי ר' מענדל'ע פארוואס וויינסטו? האט זי געענטפערט מיט א שווער הארץ, "כ'האב איבערגעלאזט מיינע עלטערן, אפגעלאזט די גאנצע משפחה, אוועק געלאזט דאס גאנצע עשירות, אלץ כדי צו האבן א מאן א צדיק און אים קענען באדינען, איך האב געטראכט ס'לוינט זיך צו פארלירן עולם הזה פאר מיין עולם הבא, אבער יעצט האב איך אלעס פארלוירן, כ'האב אוועק געגעבן מיין עולם הבא פאר'ן בעקער פאר דאס ביסל ברויט, און אזוי בין איך געבליבן מיט גארנישט". האט ער

איר בארואיגט, "וויין נישט, וויל ווען די ברענגסט מיר נישט אצינד דאס ברויט וואלט מיין חיות אויסגעגאנגען פון נישט עסן אזוי לאנג. די חז"ל זאגן: "כל המקיים נפש אחת מישראל כאלו קיים עולם מלא"—אז דו האסט מיך דערהאלטן ביים לעבן האסט זיך פריש איינגעקויפט עולם הבא, און וועסט זוכה זיין צו זיין צוזאמען מיט מיר אין איין מחיצה. און דו וועסט נאך האבן ביידע וועלטן עולם הזה מיט עולם הבא.

"לכבוד שבת קודש"

אמאהל ערב שבת האט זיך געמאכט, אז ס'איז נישט געווען קיין פיש אין שטוב אויף שבת קודש. איז רבי ר' מענדל'ס משמש, רבי ר' הערש משרת, געגאנגען אין מארק זוכן פיש לכבוד שבת. ער האט אומעטום געזוכט אבער ער האט נישט מצליח געווען צו טרעפן אפילו איין פיש. איז ער אריין געגאנגען צום רבי'ן ר' מענדל'ע דערציילן אז ס'איז נאך נישט דא קיין פיש אויף שבת. האט אים רבי ר' מענדל'ע געהייסן אז ער זאל צושטעלן א טאפ מיט וואסער אויפ'ן פייער און אריינלייגן דערין צוויבעל, ס'זאל זיין גרייט אריין צו לייגן דערין די פיש, און בשעת ער גרייט דאס אלעס צו זאל ער ארויסזאגן מיט'ן מויל די ווערטער "לכבוד שבת קודש." רבי ר' הערש משרת האט געטון אזוי ווי דער רבי האט אים געהייסן. מיטאמאהל ממש פאר'ן זמן, איז אנגעקומען א חסיד צום רבי'ן און געברענגט פיש לכבוד שבת. האט דער רבי ר' מענדל'ע געגעבן צו פארשטיין, אז באמת דורכ'ן כח פון די הייליגקייט פון שבת קומט אראפ אלע גוטע השפעות פון הימל. נאר כדי זוכה צו זיין צו די השפעות דארף מען ארויסזאגן מיט'ן מויל אז מען טוהט דאס לכבוד שבת קודש, און דורכדעם וואס רבי ר' הערש משרת האט ארויס געזאגט פון זיין מויל אז ער מאכט דאס לכבוד שבת קודש איז באלד אנגעקומען דער חסיד מיט די פיש. האט דער רבי ר' הערש משרת צוגעלייגט אז מיר טרעפן די זעלבע בחינה ביי ברכת כהנים, דער באשעפער אליין בענטשט די אידן מיט אלע ברכות, נאר כדי ס'זאל אראפקומען די אלע השפעות פעהלט אויס אז די כהנים זאלן ארויסזאגן די ברכות מיט זייער מויל.

איר וועט היטן דעם שבת וועט אלעס זיין גוט

אין די צייטן פון רבי ר' מענדל'ע האט דאס מלכות ארויס געגעבן א גזירה, אז אידן וואס וואוינען אין די דערפער, מוזן זיך אלע אריבערציען אין די גרויסע שטעט. די דארפס אידן וואס האבן געצויגן זייערע פרנסות פון די דערפער זענען געווען זייער באזארגט צוליעב די גזירה. האבן זיך אלע אינאיינעם פארזאמעלט אין רימינוב אויף שבת פ' בשלח ביים רבי'ן ר' מענדל'ע. פרייטאג צונאכט'ס האט דער רבי זיי גארנישט געזאגט. און שבת בייטאג ביי די סעודה האט ער זיי געזאגט אזוי: איר דארפ'ס אידן, זענט געקומען צו מיר איך זאל בעהטן פאר אייך, אז דאס מלכות זאל מבטל זיין די גזירה, אז מ'דארף פארלאזן די דערפער און קומען וואוינען אין די גרויסע שטעט. וויסן זאלט איר, אז "מאת ה' היתה זאת", דער באשעפער, וואס דאס הארץ איז אין זיינע הענט, האט אריינגעגעבן אין די הערצער פון די קעניגן און הארן, זייערע מיניסטארן און ראטגעבער זיי זאלן אייך פארטרייבן. וויל אויסער דעם וואס איר לעבט אויס אייערע יאהרן אין די דערפער און איר דאווענט נישט תפילה בציבור א גאנץ יאהר, ווערט איר אויך געשטרויכלט אין חילול שבת און איר האלט נישט אין די מצוה פון "לא תעשה כל מלאכה עבדך ואמתך ובהמתך אשר בשערך", ווען איר וועט אבער קומען וואוינען אין די גרויסע שטעט וואו ס'איז דא אידישע קהלות, וועט איר אייך דארט פיהרן מער אידיש און איר וועט מער היטן דעם שבת קודש. די אידן האבן אויסגעבראכן אין א געוויין, און צוגעזאגט, אז פון היינט און ווייטער וועלן זיי איינהאלטן אלס וואס דער רבי וועט זיי הייסן. האט זיי דער רבי ר' מענדל'ע געזאגט: די בעסטע עצה איז, איר זאלט נעמען אויף זיך צו היטן דעם הייליג'ן שבת, און דעמאלט וועט דער באשעפער ווידער אומקעהרן די הערצער פון די מיניסטארן און זייערע ראטגעבער, זיי זאלן נישט גוזר זיין אויף אייך קיין גזירות. וויל אזוי שטייט אין די תורה:

<<<<<<<

<<<<

הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימינוב זי"ע

- י"ט אייר תקע"ה -

(בשלח טז:כט) "שבו איש תחתיו". **"שבו"** איז א לשון "שבתון"—רוהען. אויב איר וועט רוהען און אפהיטן דעם שבת אזוי ווי דער באשעפער האט געהייסן, דעמאלט וועט זיין "אל יצא איש ממקומו"—איר וועט נישט דארפן פארלאזן אייערע היימען, און ס'וועט זיין "איש על מחנהו ואיש על דגלו"—יעדער וועט קענען בלייבן וואוינען אין די דערפער, אין זיין אייגענעם היים.

כח הפועל בנפעל

הרה"ק רבי ר' מענדל'ע האט געזאגט: ס'וואונדערט אסאך מאהל אז מ'זעהט קינדער וואס קליינערהייט גייען זיי אין חדר, לערנען פלייסיג, דאווענען עהרליך, ענטפערן אמן יהא שמיה רבה און אמן, און פיהרן זיך אויף וואויל, און שפעטער ווען זיי ווערן עלטער באקומען זיי שלעכטע מדות און זענען מבטל תורה ותפלה, פון וואס קומט דאס, די תורה ותפלה פון זייער יוגענט דער 'הבל פיהם תשב"ר שאין בהם חטא' וואלט דאך זיי געדארפט באשיצן אז זיי זאלן נאך מער שטייגן, בבחינת מצוה גוררת מצוה? נאר די סיבה איז, ווייל זייערע עלטערן געבן זיי צו עסן פון נישט עהרליך פארדינט געלט, און דאס גייט אריין אין זייער קערפער, און ס'מאכט זיי זאלן האבן שלעכטע תאוות און שלעכטע מדות. *(אגרא דפרקא)*

מבטל געווען די גזירה

דער הייליגער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק, איז אמאהל געזיצן ביים טיש, און ווען מ'האט אריינגעברענגט דעם טעלער עסן האט ער דאס איבערגעדרייט אויפ'ן טיש, האט זיין תלמיד דער רבי ר' מענדל'ע געשריגן: "רבי, וואס טוהט איר, מ'וועט אייך מסר'ן און אונז אלע ארעסטירן"! האט אים דער רבי ר' אלימלך בארוהיגט, "האב נישט קיין מורא, מיר זיצן דאך אלע דא". די מעשה איז געווען, אז א געוויסער שר א רשע האט זיך געגרייט צו שרייבן א בריוו מיט שלעכטע גזירות אויף אידן, ער האט פראבירט צו שרייבן צוויי מאהל און ס'איז נישט געלונגן, נאכ'ן דריטן מאהל האט ער מצליח געווען צו שרייבן א שיינעם בריוו, און ווען דער רבי ר' אלימלך האט איבערגעדרייט דעם טעלער, האט ער דורכדעם געמאכט אז די טינט האט זיך איבערגעדרייט אויפ'ן טיש פונעם שר, און דער גאנצער בריוו איז פארשמיהרט געווארן. און דער רבי ר' מענדל'ע האט דאס געזעהן ברוח קדשו, און ס'האט זיך אים געדאכט אז דער רבי ר' אלימלך איז ממש דארט, דעריבער האט ער געשריגן. *('מאמר מרדכי' סלאנים)*

צוגעזאגט גן עדן פאר זיין רעבעצין

הרה"ק רבי ברוך פון גארליץ, האט דערציילט: דער רבי ר' מענדל'ע, איז געווען גאר א גרויסער ארימאן, און וויבאלד ער פלעגט מאכן יעדער נאכט גלגול שלג, און זיין רעבעצין האט זייער רחמנות געהאט אויף אים ער זאל דערנאך נישט טרינקען קאלטע וואסער נאר ווארימע, פלעגט זי קלויבן ביינאכט שטיקלעך האלץ,

צו קענען אנווארימען הייס וואסער פאר אים. איינמאהל זענען די העלצלעך געווען פייכט, און ס'האט נישט גוט געברענט, האט זי געבלאזן אויף די העלצלעך ס'זאלן זיך אויסטריקענען, פלוצלונג איז געפליגן א פינק פונעם פייער אויף אירע אויגן, און זי איז ל"ע געווארן בלינד, און דער רבי ר' מענדל'ע האט איר צוגעזאגט אז זי וועט זיין צוזאמען מיט אים אין גן עדן. *(חמדה גנוזה)*

"מנחם שטיי אויף".

דער הייליגער "דברי חיים" פון צאנז האט דערציילט: יעדער נאכט ביי חצות האט מען אויפגעוועקט דעם רבי'ן ר' מענדל'ע פון הימעל, מ'פלעגט אים זאגן: "מנחם שטיי אויף". אמאהל האט ער געהערט אז מ'רופט אים: "רבי ר' מנחם שטיי אויף", האט ער זיך זייער מצער געווען אויף דעם כבוד, האט ער געפאסט אז מ'רופט אים מיט'ן טיטל רבי, און געבעהטן אז מ'זאל אים מער נישט רופן אזוי, אבער ס'האט נישט געהאלפן, ווייל מ'האט אים ווייטער גערופן מיט'ן טיטל רבי. אינעם טאג וואס זיין רבי דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק איז נסתלק געווארן, האט ער געהערט פון הימעל אז ער איז דער צדיק הדור, און וואס ער וויל און וועט בעהטן פון באשעפער וועט ערפוהלט ווערן. *(שם הגדולים החדש, בשם הרה"ק בעל מראה יחזקאל זצ"ל)*

המכבד את התורה

אמאהל זענען מיליטערלייט געקומען אויפ'ן יריד קיין רימינוב, איינצוקויפן שפייז פאר די מיליטער, און זיי האבן געזוכט א גרויסן מאגאזין צו קענען האלטן אלע שפייז. זענען זייערע אויגן געפאלן אויף די גרויסע שטאטישע שוהל, וואס איז זיי פונקט געפאלן פאר דעם צוועק. די ראשי הקהל זענען געלאפן צו רבי ר' מענדל'ע, זיי האבן אים צובראכענערהייט דערציילט פון די גרויסע צרה וואס האט זיי באטראפן, דאס מיליטער וויל צונעמען די שוהל און דאס נוצן אלס א פשוט'ע מאגאזין. אזוי רעדנדיג האט זיך איינער פון די ראשי הקהל אנגערופן אז ס'קען זיין אז עס איז נישט אזא גרויסער פראבלעם, ווייל דער דאך פונעם שוהל איז לעכעריג, ס'רעגנט אריין, און ווען די מיליטערישע פיהרער וועלן זעהן אז זייער סחורה גייט צוגרינד פון די רעגנס וועלן זיי זיכער אפלאזן די שוהל און זוכן א בעסערן פלאץ. ווען רבי ר' מענדל'ע האט דאס געהערט האט ער זיך אנגערופן: אויב אזוי, אויב די שוהל האט א פארלאזטן לעכעריגן דאך, איז דאך רעכט דאס וואס זיי ווילן דאס נוצן אלס א מאגאזין, אויב די אידן זענען נישט מכבד זייער הייליגן פלאץ, וואס זאלן די גוים שוין טוען? דער רבי האט געהייסן מ'זאל באלד פารרעכטן דעם דאך, די ראשי הקהל האבן געפאלגט, מער האבן זיי נישט געהערט קיין ווארט פון די מיליטער, זיי האבן זיך געטראפן א צווייטן פלאץ צו נוצן פאר א מאגאזין.

השפעות טובות פאר'ן כלל ישראל

אין די שפעטערע יאהרן פלעגט דער רבי ר' מענדל'ע זאגן צענדליגע יאהרן "תורה" אויף **פרשת המן**, און מיט דעם זאגן פלעגט ער משפיע זיין גרויסע השפעות טובות פון פרנסה טובה פאר'ן כלל ישראל. אמאהל האט דער רבי ר' מענדל'ע אנגעוואונטשן פאר איינעם עשירות און יענער איז געווארן אזא גרויסער עושר, אז ווען מען וואלט צוטיילט זיין פארמעגן פאר הונדערט מענטשן וואלט יעדער איינער פון זיי געווען א גרויסער עושר פאר זיך. ווען דער ראפשיצער רב האט געפרעגט רבי ר' מענדל'ע פארוואס ער האט משפיע געווען אזא גרויס עשירות בלויז פאר איין מענטש ס'וואלט דאך בעסער געווען צו טיילן דאס עשירות פאר הונדערטער מענטשן אז יעדער זאל האבן שפע ברכה והצלחה. האט אים רבי ר' מענדל'ע געענטפערט: איך האב דעם איד געוואונטשן געווענליכע עשירות, אבער אזוי ווי דער איד טיילט אוועק אסאך צדקה, האט אים דער באשעפער משפיע געווען מער און מער כדי ער זאל קענען טיילן וואס מער, פאר ארעמעלייט. אזוי ווי די ספרים הק' זאגן אז **"ונתנו"** (שמות ל) לייענט זיך אהין און צוריק דורכדעם וואס מען גיט צדקה איז דער באשעפער משפיע אויף צוריק נאך מער.

<<<<<<<

<<<<

הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימינוב זי"ע

- י"ט אייר תקע"ה -

חישב אדם לעשות מצוה

אמאהל ווען דער רבי ר' מענדל'ע איז געגאנגען אין מקוה, און די מקוה איז געווען צובראכן, האט ער געדארפט בלית ברירה אהיים גיין אהן א מקוה, האט ער נאכדעם געזאגט, היינט האב איך געהאט א מקוה מיט אלע כוונות, ווייל געווענליך ווען איך גיי אין מקוה האב איך נישט קיין כח אינזין צו האבן אלע כוונות, אבער היינט בין איך געווען אין א מצב פון 'חישב אדם לעשות מצוה ונאנס ולא עשאה מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה', און דער פסוק קען זיכער אינזין האבן אלע כוונות. *(בנין שלמה)*

און דער קלויסטער איז איינגעזונקען...

אמאהל איז רבי ר' מענדל'ע געקומען קיין ירוסלוב צו זיין חשוב'ן תלמיד הרה"ק רבי ר' שמעון מיערוסלוב. האט זיך דער רבי ר' שמעון פארקלאגט פאר'ן רבי'ן אז די גוים דא אין שטאט און הויפטליך די גלחים וואס וואוינען אינעם קלויסטער באהאנדלען די אידן זייער שלעכט און מאכן זיי שטענדיג צרות און שוועריקייטן, דערצו נאך שטייט דער קלויסטער אנטקעגן זיין הויז און שטערט אים שטענדיג מיט זיינע גלאקן וואס קלינגען אים יעדן שטיקל צייט און שטערן אים אין זיין עבודת ה'. רבי ר' מענדל'ע האט אים אויסגעהערט און איז אריבער צו א צווייטן שמועס. נאך שבת ווען דער רבי ר' מענדל'ע האט זיך געזעגנט אהיים צו פאהרן קיין רימונוב האבן אים א טייל חסידים באגלייט בראש פון זיין תלמיד רבי ר' שמעון. רבי ר' מענדלי איז ארויס פון שטוב און ארויף אויף א קליין בערגל וואס מ'זעהט פון דארט די גאנצע שטאט ירוסלוב, און דא האבן פלוצלונג די גלאקן פון קלויסטער אנגעהויבן קלינגען און טומלען, האט זיך דער רבי ר' שמעון אנגערופן: רבי דאס מיינען מיר! אויב אזוי, רופט זיך אן דער רבי ר' מענדלי, קומט און איר וועט מיר ארויסהעלפן! דער רבי ר' מענדלי האט אויפגעהויבן ביידע הענט און געזאגט: "רבונו של עולם העלף אז דער קלויסטער זאל איינזינקען אין די ערד". דער רבי ר' מענדלי האט זיינע הענט צוביסלעך און פאמעלעך אראפגעלאזט צו די ערד, און צוזאמען איז אנטקעגן איבער דער קלויסטער איינגעזונקען מיט די גלחים אין דער ערד.

אין די שטאט איז געווארן א גרויסער טומל און רעש פון די שוידערליכע געשרייען וואס האבן זיך געהערט פונעם קלויסטער. די גוים אינדרויסן זענען געקומען העלפן אבער ווער ס'האט זיך דערנענטערט האט אויך אנגעהויבן זינקען אזוי ווי ס'שטייט ביי קורח'ן "ותפתח הארץ את פיה ותבלע" וגו'. דריי טעג איז פונעם איינגעזונקענעם קלויסטער ארויס א רויעך, אזוי ווי ס'וואלט געברענט א קעסל, און שפעטער איז די ערד שטיל געווארן און דער באדן איז געבליבן גלייך און גלאט אזוי ווי ס'וואלט דארט פריער גארנישט געשטאנען קיין געביידע. די מעשה האט פאסירט אין יאהר תקס"ד און איז אויך באקאנט געווארן אין די גוי'ישע פרעסע אלס וואונדער וואס פלוצלונג אן

fot. Malgorzata Ploszaj

קיין אורזאך איז איינגעזונקען געווארן א קלויסטער מיט זיינע אלע מענטשן און פארשוואונדן געווארן פון די ערד, נישט איבער לאזנדיג קיין צייכן. כן יאבדו...

ער וועט זיין א מליץ יושר אויף די שטאט

י"ט אייר תקע"ה ל"ד בעומר, ווען אלע זיינע תלמידים זענען געשטאנען ארום זיין בעט האט דער רבי ר' מענדל'ע געהייסן מ'זאל אים באהאלטן אין רימינוב, און שטעלן אן אוהל איבער זיין ציון און אין אוהל מאכן א פענסטער וואס זאל זיין אפן אנטקעגן די שטאט. אויב די שטאט מענטשן וועלן זיך פיהרן על דרך התורה אזוי ווי ער האט זיי געלערנט און זיי וועלן אויספיהרן אלע תקנות וואס ער האט מתקן געווען ווי ס'דארף צו זיין, וועט ער א קוק טוען אויף זיי און זיין פאר זיי א מליץ יושר! ער האט אויך געזאגט אז ווער ס'וועט אנצינדן א לעכט אינעם טאג פון זיין יאהרצייט וועט ער אים א טובה טוען. דער רבי ר' מענדל'ע איז נסתלק געווארן מיט מיתת נשיקה און באהאלטן געווארן אין רימינוב י"ט אייר תקע"ה.

מקיים צו זיין די עשרת הדברות

כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע האט דערציילט אז אמאהל שבועות האט ביים דער רבי ר' מענדל'ע געשיקט זיין משמש רבי ר' הערש משרת אויסרופן, אז ווער ס'האט נישט מקיים געווען די עשרת הדברות זאל ארויסגיין פון ביהמ"ד. אזוי ווי דער הייליגער ראפשיצער רב איז אויך דארט געווען, איז ער ארויס פון ביהמ"ד. נו, אז דער עולם האט געזעהן אז דער ראפשיצער רב איז ארויס געגאנגען, האט שוין קיינער נישט געוואגט צו פארבלייבן אין ביהמ"ד, און דער רבי ר' מענדל'ע איז געבליבן אן קיין מנין...האט ער געשיקט נאכאמאהל דעם משמש רבי ר' הערש משרת אויסרופן, אז ווער ס'נעמט זיך אונטער פון היינט און ווייטער מקיים צו זיי די עשרת הדברות, קען צוריק אריינקומען...

דער הייליגער קאפטין

נאך די פטירה פון רבי ר' מענדל'ע האט זיין זוהן הרה"ק ר' נתן לייב נישט געוואלט זיין קיין רבי. האט ער פארקויפט חפיצים פון רבי ר' מענדל'ע כדי צו האבן פרנסה, און איין קאפטין האט ער פארקויפט פאר הרה"ק מצאנז, אבער ס'איז נישט געווען זיין מאס, פלעגט ער זיך צודעקן מיט דעם קאפטין יום הקדוש ווען ער פלעגט זיך אפרהוען פון די עבודת הקודש. פאר זיין הסתלקות האט הרה"ק מצאנז נישט גערעדט, און ער האט געוויזן מיט די הענט אז ער וויל זיך צודעקן מיט עפעס, זיין אייניקל הרה"ק רבי אשר מאיר מבאבניא האט געכאפט דעם קאפטין און ארויף געווארפן אויפ'ן צאנזער רב, האט ער דעמאלט געמאכט א תנועה אזוי ווי איינער אטעמט אפ, און ער האט טאקע געוואלט דעם קאפטין. *(שיח זקנים ח"ד)*

געצינדן אסאך לעכט

הרה"ק משיניאווא פלעגט צינדן אסאך לעכט אין טאג פון די יאהרצייט פון רבי ר' מענדל'ע. ער האט געזאגט אז א נשמה פון א צדיק וואס גייט נישט קומען נאכאמאהל אויף דער וועלט דארף מען צינדן אסאך לעכט פאר איר. **זכותו הקדוש וזכות כל הצדיקים תגן עלינו ועל כל ישראל. אמן.**

(מקורות: אור הצפון. עלים לתרופה. זכרונם לברכה. תולדות וסיפורי צדיקים-"נר יהושע". מעשי אבות. הילולא קדישא. ימי זכרון. שיח זקנים. דברי תורה לפ' השבוע. ועוד ותש"ח להם).

***

מאוצרות רבוה"ק

"י"ב חלות"

ולקחת סלת ואפית אתה שתים עשרה חלות (אמור כד:ה)

דער טעם פונעם מנהג פון י"ב חלות

ס'שטייט פון אר"י הק' אז ביי יעדער שבת'דיגע סעודה זאל מען האבן צוועלף חלות אויפ'ן שבת'דיגן טיש, וואס איז גלייך צו א מזבח. אזוי ווי ס'שטייט (יחזקאל מא:כב) **"וידבר אלי זה השלחן אשר לפני ה'"**. זעקס חלות אויף די רעכטע זייט און זעקס חלות אויף די לינקע זייט אין א פארעם ווי א סגו"ל, א רמז אויף די צוועלף חלות פונעם לחם הפנים וואס מ'האט אנגעגרייט אין בית המקדש יעדן שבת אויפ'ן גאלדענעם טיש. אזוי אויך אויף אונזער טיש וואס איז גלייך צו א מזבח זאל מען אנגרייטן צוועלף חלות. און אזוי איז דער נוסח ביים זמר "אתקינו סעודתא" וואס דער אר"י הק' האט מחבר געווען, ביינאכטס זאגט מען **"שכינתא תתעטר בשית נהמי לסטר"** — די שכינה זאל באקרוינט ווערן, דורך די זעקס ברויטן וואס ליגן אויף יעדע זייט, און שבת צופרי בעהטן מיר **"יגלי לן טעמי דבתריסר נהמי"**, — א בקשה, וואס מיר בעהטן אז דער באשעפער זאל פאר אונז אנטפלעקן דעם טעם פון די צוועלף חלות... וואס איז על פי סוד. די קדמונים שרייבן, אז נאר איינער וואס איז באקאנט אין ספרי קבלה און ער פארשטייט דעם ענין פון די י"ב חלות, מעג ער דאס לייגן אויף זיין שבת'דיגן טיש. *(אליה רבה)*

• י"ב חלות ביי אלע סעודות שבת.

רבוה"ק מבעלזא האבן געהאט י"ב חלות צו אלע סעודות שבת, אזוי ווי דער אריז"ל האט מתקן געווען, און אויפ'ן טיש זענען געלעגן צוועלף חלות. אפילו שבת אין יום טוב פסח, האבן רבותינו הק' געהאט צוועלף מצה'לעך וואס מ'פלעגט באקען ערב פסח צוזאמען מיט די אנדערע מצות מצוה לכבוד יום טוב.



סדר המערכה פון די י"ב חלות

צום שבת טיש האט מען צוגעגרייט דריי גרויסע חלות, איינס א גלאטע חלה, וואס מ'האט גערופן 'קוכען' און צוויי געפלאכטענע חלות, וואס מ'האט גערופן 'קויליטש'. אין די זייט פון די חלות האט מען צוגעגרייט ניין קלענערע געפלאכטענע חלות, ס'זאל זיין י"ב חלות, כמנהג הצדיקים צו האבן י"ב חלות אויפ'ן טיש.

• סדר המערכה

די גלאטע חלה האט מען געלייגט אויף די רעכטע זייט, מער אראפגעצויגן נענטער צו מרן זי"ע, און די געפלאכטענע חלה אויף די לינקע זייט, נאענט און אנגעלאנט אויף די רעכטע חלה, און די אנדערע געפלאכטענע חלה האט מען געלייגט לינקס נעבן די ערשטע געפלאכטענע חלה. מרן זי"ע האט בוצע געווען אויף די רעכטע גלאטע חלה וואס איז נאענט צו אים.

אין די זייט פון די רעכטע גלאטע חלה האט מען געלייגט פינעף קלענערע חלות צוויי פון אויבן צוויי פון אונטן און איינס אינדערמיט. און אין די לינקע זייט האט מען געלייגט צוויי קלענערע חלות פון אויבן און צוויי פון אונטן, און אלע חלות זענען געווען צוגעדעקט מיט א חלה דעקל. [נאך א גרויסע חלה אויף לחם משנה פאר שלש סעודות, גענוג גרויס צו טיילן שיריים פאר'ן גאנצען עולם]. די קלענערע י"ב חלות האט מען געבאקן יעדער וואך לכבוד שבת, (אין תל אביב האט דאס געבאקן הרה"ח ר' בירנבוים ז"ל וואס האט געהאט א בעקעריי נאענט צום שטוב פון מרן זי"ע און אין ירושלים פון די בעקעריי פון הרה"ח ר' זלמן בריזל ז"ל).

• חלוקת הי"ב חלות

נאכ'ן אויפשניידן די לחם משנה ביי שלש סעודות האט מרן זי"ע געגעבן די י"ב חלות פאר די גבאים, און זיי פלעגן דאס אוועק טיילן פאר וועמען זיי האבן געזעהן נויטיג. איינמאהל ביי שלש סעודות ווען דער משמש ר' גרשון האט גענומען די י"ב חלות, האט א רב וואס איז געזיצן ביים טיש, גענומען פון ר' גרשון'ס האנט צוויי י"ב חלות. ר' גרשון האט געפאדערט אז ער זאל אים צוריק געבן די חלות, אבער יענער האט נישט געוואלט. ווען מרן זי"ע האט באמערקט דעם וויכוח, האט ער נישט געוואלט אז ס'זאל ווערן א קריגעריי צווישן זיי, האט ער שמייכל'דיג געזאגט פאר ר' גרשון, **"ר' גרשון דו שטייסט נאך דא? אויב דו וועסט נישט שנעל באהאלטן די אנדערע חלות וועט ער פון דיר דאס אויך צונעמען."** ר' גרשון איז גלייך געגאנגען באהאלטן די אנדערע י"ב חלות און אזוי איז פארמיטן געווארן א קריגעריי.

צומאהל פלעגט מרן זי"ע הייסן די גבאים צו געבן א י"ב חלה פאר פארשידענע מענטשן וואס האבן זיך גענויטיגט אין א ישועה, אדער אלס אן אויסדריק פון הכרת הטוב וכדו', און אנגעזאגט אז מ'זאל באהאלטן די י"ב חלה אלס א שמירה און א סגולה פאר ברכה והצלחה. אזוי אויך ווען קינדער פלעגן אריינקומען צו מרן זי"ע און דערציילן אז זיי האבן זיך פארהערט פרקים משניות אדער בלעטלעך גמרא, האט מרן זי"ע געהייסן פאר די גבאים מ'זאל זיי געבן א מתנה א י"ב חלה אלס אן אויסדרוק פון שאצונג און חיזוק. מרן זי"ע פלעגט צומאהל טיילן פון די י"ב חלות פאר די תלמידים פון די תלמוד תורה דחסידי בעלזא אין ירושלים עיה"ק, וואס האבן זיך אויסגעצייכנט אין לערנען און התמדה. דער גבאי הרה"ח ר' שלום פויגל פלעגט צומאהל קומען בשליחות פון מרן זי"ע, צו פארהערן די קינדער, און מרן זי"ע האט געשיקט מיט אים עטליכע י"ב חלות דאס צו טיילן פאר די תלמידים וואס האבן זיך דערמיט געפרייט כמוצא שלל רב אויף די טייערע און חשובע מתנה, און דאס געהאלטן פאר שמירה און הצלחה. *(הליכות הצדיקים שב"ק)*

• דער סאדיגורא רבי שיקט פרעגן וועגן די י"ב חלות

ס'איז באקאנט די הייליגע עבודה וואס כ"ק מרן מהר"א זי"ע האט פארארבעט מיט תפילות ותחנונים, ווינטער שנת תשט"ז, ווען אין ארץ ישראל האט געהערשט א מלחמה [סיני], אזוי ווייט אז איין שבת האט מרן זי"ע נישט געפיהרט פרייטאג צו נאכט'ס א טיש, נאר איז געשטאנען לאנגע שעות און

<<<<<<<

מַיין אוֹצָר...וואונדער פון די תורה... 'י"ב חלות'...

<<<<<<<

מתפלל געווען לישועתן של ישראל, און איידער'ן עלות השחר האט מרן זי"ע געבעהטן פונעם משמש ער זאל אים מוצא זיין מיט קידוש. יענעם זונטאג אינדערפרי האט דער סאדיגורא רבי, הרה"ק רבי אברהם יעקב זצוק"ל, געשיקט איינע פון זיינע נאענטע מענטשן ער זאל גיין אויסגעפונען, וואס ס'הערט זיך ביי מרן זי"ע אין שטוב, זאגענדיג מיט צארג: אינדערהיים אין סאדיגורא, האב איך געהאט שבת י"ב חלות. יעצט ווען איך וואוין אין תל אביב האב איך אויפגעהערט בוצע זיין שבת אויף י"ב חלות, און איך בין יוצא מיט דעם וואס אין די שטאט וואוינט א צדיק וואס האט י"ב חלות. פון ווען האדמו"ר הקדוש מבעלזא וואוינט אין תל אביב, איז אלע שבתות וואס ער געפונט זיך דא, פארלאז איך זיך אויף אים מיט די י"ב חלות. און יעדער שבת נאכ'ן מאכן קידוש און עסן סעודת שבת, בין איך ממשיך מיט מיין סדר היום ביז דער בעלזער רב מאכט קידוש און איז בוצע אויף די י"ב חלות, אבער דעם שבת האב איך נישט געשפּירט אז ער האט בוצע געווען אויף די י"ב חלות, דעריבער בעהט איך דיך זאלסט גיין און פרעגן וואס דער בעלזער רב מאכט און צו ער שפּירט זיך גוט? און ס'האט זיך טאקע ארויסגעוויזן אז אין יענעם שבת האט מרן זי"ע נישט געפּירט זיין הייליג'ן טיש. נאר איז געשטאנען און מתפלל געווען לאנגע שעות פאר כלל ישראל. *(הליכות הצדיקים שב"ק)*

• "דאס איז די חלה פון עלטער זיידן ז"ל"

דער בילגורייא רב זי"ע שרייבט אין די כתבים אזוי: ווען כ"ק אחי [מרן מהר"א זי"ע] שליט"א, איז געפאהרן קיין סטאלין צו די חתונה פון מיין אינגערע ברודער הרה"ק רבי שלום אפטא זצ"ל וואס האט חתונה געהאט י"א שבט תרפ"ח מיט די אינגסטע טאכטער פון הרה"ק רבי ישראל מסטאלין זצוק"ל באקאנט אלס דער "ינוקא", האבן די קינדער פון הרה"ק רבי ישראל מסטאלין זי"ע דערציילט פאר מרן זי"ע, אז זיי האבן ביי זיך א י"ב חלה, וואס דער זיידע הרה"ק רבי אשר השני פון סטאלין זי"ע האט באקומען פון מרן מהר"ש זי"ע זייענדיג אין בעלזא, אבער זיי האבן נאך א י"ב חלה וואס דער זיידע הרה"ק רבי אשר האט באקומען פונעם נעשכיזער [הרה"ק רבי איציק'ל] און די י"ב חלות האבן זיך אויסגעמישט און זיי ווייסן נישט וועלכע חלה איז פון וועמען. האט דער ברידער שליט"א [מרן מהר"א זי"ע] געבעהטן מ'זאל אים ווייזן ביידע חלות, און ער האט באלד אנגעוויזן אויף איין חלה און געזאגט: **"די חלה איז פון עלטער זיידן ז"ל".** *(הליכות הצדיקים שב"ק)*

[איין גירסא זאגט אז די צווייטע י"ב חלה איז געווען פון הרה"ק רבי מאיר'ל פרעמישלאנער, און איין גירסא זאגט אז ס'איז געווען פונעם אפטא רב זי"ע].

• די חלות זענען נישט פארשעהמט געווארן

די פרוי פון הרה"ח ר' נפתלי ווינער (גאטעסמאן) ז"ל, מרת רייצא ע"ה, האט געהאט א מנהג צו באקן פאר מרן מהר"א זי"ע, י"ב חלות לכבוד שבת קודש. זי האט שוין געהאט איינגעפיהרט דעם מנהג, נאך ווען מרן זי"ע איז געווען אין די שטאט וויען, איידער די צווייטע וועלט מלחמה.

א גרויסע עבודה פון תמימות און עהרליכקייט, תחינות און בקשות האט מרת רייצא אריינגעלייגט ביים זיפן די מעהל און באקן די חלות, [זי האט געשיפט די מעהל דרייצן מאהל אזוי ווי ביים לחם הפנים אין בית המקדש] און מרן זי"ע פלעגט איר שטארק מכיר טובה זיין דערפאר. אמאהל שוין אין ארץ ישראל, האט דער גבאי געוואלט מזכה זיין א



י"ב מצה פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
שנת תשע"ד

צווייטן איד מיט ברענגען די י"ב חלות צום שלש סעודות טיש פון מרן זי"ע, און דער גבאי האט אוועק געלייגט דעם איד'ס י"ב חלות אויפ'ן טיש. מרת רייצא האט אראפגעקוקט פון די ווייבער שוהל, און באמערקט אז די י"ב חלות וואס ליגן אויפ'ן הייליג'ן טיש זענען נישט איהרע חלות. ס'האט איר א ציפ געגעבן ביים הארץ, אבער זי האט גארנישט געקענט זאגן, נאר צוזעהן מיט ווייטאג ווי מרן זי"ע וועט נוצן יענעמ'ס י"ב חלות, און נישט איהרע חלות וואס זי האט ספעציעל געבאקן פאר מרן זי"ע. אבער אט איז געשעהן א וואונדערליכע זאך. מרן זי"ע איז אריין געקומען צום שלש סעודות טיש און קוקט אויף די חלות. ער פרעגט דעם גבאי'ן אויב מ'האט אוועק געלייגט די חלות וואס ר' נפתלי ווינער האט געברענגט? "ניין!", ענטפערט דער גבאי. "ווי זענען די חלות?" פרעגט אים מרן זי"ע. "זיי זענען נישט דא!" ענטפערט דער גבאי דערשראקען. "אויב אזוי", זאגט מרן זי"ע מיט א פעסטקייט, "וועט מען זיך נישט וואשן צו שלש סעודות!" און זעצט זיך אוועק אויפ'ן בענקעל. די גבאים און משמשים זענען זיך צולאפן אין אלע ריכטונגען אויפצוזוכן די חלות פון ר' נפתלי ווינער, און ווען מ'האט זיי געטראפן, האט מען זיי אוועק געלייגט אויפ'ן טיש, און מרן זי"ע האט זיך גלייך געוואשן צו שלש סעודות. די גאנצע צייט, איז מרת ראצא געשטאנען און געווישט די טרערן פון איהרע אויגן, זאגענדיג שטילערהייט: "נאר דער באשעפער מיט'ן הייליג'ן רב, ווייסן וויפיהל טרערן און מיה איך האב אריינגעלייגט אין די חלות, און ב"ה די חלות זענען נישט פארשעהמט געווארן!" *("בקדושתו של אהרן" חלק ב')*

• "חסידים האבן געוואוסט וואס צו טוען".

הרה"ח רבי בעריש אורטנער פון היבנוב-תל אביב ז"ל האט דערציילט אז דער חסיד ר' יעקב ארי' כ"ץ ע"ה האט אים אמאהל געוויזן א י"ב חלה וואס מרן מהר"ש זי"ע האט אים געגעבן, און ביי א געלעגנהייט האט דאס ר' בעריש דערציילט פאר מרן מהר"א זי"ע, אז ער האט געזעהן ביי א חסיד די י"ב חלה פון מרן מהר"ש זי"ע. האט אים מרן זי"ע געפרעגט: "און וואס טוהט יענער מיט די חלה אין פסח?" האט ר' בעריש געענטפערט: ער פארקויפט די חלה פאר א גוי צוזאמען מיט זיין חמץ, האט מרן זי"ע געשמייכלט און געזאגט: **"חסידים האבן געוויסט וואס צו טוען".** *(הליכות הצדיקים שב"ק*

<<<<<<<

<<<<<<<
(דף רי"ח)

• "פארברענט די י"ב חלה ערב פסח".

הרה"ג רבי אליקים שלעזינגער, האט דערציילט אז אלס בחור האט ער זיך אסאך מסתופף געווען בצל מרן מהר"א זי"ע, און צו זיין חתונה וואס איז געווען אין כסלו תש"ה האט אים מרן זי"ע געגעבן אלס דרשה געשאנק א י"ב חלה. יענער תקופה, שילדערט רבי אליקים איז געווען זייער שווער מיט פרנסה אין ארץ ישראל, מענטשן האבן פשוט געהונגערט פאר א שטיקל בויט, און ביי אים, פון ווען ער האט באקומען די י"ב חלה האט גארנישט געפעהלט ס'איז געווען ממש בגדר נס. אבער ס'איז געקומען ערב פסח האט ער די י"ב חלה פארברענט מיט'ן חמץ, און פון דעמאלט האט זיך אויפגעהערט דאס רחבות, און ער האט נישט געהאט קיין פרנסה. *('אור הצפון' קובץ כד:עד)*

• "פינעף פונט פאר'ן גבאי'ן, און פינעף פאר מיר..."

בשעת די מלחמה אין ארץ ישראל, ווינטער תש"ח, האט איין טאג אנגעכאפט הרה"ח ר' משה פרידמאן פון ירושלים שטארקע בויך ווייטאג און געפעהרליכע שמערצן (ר' משה איז געווען דער זוהן פונעם באקאנטן אתרוגים סוחר ר' מנדל פרידמן וואס האט געהאט די חזקה צו שיקן אתרוגים קיין בעלזא לרבוה"ק נאך פאר די מלחמה, און מרן זי"ע פלעגט אים רופן בלשון חיבה "מגדל פון די אתרוגים"), און ער האט זיך נישט געקענט אן עצה געבן, און ס'איז נישט געווען מעגליך זיך צו קענען מזכיר זיין ביי מרן זי"ע וואס האט געוואוינט אין תל אביב, וויל צוליעב די מלחמה זענען אלע וועגן געווען פארמאכט מ'קען נישט אריין און נישט ארויס. איין טאג טרעפט ער דעם גבאי הרה"ח ר' הלל ווינד וואס האט געוואוינט אין ירושלים, און ער דערציילט אים זיין צרה וועגן זיין קרענק און ווייטאגן. זאגט אים ר' הלל, איך האב ביי מיר א י"ב חלה פונעם הייליג'ן טיש פון מרן זי"ע, איך געב דיר דאס א מתנה,



י"ב מצה פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א שנת תשנ"ו

און דו זאלסט אריינלייגן אינעם עסן עטליכע ברקלעך פון די י"ב חלה און אין דעם זכות וועסטו אוודאי האבן א רפואה שלימה, און אזוי איז טאקע געווען, נאך א קורצע צייט זענען אלע שמערצן און בויך ווייטאג אוועק און ער איז אינגאנצן געזונט געווארן. ביים ערשט'ן געלעגנהייט ווען די וועגן קיין תל אביב האבן זיך געעפנט, איז ר' משה געפאהרן קיין תל אביב, ער איז אריין צו מרן זי"ע און דערלאנגט א קוויטל מיט א פדיון פון צעהן פונט, (א גאר שיינע סומע דעמאלט) פאר די ישועה וואס ער האט זוכה געווען צו האבן פון די י"ב חלה. ווען ר' משה האט געזעהן אז מרן זי"ע האט באמערקט די גרויסע סומע וואס ער האט געגעבן, וואס געוועהנליך האט ער געגעבן בלויז א פונט, האט ער דערציילט פאר מרן זי"ע די גאנצע מעשה מיט די י"ב חלה. האט זיך מרן זי"ע אנגערופן: **"אויב אזוי קערט דאך דער פדיון פאר הלל"**. האט ר' משה געענטפערט: אבער די סגולה פון די י"ב חלה איז דאך געווען פונעם כח פון מרן זי"ע, און דער גבאי איז דאך בלויז געווען א שליח, און פאר'ן גבאי וואלט ער נישט געגעבן אזא גרויסער סכום". האט מרן זי"ע געהייסן רופן ר' הלל, און אים געזאגט: די י"ב חלה באלאנגט דאך פאר'ן גבאי'ן, אויב אזוי קומט דאך דיר א חלק פונעם פדיון, דעריבער וועל איך מאכן א פשרה, פינעף פונט פאר'ן גבאי'ן, און די אנדערע פינעף פונט פאר מיר, און מרן זי"ע האט געפרעגט: "הלל ביסט מסכים, משה ביסט מסכים" פארשטענדליך אז זיי האבן מסכים געווען אויפ'ן 'עסק' און זיי האבן אזוי געטוען.

מאוצרות הצדיקים

"י"ב חלות"

• עניין י"ב חלות

פארוואס מ'האט אנגעגרייט צוועלף חלות אין בית המקדש, און פארוואס די חלות זענען שטענדיג געליגן אויפ'ן טיש. זאגט דער רמב"ם (מורה נבוכים) אז ער האט נישט געטראפן קיין טעם דערויף.

אבער למעשה שרייבט דער רדב"ז אין זיין ספר מצודת דוד, וויל פון בית המקדש גייט ארויס אן השפעה פון שפייז אויף דער גאנצער וועלט.

• קעגן די צוועלף מזלות

דער 'בעל הטורים' (פ' אמור כד:ו) זאגט א טעם אויפ'ן לחם הפנים, וויל די צוועלף חלות זענען א רמז אויף די צוועלף מזלות וואס דרייען זיך ארום די גאנצע וועלט פיהר און צוואנציג שעה אין טאג, דעריבער האט מען אנגעראכטן פונקט זעקס חלות אויף יעדער זייט פונעם טיש, א רמז אויף די זעקס טעג פון דער וואך וואס די וועלט איז באשאפן געווארן, כדי מ'זאל וויסן אז די גאנצע וועלט איז נאר באשאפן געווארן צוליב די אידישע קינדער.

נאך א טעם שטייט: ס'איז מרמז אויף די צוועלף מלאכים וואס נעמען ארום דעם כסא הכבוד. *(רבינו בחיי, אמור, אות ז)*

• משפיע ברכה און פרנסה

נאך א טעם פארוואס מ'האט אפגעראכטן די לחם הפנים זעקס חלות אויף יעדער זייט, וויל דער לחם הפנים האט משפיע געווען ברכה און פרנסה סיי אויף די פריער'דיגע זעקס טעג, און סיי אויף די קומענ'דיגע זעקס טעג פון דער וואך. *(שלום רב)*

נאך א טעם שטייט, וויל ס'איז מרמז אויפ'ן אות ה' פונעם שם הוי"ה וואס מ'קען אויסלייגן אויף צוועלף אופנים, און אן אנדייט אויף יעקב אבינו וואס האט געבוירן צוועלף שבטים.

דער 'דגל מחנה אפרים' האט געהאט א כתב יד פון זיין זיידן דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע, און דארט איז געשטאנען א גאר פלא'דיגער טעם פאר די י"ב חלות, וויל די נביאים פון תרי-עשר האבן געהאט א שטארקע טענה, פארוואס ווען מ'דערמאנט א פסוק פון ישעי' אדער פון ירמי', יחזקאל, דערמאנט מען דעם נאמען פונעם נביא, און ווען מ'זאגט א פסוק פון 'תרי עשר' דערמאנט מען נישט דעם נאמען

<<<<<<<

פונעם נביא? האבן די חכמי הסוד, אלס א פיוס פאר די צוועלף נביאים, מתקן געווען אז מ'זאל נעמען שבת י"ב חלות. *(דגל מחנה אפרים)*

ס'ווערט דערציילט אז דער אר"י הק' זי"ע האט יעדער חלה אנגערופן מיט א נאמען פון די צוועלף נביאים וואס ווערן דערמאנט אין תרי עשר. *(פנינים ואבני חפץ בשלח עמ' נ"ז)*

• צוועלף מאהל 'שבת' אין די תורה

ס'שטייט (מדרש תלפיות ענף דם, בשם רבינו בחיי פ' ראה) אז 'שבת' ווערט צוועלף מאהל דערמאנט אין די תורה, דאס איז א רמז אויף די צוועלף שבטים, וואס יעדער שבט איז ווערד אז אין זיין זכות אליין זאל די וועלט באשאפן ווערן, ווי דער פסוק (דברים לב:ח) זאגט: "יצב גבולות עמים למספר בני ישראל,"—די וועלט שטייט אויף צוועלף זוילן, וואס זענען מרמז אויף די צוועלף שבטים. און דערפאר גרייט מען צו צוועלף חלות. *(הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע)*

דער 'ישמח משה' זי"ע מיט זיין גרויס עניוות, האט געזאגט: ער נעמט נישט קיין י"ב חלות צום שבת'דיגן טיש, ווייל מ'האט אים נישט מגלה געווען פון הימל דעם טעם דערפון. *(ספר ישמח משה ח"ג)*

• ווער מעג נעמען י"ב חלות

די חז"ל ברענגען בכלל נישט קיין מקור אויפ'ן ענין פון י"ב חלות, נאר אין כתבי האריז"ל און אין הייליגן זוהר ווערט דאס ערקלעהרט, דעריבער איז דא א מחלוקות צווישן די פוסקים ווי אזוי מ'זאל זיך פיהרן מיט דעם.

דער באר היטב צייכנט אהן פון רבי חיים וויטאל זי"ע פון זיין ספר הכוונות אויפ'ן ענין פון י"ב חלות, צו יעדער סעודה פון שבת. *(סי' רע"ד סק"ב)*

אין ספר אליה רבה שטייט אז נישט יעדער איינער מעג נעמען צוועלף חלות, נאר אזא איינער וואס ער איז באקאנט אין ספרי קבלה וואס פארשטייט דעם ענין פון די צוועלף חלות. *(שם)*

דער שערי תשובה (סי' רע"ד סק"א) זאגט: אפילו מ'קען נישט די כוונות פון די י"ב חלות, אויב וויל ער זיך פיהרן ווי ס'פיהרן זיך די



י"ב מצה פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א שנת תשס"ח

וואס קענען יא די כוונות און ער איז מכוון דערמיט צו טוען דעם ווילן פון באשעפער מעג ער נעמען י"ב חלות.

• י"ב חלות יעדן שבת און אין יעדער שטאט

דער שיניאווא רב זי"ע האט נאכגעזאגט בשם דעם רבי'ן פון לובלין זי"ע: אין יעדער שטאט דארף זיין כאטש איינער א מיוחד און א חשוב, וואס זאל האבן אויף זיין שבת טיש י"ב חלות, אזוי ווי די צוועלף ברויטן וואס מ'האט אפגעראכטן אויפ'ן שולחן לחם הפנים. דעריבער שטייט דא '**תמיד**', "ביום השבת יערכנו לפני ה' תמיד (אמור כד:ח)—אז אויך אצינד בזמן הגלות ווען מיר האבן נישט א בית המקדש, זאל מען דאס טוען יעדן שבת און אין יעדער שטאט.

• א שפע אויף די וועלט דורך די י"ב חלות

דער הייליגער "אמרי יוסף" פון ספינקא זי"ע (סוף פ' אמור) שרייבט אז בזמן הזה ווען דאס בית המקדש איז חרוב, ווערט נמשך די לעכטיגקייט פון די לחם הפנים וואס מ'האט געמאכט אין בית המקדש דורך די י"ב חלות פון שבת, און יעדער צדיק וצדיק אין יעדן דור, ווען ער איז בוצע די מוציא אויף י"ב חלות מיט זיין ריינע כוונה, שיינט אין אים א ניצוץ פון משה רבינו וואס האט מעורר געווען דעם "מזל העליון" צו ברענגען א שפע ווען דער כהן האט מסדר געווען די חלות אויפ'ן שלחן, און ער ברענגט אראפ א שפע אזוי ווי ס'איז געווען דורכ'ן לחם הפנים.

• חלות און די פארם פון צוויי וו"ן,

צדיקים האבן געזאגט אז די חלות זאלן זיין לאנג אינעם פארם פון צוויי ווי"ן, און זיי לייגן כנגד פניו אין די לענג, אזוי ווי דעם אות וא"ו, ווען אויסקומען אז ביידע חלות צוזאמען פארמען צוויי ווי"ן וואס באטרעפן צוועלף, כנגד די י"ב חלות. דאס איז מרומז אינעם זמר "שכינתא תתעטר בשית נהמי לסטר, בווין תתקטר", —מיט צוויי לאנגע חלות ווי צוויי ווי"ן וואס באטרעפט צוועלף זאלן מיר זיין אנגעקניפט. *(ליקוטי מהרי"ח בשם הרה"ק ה'דברי חיים' זי"ע)*

• א 'יוד' מיט 'צוויי' חלות איז י"ב חלות

אמאהל ביי "שלש סעודות" האט הרה"ק רבי העניך פון אלכסנדר זי"ע געטיילט פאר עטליכע מקורבים שטיקלעך פון די חלה וואס ער האט בוצע געווען. איז דארט געשטאנען א גאליציאנער איד וואס דארט אין גאליציע האבן די רבי'ס בוצע געווען אויף י"ב חלות, און געבעהטן פונעם רבי'ן א שטיקל מוציא פון די י"ב חלות! און ווי באקאנט האט הרה"ק רבי העניך נישט בוצע געווען אויף י"ב חלות נאר געהאט לחם משנה, און ס'האט אויסגעזעהן ווי יענער בייזערט זיך פארוואס דער רבי האט נישט קיין י"ב חלות, אזוי ווי דער מנהג ביי אסאך צדיקים. האט אים רבי העניך געענטפערט: "**א יוד מיט ב' חלות איז אויך י"ב חלות**".

מ'האט אמאהל געפרעגט פון הרה"ק רבי יחזקאל'ע קאזמירער זי"ע פארוואס ער לייגט נישט אויפ'ן שבת טיש י"ב חלות? האט ער געענטפערט: "איך האב י"ב חלות! מ'לייגט אויפ'ן טיש ב' חלות, און איך בין דער יוד, איז דא י"ב.

א תלמיד פון הגה"ק רבי שמואל קאמאדער דער בעל "אמרי שפר" פון דראג זצוק"ל האט דערציילט אז זיין רבי פלעגט נישט האבן י"ב חלות. אמאהל איז הגה"ק רבי ברוכ'ל גארליצער זצוק"ל, דעמאלט נאך רידניקער רב, געווען צו גאסט ביים דראגער רבי אויף שבת, און מ'האט פאר אים יא צוגעגרייט י"ב חלות. ווען ער האט באמערקט אז דער דראגער רבי האט נישט קיין י"ב חלות, האט ער אים געפרעגט: "דראגער רבי איז זיך נישט נוהג צו נעמען י"ב חלות"? האט דער רבי געענטפערט במתק לשונו: "**מיר ווייסן נישט דעם סוד פון די י"ב חלות, פונדעסטוועגן האב איך א פשוטע כוונה, איך האב דאך צוויי חלות, און אז איין "יוד" שטעלט זיך צווישן די ב' חלות, איז שוין דא י"ב חלות**".

• צוויי חלות מיט זעקס פלעכטונגען

דער מנהג איז געווען צו מאכן זעקס פלעכטונגען אין יעדער חלה, און פון ביידע חלות צוזאמען איז צוועלף, אזוי ווי די י"ב חלות. *(עיין תפילה)*

מַיין אוֹצָר...וואונדער פון די תורה... 'י"ב חלות'...

<<<<<<<

• די סגולה איז געבליבן אין די י"ב חלה

מ'האט אמאהל געברענגט צום שיניאווא רב זי"ע א קראנקער איד וואס איז ל"ע אראפ פון זינען, האט אים דער שיניאווא רב געגעבן איינע פון זיינע י"ב חלות, אלס א סגולה פאר א רפואה און דער איד איז געזונט געווארן. פאר פסח האט דער שיניאווא רב צוריק געבעהטן די י"ב חלה. אבער דער איד האט געזאגט אז זיין גאנץ געזונט הענגט אויף די י"ב חלה, דעריבער וויל ער דאס נישט צוריק געבן. האט אים דער שיניאווא רב געזאגט: "זארג נישט איך וועל דיר דאס צוריק געבן". מיט א ציטער'דיגע הארץ האט ער צוריק געגעבן די י"ב חלה, און דער שיניאווא רב האט גענומען א ברענעדיגער לעכט און אפגעברענט די חלה פון א אלע זייטן, און דערנאך דאס אים צוריק געגעבן זאגנ'דיג: אצינד האט דאס שוין נישט א דין ווי חמץ בפסח ווייל ס'איז אינגאנצן אפגעברענט, אבער די סגולה איז געבליבן אין די חלה.

• די געטראפענע י"ב חלה ביי בדיקת חמץ.

הרה"ח ר' צבי יוסף הופמן ע"ה האט דערציילט אזוי: דער "חקל יצחק" פון ספינקא זצוק"ל הי"ד האט זיך שטארק מטריח געווען ביי בדיקת חמץ, און ער האט מיך געבעהטן איך זאל אים צוהעלפן. דער רבי האט מיט גרויס טירחה געזוכט אין יעדן לאך און שפאלט צו טרעפן חמץ. איין יאהר ליל י"ד, שוין נאכ'ן זוכן עטליכע שעה, איז דער "חקל יצחק", טראץ די גרויסע טירחא, ארויפגעקראכן צום גרויסער וואנט זייגער וואס איז געהאנגען אין זיין צימער, צו זוכן דארט חמץ. איך האב מיך ביי אים געבעהטן ער זאל מוותר זיין דארט צו זוכן, ווייל ער האט שוין געהאלטן ממש ביי אפיסת הכוחות, "רבי!", האב איך געפרעגט: "ס'איז דאך א פלאץ שאין מכניסין בו חמץ, דארף מען דאך דארט נישט בודק זיין?" אבער דער רבי האט נישט מוותר געווען, ער איז ארויפגעקראכן צום זייגער, געזיכט אינעווייניג צווישן די טיילן און דארט געטראפן א קליינע י"ב חלה, אין די ענדע האט מען זיך דערוואוסט אז איינע פון זיינע יונגע

י"ב שליסל חלה פון כ"ק מרן אדמו"ר מבעלזא שליט"א שנת תשפ"ב

אייניקלעך האט דאס דארט באהאלטן, אלס א סגולה. די אויגן פונעם "חקל יצחק" האבן אויפגעלאכטן פון פרייד, און ער האט מיר געזאגט: "שטענדיג זאגסטו מיר אז איך בין זיך איבעריג מטריח מיט'ן בדיקת חמץ, מיין גאנצע טירחא די אלע צענדליגע יאהרן איז געווען כדאי, בלויז צו קענען טרעפן די י"ב חלה אין אזא פארשטופט פלאץ, וואס ס'וואלט נישט געהאלפן קיין ביטול חמץ, ווייל דאס קינד האט דאך דאס געוואלט האבן אלס א סגולה.

• אנגעגרייט די י"ב חלות פאר זיין רבי

הרה"ק רבי אהרן הגדול מקארלין זי"ע איז געווען גאר שטארק באליעבט ביי זיין רבי'ן, דער הייליגער מעזריטשער מגיד זי"ע. און דער מגיד האט אים אויסגעקליבן ער זאל פאר אים אנגרייטן די י"ב חלות לכבוד שבת, וואס פלעגט זיין פון די גאר הויכע ענינים, און נישט קיין פשוטע תלמידים האבן דאס געקענט טוען, און דער הייליגער קארלינער איז געווען פון די יחידים וואס האבן דערצו זוכה געווען.

• די י"ב חלה האט געהיילט

אמאהל האט זיך אנגעזאמעלט אינעם קארלינער הויף גאר גרויסע חובות פון טויזנט זיבן הונדערט רייניש. הרה"ק בעל "בית אהרן" מקארלין האט געהאט דערפון גרויס צער און זארג. איז געקומען דער חסיד הנגיד ר' מאיר חיים, און געברענגט פאר'ן רבי'ן די גאנצע סומע געלט, דער רבי האט אים געדאנקט און אים געשיקט צו זיין זוהן. ווען ר' מאיר חיים איז געקומען צום זוהן האט ער אים געגעבן א מתנה איינע פון די י"ב חלות פונעם קארלינער. מיט א צייט שפעטער איז די טאכטער פון ר' מאיר חיים ערנסט קראנק געווארן, זי האט שוין געהאלטן ממש ביי די גסיסה רח"ל, פלוצלינג האט ער זיך דערמאנט אז ער האט א י"ב חלה פונעם הייליגער קארלינער, האט ער אראפגענומען א שטיקל חלה, דאס צוברעקלט, אריינגעלייגט אין א לעפל וואסער, און אביסל געעפנט איר פארמאכטע מויל, און צוביסלעך איר געגעבן צו פארזיכן, ביז ביים דריטן מאהל האט זי אנגעהויבן צו רעדן און געבעהטן צו טרינקען, און דערנאך אינגאנצען געזונט געווארן.

• חוש הריח

אמאהל נאך בדיקת חמץ אור לארבעה עשר, האט זיך הרה"ק רבי אהרן קארלינער זי"ע אנגערופן און געזאגט: "ס'שמעקט חמץ פון ערגעץ וואו", ס'האבן זיך דעמאלט געפונען די חסידים פון ארץ ישראל, זענען זיי געגאנגען זוכן אין אלע צימערן, אבער זיי האבן נאך אלץ נישט געפונען א ברעקל חמץ. אבער דער רבי לאזט נישט נאך און איז נישט רוהאיג, ביז מ'האט געזוכט אויפ'ן סכך פון די סוכה, און ס'איז פון דארט אראפגעפאלן א קליינע י"ב חלה פון שבת. דעמאלט האט מען געזעהן דעם געוואלדיגן כח און חוש הריח פונעם צדיק. *(פרי ישע אהרן, עמ' קפ)*

• די י"ב חלה האט געראטעוועט...

הרה"ק רבי רבי שלום אליעזר פון ראצפערט זי"ע האט אמאהל באקומען א י"ב חלות פון זיין טאט'ן דער הייליגער צאנזער רב זי"ע. אמאהל איז געקומען צו אים א איד פון די שטאט דעעש, בשליחות פונעם בעל "מעגלי צדק" זי"ע, אז דער מענטש געפונט זיך אין א גרויסע צרה, ווייל ער האלט אין זיין שטוב א אוצר וואס די רעגירונג האט פארבאטן צו האלטן און אויב די רעגירונג זאל דאס ביי אים טרעפן דרויערט אים א גרויסער שטראף. האט אים הרה"ק רבי שלום אליעזר געגעבן די י"ב חלה אלס א שמורה. האט דער איד געפרעגט ווי ער זאל האלטן די י"ב חלה? האט רבי שלום אליעזר געענטפערט, ער זאל דאס באהאלטן אין די מערסטע געהיטענע פלאץ. האט דאס דער איד באהאלטן אינעם געלט קעסטל אין א ספעציעל לעדל, צוזאמען מיט'ן פארבאטענעם אוצר. נאך עטליכע וואכן זענען די פאליציי געקומען צו אים אין שטוב און געזוכט דעם אוצר אין אלע לעכער און שפאלטן, זיי האבן אפילו אויפגעריסן זיינע קליידער און בעט געוואנט צו זיכן דעם אוצר, אבער אין יענעם פארבארגענעם לעדל איז זיין נישט איינגעפאלן צו זוכן.

****

מאוצרות הצדיקים

חודש אייר

• חודש אייר איז קעגן שבט שמעון.

טייל זאגן אז חודש אייר איז קעגן שבט שמעון אזוי ווי דער ענין ווערט געברענגט אין יעב"ץ, אז די חדשים זענען מרמז קעגן די שבטים לויט'ן סדר פון זייער עלטער, און מ'הייבט אהן ביי חודש ניסן. לויט דעם איז דער חודש מרמז אויף שמעון. דער טעם איז, ווייל חודש ניסן איז מרמז אויף ראובן וואס ווייזט אויף די בחינה פון ריאה, זעהן, ווי די מאמע לאה האט געזאגט "כי ראה ה' את עניי..." און חודש אייר ווייזט אויף די שמועה, ווי דער פסוק זאגט "כי שמע..." די כוונה איז, אז אין חודש ניסן האבן אידן געזעהן די גרויסע התגלות אלקית, די אנטפלעקונג וואס דער באשעפער האט זיך אנטפלעקט צו אידן אין מצרים, און דאס חזר'ט זיך איבער יעדעס יאהר. און חודש אייר איז דער זמן פון שמועה, הערן, פארשטיין און זיך מתבונן זיין אין דעם וואס מ'האט זוכה געווען אין חודש ניסן. דעריבער איז דער חודש מסוגל צו השגה, פארשטיין צו וואס מיר קענען דערגרייכן, און וואס מיר זענען מחוייב צו טוען אלס דער עם סגולה. *(עשה ירח למועדים מבעל "שם משמואל")*

• מ'ווערט אינגאנצען אויסגעהיילט

הרה"ק רבי ר' שמעלקא מניקלשבורג זי"ע (היא"צ בדר"ח אייר): צדיקים האבן געזאגט אז אי"ר, איז די ר"ת **א**'ני **י**' **ר**'ופאיך". דער ענין פון רפואה שטייט צוויי מאהל, א) **"ורפא ירפא"** (משפטים כא:יט). ב) **"כי אני ה' רופאך"** (בשלח טו:כו), און איינס איז נישט גלייך צום אנדערן, ווייל "ורפא ירפא", שטייט מיט א דגש, א פינטל אין די **פ**'. און ביי "כי אני ה' רופאיך", איז די פ' אהן א דגש, [אהן א פינטל אין די פ']. און דער אונטערשייד צווישן זיי איז אזוי: "ורפא ירפא"—רעדט פון רפואת הרופא, וואס דער דאקטער היילט, אזוי ווי חז"ל דרש'ענען **"ורפא ירפא"**,—מכאן שניתנה רשות לרופא לרפאות, דער דאקטער א בשר ודם, וואס כאטש ער היילט מיט רשות, פונדעסטוועגן איז נאך דא א געפאר, אז ער זאל איבערלאזן עפעס סימנים פון די קרענק ל"ע. אבער **"כי אני ה' רופאיך"**,—רעדט זיך אז דער באשעפער אליין בכבודו ובעצמו היילט אויס, וואס דעמאלט בלייבט נישט קיין זכר פון די קרענק. (וע"ע בעל הטורים על "כי אני ה' רופאיך") דעריבער אין אזא צייט פון חודש אי"ר וואס איז "אני ה' רופאיך", וועלן אוודאי אלע אידן אויסגעהיילט ווערן, מיט א גאנצע און פולקאמע רפואה.

מאוצרות רבוה"ק

ספירת העומר

• הכנה צו קבלת התורה,

• **מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע:** די ימי הספירה זענען אן הכנה צו קבלת התורה, און א איד דארף אנערקענען די גרויסקייט פונעם באשעפער און זעהן זיין אייגענע שפלות, זיך צו האלטן קליין, פונקט אזוי ווי דער באשעפער האט אויסגעקליבן דעם בארג סיני צו געבן די תורה, ווייל ס'איז דער נידריגסטער בארג, און אזוי ארום וועט מען זיך קענען ריכטיג צוגרייטן צום יום טוב שבועות, און זיין פאסיג מקבל צו זיין די תורה.

• די עבודה פון די ימי הספירה

כ"ק מרן אדמו"ר מבעלזא שליט"א (פ' קדושים תשנ"ב): ביי אברהם אבינו שטייט אין פסוק (בראשית יז:א) "התהלך לפני והיה תמים". זאגן חז"ל (נדרים לב:) כתיב 'אברם' וכתיב 'אברהם': בתחלה המליכוֹ הקב"ה על מאתים וארבעים ושלשה אברים, ולבסוף המליכו על מאתים וארבעים ושמונה אברים, אלו הן שתי עינים ושתי אזנים וכו',—פריער האט אים דער באשעפער געמאכט הערשן אויף זיינע רמ"ג אברים וואס זענען אין זיין רשות זיך צו קענען אפהיטן פון א זינד, און דערנאך האט אים דער באשעפער געמאכט הערשן אויף זיינע רמ"ח אברים,—וואס דאס זענען די צוויי אויגן, צוויי אויערן וכו' וואס זענען נישט אין זיין רשות, ווייל דער מענטש מיט געוואלד זעהט און הערט, און ס'ברענגט אים צו זינדיג'ן. אבער נאכדעם וואס אברהם אבינו האט זיך גע'מל'ט האט אים דער באשעפער געקעניגט אז ער זאל אויך הערשן אויף אלע אברים ער זאל נאר זעהן און הערן וואס מ'מעג. און דאס איז די עבודה פון "שבע שבתות תמימות",—פון די ספירה טעג איבערצודרייען די שלעכטע צו גוט'ס און דעם חומר לצורה, די גשמית צו רוחנית, אז אויך די שלעכטע טיילן פונעם מענטש זאלן גליסטן צו תורה, ומצוות און מעשים טובים.

• וויפיהל האט מען געציילט נעכטן

• **מרן מהר"א מבעלזא זי"ע:** יעדער נאכט נאכ'ן זאגן עלינו פון מעריב, האט מרן זי"ע בלי יוצא מן הכלל, מקפיד געווען זיכער צו מאכן וויפיהל מ'ציילט היינט ספירה. מרן זי"ע האט זיך געוואנדן צום גבאי הרה"ח ר' שלו' פויגל ז"ל און געפרעגט, "וויפיהל מ'האט געציילט **אייער נעכטן**"? כדי צו וויסן גענוי וויפיהל מ'דארף היינט ציילן. [מרן זי"ע האט נישט געפרעגט וויפיהל מ'האט געציילט **נעכטן** אלס חשש ער זאל נישט ענטפערן בטעות דעם היינטיגן טאג אדער זיך טועה זיין מיט א טאג]. דערנאך האט מרן זי"ע אנגעהויבן בקול נעימה, "לשם יחוד" געמאכט די ברכה און הויך געציילט ספירה, און דער קהל נאך אים. דערנאך האט מרן זי"ע הויך געזאגט **"הרחמן הוא יחזיר לנו עבודת בית המקדש למקומה במהרה בימינו"**, נאכ'ן ענדיגן די תפילות פון ספירת העומר האט מרן זי"ע אויסגעלאזט **"ואטהר ואתקדש בקדושתך העליונה"**. *(ספר "בקודש פנימה"-חלק א עמוד קלה)*

• א בחינה פון דרך ארץ קדמה לתורה... שבע שבתות תמימות תהיינה...(אמור כג:טו)

מדרש (ויקרא רבה כח:ג) "תני רבי חייא אימתי הם תמימות בזמן שישראל עושין רצונו של מקום",- ווען איז די עבודה פון די ספירה טעג גאנץ ווען מ'טוהט דעם ווילן פון באשעפער.

די עבודה פון די ימי הספירה איז תקון המדות— מ'זאל פארעכטן און אויסלייטערן אונזערע מידות,

<<<<<<<

<<<<<<<

אלס אן הכנה צו קבלת התורה. דער ענין פון תקון המדות איז א בחינה פון רצון הבורא, וואס איז א גרעסערע בחינה, ווי א באפעהל אדער דיבור פון באשעפער. ווייל אין די תורה שטייט נישט בפירוש ארויסגעשריבן וועגן תיקון המדות, נאר ס'איז א בחינה פון 'דרך ארץ' שקדמה לתורה, ווייל דאס איז דער רצון און ווילען פון באשעפער, אז מיר זאלן זיך באהעפטן אין זיינע מדות, אזוי ווי די גמרא (שבת קלג:) זאגט: "מה הוא חנון ורחום אף אתה היה חנון ורחום". דאס באווארנט דער מדרש, "**אימתי הן תמימות בזמן שישראל עושין רצונו של מקום**",—די שלימות פון ספירה טעג איז דורך תיקון המדות, וואס דאס איז א בחינה פון רצונו של מקום, א בחינה פון **'דרך ארץ קדמה לתורה'**. *(כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א מבעלזא - דברות קודש פ' אמור תנש"א)*

מאוצרות הצדיקים

ספירת העומר

• קדושת חול המועד

• **רמב"ן** (אמור כ"ג): די טעג צווישן פסח און שבועות, זענען אזוי ווי חול המועד צווישן סוכות און שמיני עצרת, און דעריבער ווערט שבועות אנגערופן אין די תורה 'עצרת', צו ווייזן אז ס'איז עהנליך צו שמיני עצרת. דעריבער אז פסח איז די ערשטע טעג יו"ט, און שבועות איז די צווייטע טעג יו"ט זענען די טעג אינדערצווישן ווי חול המועד טעג. די ספירה טעג, זענען נאך א המשך פונעם יום טוב פסח, ווייל דורכ'ן יום טוב פסח, און די טעג פון ספירה ווערט מען געהייליגט און גערייניגט, אזוי ווי ס'שטייט אין זוהר הק', כדי צו זיי ראוי מקבל צו זיי די תורה אינעם יום טוב שבועות. *(רבינו בחיי, ליקוטי מהרי"ח, טעמי המנהגים)*

• מוסיף זיין אין לערנען הלכות

הרה"ק רבי ר' מענדל'ע מרימינוב זי"ע. אין די טעג פון ספירה דארף מען מער מוסיף זיין מיט לערנען, בפרט צו לערנען הלכות. ווייל די דריי הונדערט הלכות וואס זענען פארגעסן געווארן אין די טעג וואס אידן האבן מספיד געווען און מתאבל געווען אויף משה רבינו, האט עתניאל בן קנז צוריק דערמאנט מיט זיין לערנען אין די טעג פון ספירה. דעריבער איז א מנהג אז אין די טעג איז מען מוסיף מיט לערנען, און בפרט הלכות. *(שו"ת מראה יחזקאל סי' ק"ד)*

• לערנען מס' שבועות

• **ליקוטי מהרי"ח:** ס'איז דא וואס פיהרן זיך צו לערנען מס' שבועות אין די ספירה טעג, ווייל די מסכת האט ניין און פערציג בלאט כמנין ימי הספירה. דארף מען אבער פארשטיין, וואס פאר א שייכות האט מסכת שבועות מיט'ן יום טוב שבועות, ס'איז דאך צוויי אנדערע ענינים. אבער ס'שטייט אין ספר 'זכרון יהודה', אז אזוי האט זיך געפיהרט דער גאון ישראל וקדשו בעל אמרי א"ש זצללה"ה. דער הייליגער **'חתם סופר'** האט זיך אויך אזוי געפיהרט. אבער ער אליין שרייבט (שו"ת

"חתם סופר" אהע"ז חלק א' סי' ק') אז שוין דרייסיג יאהר איז אים שווער דער רמ"א וואס האט מעתיק געווען די הלכה כפשוטו, וואס לכאורה צריך עיון גדול, און יעדעס יאהר ווען איך לערן מס' שבועות מיט תלמידים זאג איך זיי איבער די קושיא עכ"ל.

• **דברי שיר** (לספירה): דער טעם פארוואס מ'האט געלערנט מסכת שבועות, כדי זיך אויסצוריינגן פון א שבועת שוא און שקר איידער ס'קומט דער יו"ט שבועות ווען מ'איז נאכאמאהל מקבל די תורה, ווי ס'שטייט אין פסוק (תהלים כד) "מי יעלה בהר ה'",—ווער קען זוכה זיין צו קבלת התורה וואס מ'האט געגעבן אויפ'ן בארג סיני, "נקי כפים ובר לבב אשר לא נשא לשוא נפשי ולא נשבע למרמה",—דער וואס איז אפגעהיטן פון שבועת שוא און שקר.

• **'ספר התודעה':** ווייל די מסכת האט דעם זעלבן נאמען ווי דער יום טוב וואס איז נאך די ימי הספירה.

• **טעמי המנהגים:** איך האב געהערט א דבר נכון בשם דעם "חתם סופר" זי"ע אז מנהג ישראל צו לערנען בימי הספירה מס' שבועות. ווייל די מסכת האט ניין און פערציג בלאט כמנין ימי הספירה. און דאס האבן שוין די תנאים פון פריער געזעהן, ווי מ'זעהט אין מסכת שבועות דף ל"ד, אז ס'באלאנגט צו ל"ג בעומר. וואס באמת איז דאס דף ל"ג [ווייל די גמרא פאנגט זיך און פון דף ב'] וואס דארט שטייט אז מ'האט געלאכט פון רבי שמעון בר יוחאי, און די כוונה איז, ווייל ל"ג בעומר איז זיין יום הפטירה, צו ווייזן אז א מענטש האט נישט קיין שליטה אינעם טאג פון זיין שטארבן, [דעריבער האבן חז"ל ברוח קדשם אריינגעשטעלט די ווערטער אויפ'ן דף וואס מ'לערנט ל"ג בעומר]. זעהט מען אז זיי האבן שוין אינזין געהאט דער ענין צו לערנען די מסכת אין די ימי הספירה.

• לערנען מס' סוטה

• **ספר 'מנחת העומר':** טייל לערנען מסכת סוטה אין די ימי הספירה. ווייל א מנחת שעורים איז נישט כשר פאר א מנחה נאר פאר א סוטה, און פאר'ן עומר וואס איז געווען פון שעורים. דעריבער לערנט מען די מסכת אין די טעג.

• **מנהגי 'חתם סופר':** ס'זענען דא וואס לערנען מס' סוטה אין די ספירה טעג, ווייל די מסכת האט ניין און פערציג בלאט כמנין ימי הספירה, און מ'לערנט יעדן טאג א בלאט.

• תיקון המדות

דער חובת היום פון די ימי הספירה איז עוסק צו זיין אין תיקון וזיכוך המדות, אזוי ווי מיר זענען מתפלל "לתקן את נפשתינו... ולטהרנו ולקדשנו...", כדי מיר זאלן זיין ראוי צו קענען מקבל זיין די תורה, דעריבער דארף מען זיך מקדש און מטהר זיין מיט טהרת הלב והמחשבה, אויסרייסן פון זיך די שלעכטע מדות און זיי איבערקעהרן צו גוטע מדות, וועט מען דערמאלט זוכה זיין אז די תורה ומצוות וועלן זיין לרצון ולנחת רוח פאר אדון כל.

הרה"ק רבי יעקב יוסף מפולנאה זצוק"ל ברענגט אין זיין ספר "**בן פורת יוסף**", פון זיין רבי דער הייליגער בעל שם טוב: "**איך האב געהערט ממורי זלה"ה בשם רבינו סעדי' גאון, אז דער עיקר וואס דער מענטש איז באשאפן געווארן אויף די וועלט איז ער זאל צוברעכן זיינע נאטירליכע מדות**".

ספר "**אבן שלמה**" ברענגט פונעם הגר"א זצוק"ל: **די גאנצע עבודת ה' פונעם מענטש איז געוואנדן אין זיין תיקון המדות , ווייל אלע זינד זענען מושרש אין די מדות, און דער עיקר חיות פונעם מענטש איז זיך שטענדיג מחזק צו זיין מיט שבירת המדות, ווייל אויב נישט, פארוואס לעבט מען!"**

פארזעצונג אי"ה

שבת קודש מאוצרות רבוה"ק

לבישת בגדי שבת

רבותינו הק' אין יעדן דור האבן שטענדיג ארויסגעהויבן די גרויסע קדושה פון א אידיש מלבוש, און אז מ'זאל ח"ו נישט משנה זיין קיין שום מלבוש וואס מ'האט זיך געפיהרט צו גיין אנגעטוהן אין יעדן דור. זיי האבן נאכגעזאגט בשם דעם של"ה הק', אז די בגדים זענען א לבוש פאר'ן קערפער, און דער קערפער איז א לבוש פאר די נשמה, און לויט דעם אופן וואס דער מענטש באקליידעט זיין קערפער, אויפ'ן זעלבן אופן באקליידעט דער קערפער די נשמה.

· 'לבישת בגדי שבת'

ערב שבת [ויום טוב] **טוישט מען אלע קליידער וואס מ'איז געגאנגען אין די וואכן טעג, און מ'טוהט אהן ריינע אויסגעוואשענע קליידער לכבוד שבת מלכתא, כדי מכבד צו זיין דעם שבת מיט א ריינע העמד. דער מנהג איז אנצוטוהן די בגדי שבת נאכ'ן טובל'ן זיך אין די מקוה, נאך פאר כניסת השבת. מ'איז מקפיד אז נאכ'ן טובל'ן זיך אין די מקוה טוהט מען מער נישט אהן די וואכנ'דיגע קליידער נאר מ'טוהט אהן אלע שבת קליידער.**

כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע האט דערציילט: ווען הרה"ק רבי מרדכי מנעשכיז זי"ע איז נסתלק געווארן און ארויף לגנזי ממרומים, האט מען אים געזעצט אין גן עדן אין א היכל צוזאמען מיט איינער פון די ראשונים. פרייטאג צונאכט'ס האט א מלאך געלאדענט הרה"ק רבי מרדכי, צו קבלת שבת פאר'ן כסא הכבוד פונעם מלאך מיכאל. ווען דער נעשכיזער האט געזעהן אז דעם 'ראשון' וואס געפינט זיך נעבן אים האט מען נישט גערופן צו קבלת שבת האט ער געפרעגט דעם מלאך פארוואס מ'רופט אויך נישט דעם 'ראשון'? האט דער מלאך געענטפערט ער טוהט נאר זיין שליחות און ער ווייסט נישט מער. האט דער נעשכיזער געזאגט אז ער גייט נישט כל זמן זיין חבר דער 'ראשון' קומט נישט מיט. האט דער 'ראשון' געזאגט פאר'ן נעשכיזער ער זאל זיך נישט איינ'עקש'נען, ווייל שוין א פאר הונדערט יאהר וואס מ'האט אים גע'קנס'ט נישט צו קענען זיין ביי קבלת שבת, ווייל ביים לעבן האט ער נישט מקפיד געווען צו טוישן און אנטוהן א ריין העמד ערב שבת קודש, און צומאהל האט ער ערשט געטוישט זיין העמד שבת אינדערפרי, און דעריבער איז ער נישט זוכה צו זיין ביי קבלת שבת ווען די שבת מלכתא קומט אריין. און ס'וועט נישט העלפן וואס ער 'עקש'נט זיך, און פארוואס זאל ער זיך צוריק האלטן פון צו גיין. אבער דער הייליגער נעשכיזער האט נישט אנגענומען זיינע רייד און געזאגט פאר'ן מלאך אז ער איז נישט גרייט צו גיין מיט אים, אויב ער נעמט נישט מיט דעם 'ראשון' מיט זיך. איז דער מלאך פון דארט אוועק געגאנגען. און נאך א שטיקל צייט איז ער צוריק געקומען און געזאגט אז מ'גיט שוין רשות פאר'ן 'ראשון' צו קומען מיט אים צו קבלת שבת און זיי זענעןביידע געגאנגען.

אזוי האט דערציילט הרה"ק רבי איציק'ל מפשווארסק זי"ע וואס ער האט געהערט די מעשה פון זיין באבע די רעבעצין טויבא ע"ה, וואס האט דאס געהערט פונעם זיידן כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע.

כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע האט יעדן ערב קודש אנגעטוהן פרישע ריינע קליידער לכבוד שבת קודש. פרייטאג אינדערפרי ווען ער האט עוסק געווען (אזוי ווי יעדן טאג) אין זיין הייליגע עבודה, ביים אנטוהן די קליידער, האט מרן זי"ע דעמאלט שוין געטוישט זיינע וואכנ'דיגע קליידער און אנגעטוהן די שבת'דיגע קליידער.

אגב דערציילן די משמשים בקודש און שטוב מענטשן, כאטש מרן זי"ע האט נישט געטוישט זיינע קליידער משבת לשבת, אבער יעדן ערב שבת ווען מרן זי"ע האט געטוישט זיינע קליידער, זענען די וואכנ'דיגע קליידער געווען ריין און ציכטיג אהן א שמוץ אדער פלעק. און מ'האט בכלל נישט דערקענט צווישן די קליידער וואס ער איז געגאנגען א גאנצע וואך, און די פרישע קליידער וואס ער טוהט אצינד אהן לכבוד שב"ק, אז צומאהל פלעגן די משמשים זיך וואונדערן אויב מ'דארף בכלל טוישן די קליידער. [טראץ וואס מרן זי"ע איז רוב טאג, און אויך אין די הייסע זומער טעג, געגאנגען אנגעטוהן מיט א בעקעטשע און צומאהל מיט א טיליף, און מיט'ן קאפעלוטש און אלע פיענסטער זענען געווען פארמאכט און עוסק געווען אין זיין הייליגע עבודה מיט א יגיעה עצומה און כוחות אדירים]. **והוא לפלא.**

(ספר 'הליכות הצדיקים' חלק א' עמוד קעד-קעה ותשח"ל)

(פארזעצונג אי"ה)

·דער ייטב לב האט אים געטוען א טובה·

אמאהל איז געקומען קיין סיגעט א איד פון דייטשלאנד און געגעבן א קוויטל פאר'ן "ייטב לב". נאכ'ן פארלאזן דעם "ייטב לב'ס" הויז, האט מען געפרעגט דעם איד, וואס האט אים געברענגט ביז אהער? האט יענער דערציילט, אז זיין טאטע האט אים געלאזט בצוואה ער זאל יעדן ערב שבת פארשליסן זיין זדאס געשעפט ביים האלבן טאג, און ער האט עהרליך אויסגעפאלגט די צוואה. אבער איינמאהל האט ער געהאט אסאך קונדן, און ער האט געשלאסן דאס געשעפט ערשט נאכ'ן האלבן טאג. ביינאכט האט ער גע'חלומ'ט אז מ'איז אים דן ביים בית דין של מעלה, און נישט צום גוט'ן. פלוצלינג האט ער געהערט א געשריי: " שַׁא! דער "ייטב לב" מאכט קידוש!" דערנאך האט דער "ייטב לב" געזעהן וואס מ'איז אים

דן דעם איד, און ער טענה'ט, פאר'ן בית דין של מעלה, אז ער האט דאך נישט מחלל שבת געווען, און מ'זאל אים לאזן צורוה. האט דער איד געפרעגט אין חלום ווער דאס איז? האט מען אים געזאגט: דער סיגעטער רב! נאך שבת האט ער גענומען א מאפע און געזוכט די שטאט סיגעט. און ער האט באשלאסן צו פאהרן קיין סיגעט צו זעהן מיט זיינע אויגן ווי דער חלום איז גערעכט. און דער איד האט אויסגעפיהרט: "דאס געשטאלט פונעם "ייטב לב" איז גענוי די זעלבע וואס איך האב געזעהן אין מיין חלום".

(פארזעצונג אי"ה)

בן זומא אומר: איזהו חכם? הלומד מכל אדם, שנאמר "מכל מלמדי השכלתי, כי עדותיך שיחה לי". איזהו גיבור? הכובש את יצרו, שנאמר "טוב ארך אפים מגבור, ומושל ברוחו מלוכד עיר". (אבות ד:א)

— בן זומא זאגט ווער הייסט א חכם וואס מ'זאל אים לויבן פאר זיין קלוגשאפט, דער וואס לערנט פון יעדן מענטש, אזוי ווי ס'שטייט: (תהלים קיט) "מכל מלמדי השכלתי"—פון אלע מיינע לערער'ס האב איך זיך געלערנט, "כי עדותיך שיחה לי"—דאס האט צוגעברענגט אז נאר אין די תורה זאל זיין מיין גאנצער שמועס, ווער הייסט א שטארקער? ווער איז ווערד מ'זאל אים לויבן אויף זיין שטארקייט, דער וואס באזיגט און מאכט אונטערטעניג זיין יצר הרע—אזוי ווי ס'שטייט (משלי טז) "טוב ארך אפים מגבור, ומושל ברוחו מלוכד עיר"—ס'איז בעסער דער וואס קען איינהאלטן זיין צארן, ווי דער גיבור וואס שטארקט זיך אויף זיינע פיינט, און דער וואס געוועלטיגט אויף זיין יצר הרע איז בעסער פון דעם שטארקן, וואס קען איינגעמען א שטאט.—

איזהו חכם הלומד מכל אדם. (אבות ד:א)

די משנה זאגט: פון יעדן מענטש קען מען זיך עפעס לערנען, אויך פון א רשע קען מען צומאהל אפלערנען א גוטע מדה, צום ביישפיל, אז דו וועסט זעהן, אז דער רשע טוט אן עבירה מיט גרויס חשק און מיט אזא ברען, אז ער איז גרייט אפילו מוסר נפש צו זיין פאר די עבירה, דארפן מיר זיך אפלערנען צו טוען די מצוות מיט'ן זעלבן חשק, מיט א ברען, און מיט מסירות נפש. *(הבעש"ט הק'זי"ע)*

איזהו חכם הלומד מכל אדם. (אבות ד:א)

אפילו ס'איז נגזר געווארן אויף א מענטש ער זאל זיין א טיפוש, אויב איז ער א 'לומד מכל אדם'—ער לערנט פון אנדערע, דעמאלט ווערט ער א חכם. *("מדרש שמואל")*

איזהו חכם הלומד מכל אדם. (אבות ד:א)

צו לערנען "מכל אדם" איז א גרויסע חכמה, ווייל חז"ל זאגן **"אין אדם מתקנא בבנו ובתלמידו"**, דעריבער איז דא אן עצה, לעהרן פון יעדן וועסטו זיין א תלמוד פון יעדן, און קיינער וועט דיר נישט מקנא זיין. *("ישמח משה")*

איזהו גבור הכובש את יצרו. (אבות ד:א)

פארוואס ווערט א **"כובש את יצרו"**—איינער וואס מאכט אונטערטעניג זיין יצר הרע, אנגערופן א **"גבור"**—א שטארקער? ווייל אפילו דער גרעסטער גבור שבגבורים איז אויך אונטער געווארפן אונטער די גלוסטונגען פון זיין יצר הרע, דערפאר איז דער **"כובש את יצרו"**,—שטארקער פונעם גרעסטן גבור. *(הגאון רבי שמשון רפאל הירש זצ"ל)*

איזהו גבור הכובש את יצרו. (אבות ד:א)

"יצרו",—דאס מיינט ער זאל באזיגן זיין אייגענעם יצר הרע, נישט יענעמ'ס. ווייל מענטשן האבן א נאטור צו וועלן ברעכן נאר דעם צווייטנ'ס יצר הרע, יענער זאל זיין גוט, יענער זאל זיין פרום... *(הרה"ק מראפשיץ זי"ע)*

❧ "איזהו חכם הלומד מכל אדם" ❧

"יענעמ'ס פשט איז טאקע מער ריכטיג..."

ווען א תלמיד פלעגט זאגן א גוטע באמערקונג אדער א פרעגן א קושיא וואס מ'דארף דערין מעיין זיין, פלעגט דער גאון רבי שלמה זלמן אורבאך זצ"ל, ראש ישיבת 'קול תורה', דאס דערמאנען ביים שיעור אין נאמען פון יענעם תלמוד. און ער פלעגט ווארפן זיין פאטערליכער בליק אינמיט'ן שיעור אויף יענעם בחור, כדי אים צו ערמוטיגן, דאס וואס ער טוהט זיך פלאגן און פארטיעפ'ן אין לערנען פון די תלמידים. צומאהל פלעגט רבי שלמה זלמן אפילו ענדערן זיין אייגענע מיינונג וואס ער האט געוואלט זאגן, צוליעב די אמת'ע און ריכטיגע באמערקונג פון יענעם תלמיד,

און ער פלעגט זאגן ביים שיעור: איך האב געטראכט צו זאגן פשט אזוי און אזוי, אבער דער בחור האט מיר אנגעוויזן, און באמערקט דעם אמת'ן פשט, דאס צו לערנען אנדערש, און יענעמ'ס פשט איז טאקע מער אמת און ריכטיג. *("מוסר אבות")*

***

רבי לויטס איז יבנה אומר, מאוד מאוד הוי שפל רוח, שתקות אנוש רמה. רבי יוחנן בן ברוקא אומר, כל המחלל שם שמים בסתר, נפרעין ממנו בגלוי, אחד שוגג, ואחד מזיד, בחילול השם. (אבות ד:ד)

— רבי לויטס פון די שטאט יבנה זאגט, זייער זייער זאלסטו זיין מיט א געפאלענע עניוות [גייסט]. ווייל די האפענונג פון מענטש, לאזט זיך אויס מיט ווערים, [אין קבר] איז וואס טויג אים דאס גיאות, [שטאלצקייט] רבי יוחנן דער זוהן פון ברוקא זאגט, דער וואס פארשוועכט דעם באשעפער'ס נאמען און ער זינדיגט באהאלטענערהייט ווען קיינער זעהט נישט, באשטראפט מען אים בַּגָלוּי, אז ס'ווערט אנטפלעקט זיינע עבירות אין דער עפנטליכקייט. סיי ווען ער איז א שוגג [אומגערן] און סיי ווען ער איז א מזיד [בייזוויליג] אויב עס איז אן עבירה פון חילול ה', זענען בײדע גלייך אז מען ווערט באשטראפט אפענערהייט —

מאד מאד הוי שפל רוח (אבות ד:ד)

מ'קען דאס מרמז זיין אינעם פסוק (שמות א:ז) **"ויעצמו במאד מאד"**,—אידישע קינדער האבן זיך אויסגעצייכנט און געשטארקט אין די מדה פון "מאד מאד הוי שפל רוח", דורך "ותמלא הארץ אותם", מיט דעם וואס דאס אידישע הארץ איז באנומען געווארן פון דער ערד [סוף ציהל] פונעם מענטש, אז מ'וועט דארפן אנקומען צו די ערד נאכן אפלעבן די יארן אויף די וועלט, איז מ'שויז נאטירליך געווארן דערפון א "שפל רוח". *(דער הייליגער חת"ס זי"ע)*

מאד מאד הוי שפל רוח (אבות ד:ד)

דער חשבון איז פשוט. פונקט ווי ווען מ'גיסט איבער פון איין כלי אינעם אנדערן, דארף די כלי וואס נעמט איבער, שטיין נידריגער, פון די כלי וואס גיט איבער, אזוי אויך, אז דער מענטש וויל קענען מקבל זיין פון יעדן עפעס א גוטע מדה, פעהלט אויס אז ער זאל שטיין נידריגער פון די איבריגע מענטשן. *(ליקוטי רמ"ל פ' מקץ)*

מאד מאד הוי שפל רוח (אבות ד:ד)

הרה"ק רבי מענדל'ע פון רימנוב זי"ע, [יומד"ה י"ט אייר] האט אמאהל געזעהן ווי א איד דרייט זיך ארום אהין און אהער פארטראכט מיט פארשידענע געדאנקען אין זיין קאפ. פרעגט ער יענעם פארוואס ער גייט ארום אזוי פארטראכט און וואס ער זוכט? האט יענער געענטפערט: איך וויל צוקומען צו ענוה און צו שפלות. האט זיך רבי ר' מענדל'ע אויף אים געבייזערט און געזאגט: דו שוטה, פון דעם זעהט מען דאך אז דו ביזט א בעל גאוה, ווייל ווען נישט וואלסטו דאך נישט געדארפט זוכן ענוה און שפלות. אדרבה איך בעהט יא פאר אביסל גדלות, ווייל איך זעה מיך מיט ענוה ושפלות פון מיינע זינד, און איך האב מורא אז איך זאל נישט פאלן ח"ו פון מיין מדריגה צוליעב'ן עצת היצר וואס רעדט מיר איין "ווי אזוי וועסטו קענען ווייזן דיין פנים, און שטיין פאר'ן קל רם ונשא, ווען דו ביזט א טיפה סרוחה פוהל מיט עונות ופשעים, דעריבער דארף איך זיך אנשטרענגען און מחזק זיין אז איך זאל יא האבן אביסל גדלות אין מיר, כדי איך זאל קענען דינען דעם הייליג'ן באשעפער. *('תורת שמעון' - יערסלוב)*

שתקות אנוש רמה. (אבות ד:ד)

כ"ק אדמו"ר מתולדות אהרן זצ"ל האט נאכגעזאגט פון זיין רבי'ן דער סעקלהידיער רב זצ"ל; ווען איינער האלט זיך קליין, און ווען ער וועט ארויפקומען פאר'ן בי"ד של מעלה וועט ער זיך קענען פארענטפערן אויף זיינע זינד, וואס האט מען שוין געקענט פאדערן פון מיר. איך בין דאך געווען אזא פשוט'ער מענטש, א רימה ותולעה. אבער דער וואס האלט זיך גרויס וועט זיך נישט קענען ארויסדרייען מיט דעם תירוץ. דאס זאגט די משנה. "שתקות אנוש",—די האפענונג פונעם מענטש זיך צו פארענטפערן פארן בי"ד של מעלה. "רימה"—ווען ער וועט זאגן איך בין דאך נישט געווען מער ווי א פשוט'ער ווערימל ...

<<<<<<<

המחלל שם שמים בסתר נפרעין ממנו בגלוי (אבות ד:ד)

רבי דוד הנגיד דער זוהן פון רבי אברהם בן הרמב"ם דערציילט: ס'איז אמאהל געווען א מענטש וואס האט געגעסן אין א תענית ציבור, ער איז געווען אליין אינדערהיים און קיינער האט נישט געוואוסט דערפון. פלוצלונג האט דער באשעפער געמאכט אז דער הויז איז איינגעפאלן אויף אים. ווען מ'האט אויפגעגראבן די חרבות, האט מען געטראפן דעם מענטש טויט מיט די ברויט אין מויל. ער האט נישט אנגעיאגט דאס אראפצושלינגען, די גאנצע שטאט איז פארוואונדערט געווארן פון די מעשה וואס דער באשעפער האט געמאכט יעדער זאל וויסן וואס דער מענטש האט געטוען באהאלטענערהייט.

המחלל שם שמים בסתר, נפרעין ממנו בגלוי (אבות ד:ד)

אמאהל האט איינער נאכגעזאגט פון חת"ס אז איינער וואס גלייבט נישט אין תורת הנסתר. וועט אין די ענדע זינדיגן אויך אין תורת הנגלה. האט דער שאצער רב געזאגט, דאס קען זיין פשט אין די משנה, "**המחלל שם שמים בסתר**",—ער גלייבט נישט אין די סתרי תורה. וועט זיין שטראף זיין, "**נפרעין ממנו בגלוי**",—אז אויך אין די נגלות התורה וועט ער נכשל ווערן.

אחד שוגג ואחד מזיד בחילול ה' (אבות ד:ד)

זאגט דער הייליגער "חתם סופר" פשט; אפילו אויב איינער איז גורם א חילול ה' מיט א גוטע כוונה, ער מיינט דערמיט צו טוען א מצוה, וועט ער אויך באשטראפט ווערן דערויף. דאס איז פשט אין פסוק "ולא תחללו את שם קדשי. ונקדשתי וגו',—מען זאל נישט פארשוועכן דעם באשעפער'ס נאמען, אפילו אויף דאס צו הייליגן ...

"כל המחלל שם שמים..."

"א חילול ה' איז אז מ'פארגעסט איין רגע פון הייליג'ן באשעפער..."

ווען כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע איז געווען אין צאנז ביים שליסן א שידוך צווישן זיינ'ס אן אייניקל מיט'ן צאנזער רב'ס אינגסטער זוהן הרה"ק רבי ישעי'לי טשעחויבער, (דאס לעצטע יאהר איידער דער "דברי חיים" איז נפטר געווארן) איז פארגעקומען אין צאנז א דין תורה צווישן איינעם יוסל זאלץ מיט זיין חבר, ביים קרייזער רב, הרה"ק רבי אהרן הלברשטאם, א זוהן פונעם צאנזער רב. יוסל זאלץ האט נישט געוואלט מקיים פסק זיין, האט דער קרייזער מיט זיין בי"ד אים געלייגט אין א חרם אריין, אבער היות ס'איז געווען פארבאטן פון די רעגירונג אז מ'טאהר נישט לייגן אין חרם, האט יוסל זאלץ פאר'מסר'ט דעם קרייזער רב מיט'ן בי"ד פאר די רעגירונג, און ס'האט זיי געדראעט תפיסה. האבן די קינדער פונעם קרייזער רב געבעהטן ביי מרן מהר"י זי"ע אז ער זאל בעהטן ביים מחותן, דער צאנזער רב, אז ער זאל מעורר רחמים זיין פאר זיין זוהן דער קרייזער רב ווייל ס'דראעט אויף אים צו זיצן אין תפיסה, און אויב וועט מען אים איינזעצן אינאיינעם מיט'ן בית דין, וועט חס ושלום ארויסקומען דערפון א גרויסער חילול השם. ווען מרן זי"ע האט איבערגעגעבן די בקשה פאר'ן צאנזער רב, האט דער צאנזער רב זיך הויך אנגערופן: "וואס? זיצן אין תפיסה איז א חילול השם? יוסף הצדיק איז אויך געזעסן! רבי

ישראל'טשע, דער רוזשינער, איז אויך געזעסן! א חילול השם איז, ווען מען פארגעסט איין רגע פון באשעפער!"

***

רבי מתיא בן חרש אומר: הוי מקדים בשלום כל אדם, והוי זנב לאריות ואל תהי ראש לשעלים. (אבות ד:כ)

— רבי מתיא בן חרש זאגט: באגריס דו צום ערשט יעדן מענטש וואס דו באגעגענסט, דו זאלסט נישטווארטן ביז יענער וועט דיך פריער באגריסן און זאגן 'שלו, 'נאר מ'דארף יענעם פריער באגריסן. [דער ברטנורא זאגט אפילו א גוי אין די גאס זאלסטו אויך באגריסן]. און דו זאלסט זיין א עק ביי די לייבן, און נישט א קאפ ביי די פוקסן, ד.מ. אז מ'זאל זיך בעסער געפינען צווישן אזעלכע וואס זענען גרעסער אין תורה פון אים, און קענען פון זיי לערנען איידער צווישן קלענערע פון אים—

הוי מקדים בשלום כל אדם (אבות ד:כ)

די חז"ל זאגן, אז א מענטש דארף באגריסן א צווייטן מיט'ן באשעפער'ס נאמען. דערפאר דארף מען זיך פעדערן צו באגריסן פריער יעדן איינעם, אויך א גוי, ווייל אויב דער גוי וועט אים פריער באגריסן מיט'ן נאמען פון די עבודה זרה, און ער וועט מוזן ענטפערן מיט'ן באשעפער'ס נאמען, איז דאס א גנאי פאר'ן שם שמים כביכול. וועגן דעם איז בעסער פריער צו באגריסן יעדן מענטש, אז ער זאל קענען זאגן דעם באשעפער'ס נאמען אויך פאר א גוי. *(תורת אבות)*

הוי מקדים בשלום כל אדם. והוי זנב לאריות, ואל תהי ראש לשועלים. (אבות ד:כ)

"מקדים" איז א רמז אויף תפלה, ווי דער פסוק (תהלים קיט:מו) זאגט: "קדמתי בנשף". אויך זאגט דער פסוק (שם פח:יד) "ובבוקר תפלתי תקדמך". זאגט דער תנא מ'זאל דאווענען "בשלום כל אדם", צוזאמען מיט די תפלות פון אלע אידן, אין די בחינה "בשם כל ישראל". און דו זאלסט נישט זאגן אז ס'איז בעסער צו פארבינדן דיינע תפלות מיט מענטשן וואס זענען ווייניגער פון מיר, ווייל אזוי וועט מען רעכענען מיין תפלה חשוב'ער ווי די אנדערע תפלות. אויף דעם זאגט דער תנא, "הוי זנב לאריות, ואל תהי ראש לשועלים", ווייל די תפלה גייט בעסער ארויף אין הימל ווען מען פארבינדט זיך מיט די צדיקים. *(פרי חיים)*

"הוי מקדים בשלום כל אדם..."

"דער גוי האט אים נישט געזעהן..."

הרה"ח החשוב ר' אפרים קליין ז"ל האט פארקויפט 'אייז קרעם'. ער פלעגט יעדן טאג פאהרן מיט זיין קאר פון קראונהייטס צו די בראנקס ווי די 'אייז קרעם' פאבריק איז געווען, געפארקט דארט זיין קאר, גענומען זיין גרויסן טראק און געפאהרן פארקויפן 'אייז קרעם' אין די געשעפטן. ביים ארייננגאנג פון די פאבריק איז געשטאנען א שומר, א גוי, און ר' אפרים האט נישט פארפעהלט יענעם צו באגריסן, ביים קומען און ביים אהיים גיין. איין טאג פארנאכט האט דער גוי באמערקט אז ר' אפרים'ס קאר שטייט נאך אין פארקינג לאט, איז דאך א סימן אז ער געפינט זיך נאך אין די פאבריק, אבער ווי איז ער, יעדער איז שוין געווען אויפ'ן אהיים צו גיין? און ס'קען נישט זיין אז ער האט פארלאזט די פאבריק אהן דעם וואס ער זאל אים האבן געזעהן און באגריסט ביים אהיים גיין. זענען זיי געגאנגען זוכן ר' אפרים אין די גאנצע פאבריק, ביז מ'האט אים געטראפן איינגעשפארט אין א פריזער, נישט קענענדיג ארויסגיין, צוליעב א צובראכענער שלאס. ער האט געהאט ממש ניסים, אלס צוליעב דעם וואס ער האט שטענדיג באגריסט דעם גוי, האט מען אים ארויס געראטעוועט באצייטנס פונעם פריזער. **הוי מקדים בשלום כל אדם...אפילו א גוי!** *(מפי המשפחה)*

***

מַיין אוֹצָר... סגולות ...מאוצרות רבוה"ק

"סגולה לבנים הגונים"

ארויסגעקליבן פון ספר **"והייתם לי סגולה"** ותח"ח להמלקט

• מסוגל אויף גוטע קינדער

ביים שבת אויפרוף פון הרה"ח רבי יעקב אהרן גרויז ע"ה, איז ער פרייטאג צו נאכט'ס נאכ'ן דאווענען, אדורך געגאנגען אין די רייע צו זאגן 'גוט שבת' פאר מרן מהר"א זי"ע. האט דער גבאי רבי שלו' פויגל ז"ל, געזאגט פאר מרן זי"ע אז דער חתן איז א שוואגער פון הרה"ח ר' שלום גראסבערג ז"ל, ביים וועמען מרן זי"ע איז איינגעשטאנען אין די 'מושבה הגרמנית' געגענט, דאס ערשטע מאהל ווען ער איז געקומען קיין ירושלים. האט מרן זי"ע אויפגעהויבן זיינע הייליגע אויגן און אנגעקוקט דעם חתן פון אונטען ארויף, און געזעהן אז ער גייט אנגעטוהן מיט א שטריימעל. האט מרן זי"ע זיך אנגערופן און געזאגט: "אה אה אה, א שטריימעל! **א שטריימעל איז א סגולה אויף גוטע קינדער!"**

• זאגן תיקון ליל שבועות

כ"ק מרן מהרי"ד זי"ע. האט אמאהל געזאגט: אז ווען דער טאטע זאגט שבועות ביינאכט 'תיקון ליל שבועות', איז דאס מסוגל אריינצופלאנצן א קדושה אין די קינדער.

• שדכנות לשם שמים א סגולה פאר גוטע קינדער

דער בילגורייער רב זי"ע, שרייבט אין די כתבים: "דער ברודער שליט"א [מרן מהר"א זי"ע] האט מיר געזאגט וואס ער האט געהערט פון החסיד ר' אורי פון סטרעליסק ז"ל אין נאמען פונעם עלטער זיידן ז"ל [כ"ק מרן מהר"ש זי"ע] אז דער וואס פיהרט אויס א פאסיגן שידוך און ער מיינט דאס לשם שמים שלא על מנת לקבל פרס, איז דאס א סגולה פאר'ן שדכן ער זאל האבן גוטע קינדער".

דער גבאי הרה"ח רבי שלו' פויגל ז"ל האט דערציילט: כ"ק מרן מהר"א זי"ע האט אים געזאגט: "אז מ'פיהרט אויס א שידוך און מ'מיינט נישט קיין געלט איז א סגולה אויף גוטע קינדער" **ע"כ**. ד.מ. אז די עיקר כוונה זאל זיין לשם שמים. רבי שלום פלעגט דערציילען אז מרן זי"ע האט אים געזאגט: "אזוי ווי דו שרייבסט דאך די קוויטלעך און די הערסט הזכרות, קענסטו זיין א שדכן". און מרן זי"ע האט אויסגעפיהרט: "איך וואלט אויך געקענט זיין א שדכן, אבער דער זיידע ז"ל האט מיר געזאגט אז איך זאל נישט זיין א שדכן".

הרה"ח רבי משה הכהן גראס ז"ל האט פארציילט: אמאהל ווען ער געווען ביי כ"ק מרן מהר"א זי"ע, און מ'האט אים געבעהטן צו זיין אין צימער ווען ס'איז אריין געקומען א פרוי מיט א קוויטל (וואו ס'איז באקאנט האט מען אין בעלזא מקפיד געווען ס'זאלן זיין דריי מענער אין צימער ווען א פרוי גייט אליין אריין), די פרוי האט זיך אויסגעוויינט פאר מרן זי"ע וועגן ענינים פון שידוכים (פאר זיך אדער איהרע קינדער). ווען זו איז ארויס געגאנגען האט מרן זי"ע געזאגט פאר ר' משה'ן: **"נו משה, אפשר זעהסטו א שידוך, אז מ'פיהרט אויס א שידוך און מ'האט נישט אינזין קיין געלט, איז א סגולה אויף גוטע קינדער".**

(פארזעצונג אי"ה)

מַיין שבת אוצר... שבת קודש

♦ וויכטיגקייט פון לערנען חומש מיט פירש"י ז"ל ♦

א) יעדער איד וואס איז א ירא שמים דארף צו לערנען און ענדיגן יעדער איינציגע וואך חומש מיטן פירוש פון רש"י ז"ל פון יענע וואך.

אין ספר **'כף החיים'** (פון רבי חיים פלאגי זצ"ל סי' כ"ז אות ז') שטייט: אין שלחן ערוך (סי' רפ"ה) ווערט גע'פסק'נט אז א ירא שמים זאל לערנען די פרשה מיט תרגום און פירוש רש"י. און איך ווייס נישט ווער ס'האט גע'פטר'ט אסאך לומדי תורה וואס זיי זענען אין כלל פון יראי שמים, און זיי זענען למעשה נישט געווארנט צו לערנען פירוש רש"י סיי ערב שבת און סיי שבת ביינאכט און בייטאג, און אויב ענדיגט מען דאס נישט שבת קען מען דאס ענדיגן במשך די קומענדיגע וואך, און וויבאלד דאס איז א בפירושע דין אין שולחן ערוך איז פאסיג זיי זאלן דאס מקיים זיין, און ווי איידער לערנען אנדערע זאכן, זאל מען קודם לערנען די פרשה מיטן פירוש רש"י, און ווער ס'וויל מחדש זיין חידושי תורה וועט זעהן וואספארא גרויסע תועלת ער וועט האבן ווען ער וועט דורכלערנען פירוש רש"י יעדער איינציגע וואך. און ער זאל אריין טראכטן אז רש"י ז"ל האט געפאסט תרי"ג תעניתים צו קענען מאכן דעם הייליג'ן פירוש, און ס'איז דא אין דעם גרויסע סודות און טיעפע יסודות, און אוודאי דארף מען האבן א זכות צו לערנען אין זיינע הייליגע ריינע פירושים.

אין **'שו"ע הרב'** (לבעל התניא זצ"ל, סי' רפ"ה סעיף ב') שרייבט ער, ווער ס'לערנט צוויי מאהל מקרא און די דריטע מאהל חזר'ט ער דאס איבער מיט פירוש רש"י וואס איז געבויעט אויף יסוד התלמוד, העלפט דאס מער ווי תרגום ווייל ער איז בעסער מפרש, אבער ס'איז דא וואס זאגן אז תרגום איז חשובער ווייל דאס קומט פון בארג סיני, אבער מכל מקום יעדער ירא שמים זאל לערנען סיי מיט תרגום און סיי מיט פירוש רש"י.

אין ספר **'רמזי שבת'** (אות נ') שטייט: אין חלום האט מען מיר געוויזן אז שבת איז נוטריקון **ת**'קרא **ב**'פירוש **ש**'למה, און די כוונה איז אויף וואס ס'ווערט גע'פסק'נט אין שו"ע (סי' רפ"ה) אז מ'זאל לערנען די פרשה מיט פירוש רש"י, און א ירא שמים לערנט סיי מיט תרגום און סיי מיט פירוש רש"י.

(מלוקט מפי ספרים וסופרים ותשוח"ל - פארזעצונג אי"ה)

מעלות פון ליל שישי

נישט אויפ'ן חשבון פון שבת

כ"ק אדמו"ר מתולדות אהרן זצ"ל ברענגט פון זיין שווער כ"ק אדמו"ר רבי אהרן ראטה זצ"ל, אז ס'איז נישט גוט אז מ'שלאפט בכלל נישט ליל שישי, ווייל אויף צו בלייבן גאנץ פרייטאג צונאכט'ס איז חשוב'ער און גרעסער ווי אויף צו זיין גאנץ ליל שישי, און דער וואס איז אויף ליל שישי האט פרייטאג צונאכט'ס נישט קיין קלאהרער קאפ, אויך שוואכט דאס אפ דעם מענטש אויף זיינע עלטערע יאהרן, אונזער דור איז נישט מער מסוגל דערצו, דעריבער זאל ער זיך לייגן שלאפן אכט אזייגער ביינאכט און אויפשטיין פארטאג'ס איינס אזייגער וועט ער קענען לערנען פינף אדער זעקס שעה רצופות, וועט ער מער פארדינען ווי איידער אויף בלייבן א גאנצע נאכט. *(אסיפת מכתבים ח"א ל"ד)*

(אוצר השבת)

ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

זקניך ויאמרו לך

גליון
תתפ"ה
פרשת אחרי-קדושים
שנת תשפ"ה לפ"ק

ז' תמ) עס דערציילט אונזער זיידע
הרה"ג ר' עקיבא יוסף כהנא שליט"א ר"מ בישיבה"ק ב.פ.

<u>די הייליגע שטאט קרית יואל...</u>

איך האב געהערט פון מו"ה כ"ק אדמו"ר מספינקא שליט"א בית יצחק אז בשנת תשכ"ג ווען עס איז געווען א ערענסטע מדובר איבער א שטעטל וואס דער רבי האט געוואלט אויפבויען אין דאווער ניו דזשערסי.

אין יענע תקופה פלעגט דער זיידע **כ"ק אאמו"ר הרה"ק רבי הערשעלע מספינקא זלה"ה** זיין טאג טעגליך ביים רבי'ן אין ביהמ"ד, בשעת ווען דער רבי פלעגט אריינקומען צום דאווענען, און ער האט זיך אסאך מסתופף געווען בצל קדשו.

אין יענע תקופה האט אים דער רבי געזאגט **"איך לאדן אייך צו קומען וואוינען ביי אונז אין שטעטל, פארשטייט זיך אז אלע קהל'ישע ענינים וועט ווערן געפירט דורך 'קהל', אבער איר וועט זיך קענען האבן אייער אייגן מנין, און דאווענען און זיך פירן לויט ווי איר האט מקובל פון אייערע אבות"**.

ז' תמא) עס דערציילט אונזער זיידע
הרה"ח ר' יצחק עהרנפעלד הי"ו

<u>דער רבי זוכט דעם 'שפע טל'</u>

עס איז געווען אמאל ווען דער הויז-בחור איז געווען זייער פארנומען, און היות איז בין געווען בקי ורגיל בבית **רביה"ק** ז"ל האט ער מיך געבעטן אז איך זאל איבערנעמען זיין ארבעט, און ווען דער רבי איז געגאנגען דאווענען האב איך אװעק געפאקט אלע ספרים וואס זענען געלעגן אויפן טיש צוריק אין ספרים שאנק. די ספרים האבן געהאט אנגעצייכנט סימנים וואו יעדע ספר באלאנגט.

דער רבי קומט אהיים פון דאווענען, ער גייט אריין אין צימער, און ער איז געווארן שטארק אנגעצויגן... מ'זאל אריבער רופן דעם בחור וואס האט דא געפאקט די ספרים...

מ'האט געוואוסט אז דער הויז-בחור איז היינט נישטא געווען, און דא איז דער רבי אומרוהיג צוליב א בחור וואס האט ווארשיינליך געפאקט די ספרים נישט ווי געווענליך.

האט מען געזאגט פארן רבי'ן אז מ'וועט צוריק רופן דעם בחור פון די ישיבה, אבער בתנאי אז דער רבי זאל נישט זיין אין צימער בשעת מעשה, ווייל דער בחור האט מורא פונעם רבי'נס הקפדה.

איך האב גלייך פארשטאנען אז דאס איז וואס דער רבי זוכט. איך בין צוריק געקומען פון ישיבה, און איך בין געגאנגען אין די סוכה - דארט פלעגט מען לייגן די ספרים וואס דער רבי האט געהאט טאפעלט, עס איז שוין געווען איינס אין ספרים שאנק - איך האב גענומען פון דארט דעם ספר 'שפע טל', א קבלה ספר, און איך האב דאס אראפגעלייגט אויפן רבי'נס טיש.

שפעטער ווען דער רבי איז אריינגעקומען אין צימער, ווען ער האט געזעהן דעם ספר אויפן טיש, האט ער זיך צושמייכלט.

מיט עטליכע שעה שפעטער, כחצות הלילה, האט איך אריינגעבערענגט פארן רבי'ן דאס נאכטמאל - דער הויז-בחור איז נאכנישט געווען צוריק - האט מיך דער רבי שטארק אנגעקוקט, פארשטייענדיג אז איך בין דער בחור וואס האט אויך געפאקט די ספרים, און דער רבי ווייזט מיך מיט א ליבליכע שמייכל אז ער האט געהאט אריינגעלייגט אין דעם ספר א קוויטל, וואס דאס איז געווען א סימן וואו ער האלט ביים לערנען טעגליך בשעת זיינע סעודות. און דאס איז געווען די סיבה וואס עס האט אים אזוי געשטערט ווען דער ספר איז אים פלוצלונג נעלם געווארן מיטן סימן צו קענען לערנען ווייטער.

שפעטער בין איך געוואויר געווארן אז דער **'שפע טל'** איז געווען פון די ספרי קבלה (ספר על עניני קבלה בדרכו של הקדוש הרמ"ק, נתחבר ע"י הרה"ק ר' **שעפטיל הורוויץ מפראג** בן דורו וקרובו של השל"ה הקדוש ונדפס בהסכמתו לראשונה בשנת שע"ב) אין וואס דער רבי לערנט בשעת זיינע סעודות ווען קיינער ווייסט נישט און האט נישט קיין השגה איבערן רבי'נס ידיעה אין די הייליגע חכמה.

ז' תמב) עס דערציילט אונזער זיידע
הרה"ח ר' יושע מענדלאוויטש שליט"א מטב"ק

<u>בצלו ישבתי ופריו מתוק לחכי (ב')</u>

(המשך דער סדר פון 'סוגיא' פארלערנען ביי כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה) דעם רבי'נס שרייבער פון די סוגיות איז געווען **הגה"צ רבי הערשל מייזליש** ז"ל דער איידעם פון **הגה"ק רבי שמעון ישראל פאזען זלה"ה אבד"ק שאפראן** - וועלכער האט שפעטער ממלא געווען מקום חותנו אלס 'שאפראנער רב' - ער איז שוין געווען דעמאלט א יונגערמאן און איז געקומען צום סוגיא פארלערנען און האט אפגעשריבן דעם רבי'נס חידושים, און שפעטער געדרוקט אין די צוויי בענדער "חידושי סוגיות". אין יענע תקופה האב איך נאך יעדן פארלערנען איבער געשמועסט מיט אים דעם רבי'נס חידושים.

רבי הערשל האט מיר שפעטער דערציילט, אז איינמאל האט ער געזאגט פארן רבי'ן, אז היות ער האט שוין קליינע קינדער, און ס'איז דא צייטן ווען ס'איז אים שווער צו קומען ווייל ער דארף זיין ביינאכט אין שטוב, האט ער געפרעגט דעם רבי'ן רשות צי ער קען איבער געבן פאר איינעם דאס שרייבן די סוגיות (עס איז נאכנישט געווען דעמאלט אויסגעשטעלט צו קענען אויפכאפן די שיעורים אויף א 'טעיפ רעקארדער' וכדומה), האט אים דער רבי געפרעגט צי ער האט איינעם פון די וואס קומען צום שיעור וועלכע קענען שרייבן, האט ער געזאגט "ס'איז דא לעצטענס א יונג בחור'ל וואס האלט מיט די שיעורים, יושע מענדלאוויטש", ער האלט גוט מיט די סוגיות, אפשר קען ער אויך שרייבן".

דער רבי האט געטראכט אביסל, דערנאך האט ער געענטפערט "איך זעה ווען ער פרעגט אריין, אז ער רעדט זייער בקיצור, ער איז זייער שטארק איינגעהאלטן, איז מן הסתם זיין שרייבן אויך בקיצור", און דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט בלשון קדשו **"אויף א לשון פון א 'ראשון' דארף מען זיך פלאגן, איך בין דאך נישט קיין ראשון, ווייל איך נישט אז מ'זאל זיך פלאגן אויף מיין לשון"...**

ממילא האט אים דער רבי געבעטן ער זאל יא ממשיך זיין מיט שרייבן די סוגיות, דער רבי האט אים אפילו געזאגט "אויב ווייסטו פאראויס איין טאג אז דו קענסט נישט קומען וועל איך טוישן און פארלערנען אן אנדערן טאג אנשטאט"... (המשך הזכרונות בגליון הבעל"ט) (נא להעתיר ולהתפלל בעד בריאותו השלימה של הרב החסיד רבי יהושע בן מליא צירל לרפואה שלימה וגמורה)

ז' תמג) תלמידים דערציילן איבער אונזער זיידע
הגה"צ ר' שמואל דוד טויב ז"ל הכ"מ אב"ד בריד

<u>והעמידו תלמידים הרבה</u>

מיר זענען מעתיק נאך זכרונות פון תלמידים במשך פארשידענע יארן:

א. אלס יונגע בחורים ווען מיר פלעגן אריבערגיין שבת אינדערפרי אויף פענן סט. פלעגן מיר אלץ זעהן בחורים קומען ארויס פון אשוי"ער ביהמ"ד. עס איז געווען א וואונדער וואס איז דא דער פארקער פון בחורים יעדן שבת צופרי.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז רבי שמואל דוד פלעגט 'אנרייצן' זיינע תלמידים - ובפרט די בחורים וואס מוטשענען זיך אין לערנען - אז זיי זאלן קומען שבת אינדערפרי פארן דאווענען, דעמאלס פלעגט ער פארלערנען פאר זיי דעם נייעם שיעור, כדי אז מען וועט פארלערנען דעם שיעור אין ישיבה זאלן זיי שוין זיין דערינען.

ב. אין קעמפ האבן מיר תלמידים צוביסלעך אויפגעפאסט אז דער מגי"ש זיצט א גאנצן טאג אין ביהמ"ד און ער איז גארנישט טועם, ער האט גענומען א קאווע אינדערפרי אין דאס איז עס געווען. ער האט נישט געקענט גיין ביז צום עס זאל צוליב זיינע יסורים אויף די פיס, און קיינער האט אים נישט געברענגט צו עסן אין ביהמ"ד, ווייל ער האט קיינמאל גארנישט געבעטן, איז ער אפגעזעסן א גאנצן טאג אין ביהמ"ד נישט נעמענדיג גארנישט אין מויל ביז פארנאכטס. טעמה כי טוב סחרה.

ג. ער פלעגט קיינמאל נישט פעלן פון די ישיבה, אפילו נאך א חתונה פון א טאכטער איז ער געווען פארטאגס אין ישיבה כאילו לא היה.

נתנדב ע"י הרה"ח ר' **פינחס מענדלאוויטש הי"ו** • לעילוי נשמת זקנו הגה"ח **רבי יצחק ב"ר ישראל** ז"ל (רבי איטשע גוטמאן) • היארצייט ט"ז אייר

איך געדענק שנת תשנ״ה ווען מען האט געמאכט פיאות פאר זיין עלטסטע אייניקל ביי חתנו הרה״ח ר׳ יודל פרענקל הי״ו - און עס איז געווען ביי אים א געוואלדיגע שמחה - דאך איז דאס נישט געווען א סיבה אז ער זאל מוותר זיין אויפן פארלערנען און באגלייטן זיינע תלמידים - ער געקומען כרגיל אין ישיבה, און ביי הפסקה זענען די בני משפחה אריבער געקומען מיטן קינד, אז דער זיידע זאל אים זעהן און אנוואונטשן לכבוד היום.

ד. עס דערציילט **הרה״ג ר׳ אברהם גאלדבערגער שליט״א** אז עס איז געווען זומער תשמ״ה, ווען עס איז געווען א שווערער תוספות אין פרק איזהו נשך, און די מגידי שיעור האבן זיך זייער געמוטשעט צו פארשטיין דעם תוספות. דעם קומענדיגן אינדערפרי איז רבי שמואל דוד אנגעקומען און געזאגט א הערליכן פשט אינעם תוספות, וואס די מגי״ש האבן זייער באוואונדערט. האט ער געזאגט אז ער האט גע׳חלומ׳ט דעם פשט בחלום הלילה...

״איך געדענק ווי מיין מגי״ש **הרה״ג ר׳ אשר אנשיל אשכנזי שליט״א** אב״ד חוות דעת סיגעיט, האט געפייערט ביים פארלערנען דעם תוספות, און ער האט אונז געזאגט ״אז עטס וועטס ליגן אין לערנען אזוי ווי רבי שמואל דוד, וועט עטס אויך חלומ׳ען פשטים אין תוספות״... (לע״נ הגה״צ רבי שמואל דוד ב״ר עמרם זצ״ל, נפטר י״ב אדר תשפ״ה לפ״ק)

ז׳ תמד) עס דערציילט אונזער זיידע

הרה״ג ר׳ אברהם שמחה הכהן פריעדמאן שליט״א

וועסטו דאווענען שחרית אויך שבת צופרי

עס האט מיר דערציילט א תלמיד פון **כ״ק הגה״צ רבי לוי יצחק גרינוואלד ז״ל דער צעהלים׳ער רב** (היארצייט כ״ז ניסן) וואס האט געהערט פונעם צעהלים׳ער רב, אז אלס אינגערמאן איז ער געווען ביים פריערדיגער **בעלזער רב הגה״ק רבי ישכר דוב זלה״ה**.

דער צעהלימער רב איז געווען א הערליכער בעל תפילה - רביה״ק זלה״ה פלעגט אים מכבד זיין מיט די שבע ברכות ביי שלש סעודות, ער פלעגט דאס זינגען בנעימה יתירה - און דער בעלזער רב האט אים צוגעשיקט צום עמוד צו קבלת שבת. דער בעלזער רב פלעגט זייער מקפיד זיין קעגן די בעלי תפילה וואס פלעגן דאווענען מיט מאדערנע תנועות און שטיקלעך פארן עמוד.

נאכן דאווענען פרעגט אים דער בעלזער רב ״וואו האסטו זיך געלערנט דעם נוסח התפילה?״, האט ער געזאגט ״כ׳האב זיך אין ערגעץ נישט געלערנט, כ׳האב אפשר געהערט א תנועה פון בעלי תפילות דא און דארט...״.

זאגט דער בעלזער רב מיט הנאה ״אזוי, וועסטו אויך דאווענען שחרית שבת צופרי״...

ז׳ תמה) עס דערציילט אונזער זיידע

הרה״ח בנש״ק ר׳ פינחס שפירא הי״ו

ובית הלוי״י נעימות יזמרו

איך בין ממשיך מיט ענינים פון מו״ר הגה״ק בעל **שבט הלוי** זלה״ה.

ד. א איד פון בארא פארק האט געהאט א קינד למז״ט, נאך א קורצע צייט האט מען געזעהן אז עס שפירט זיך א שווערע ריח פון דאס קינד כסדר - א ריח וואס ענדלט צו א מת ל״ע - מ׳איז ארומגעלאפן צו דאקטורים, אין אמעריקע און אין אויסלאנד, מ׳האט געגעבן מעדיצינען און זייפן, מ׳איז געלאפן צו רבי״ס און מקובלים, אבער גארנישט האט נישט געהאלפן.

די עלטערן זענען אנגעקומען צו מו״ר **השבט הלוי** ז״ל, און זיי דערציילן די מעשה. פרעגט דער רב נאך וועמען הייסט דאס קינד? זאגט דער איד ״נאך מיין זיידן״, פרעגט דער רב ״אויב איז דאס דיין עלטסטע קינד, פארוואס הייסט עס נישט נאך די מאמעס זייט ווי עס איז דער סדר העולם?!״. האט דער איד דערציילט אז ער איז צוקריגט מיט זיין שווער, און ער וויל נישט געבן א נאמען נאך זיין זייט.

זאגט דער רב ז״ל ״די זיידעס בעולם העליון קריגן זיך איבערן נאמען וואס דו האסט געגעבן, אויב איז דא א מחלוקת אין שטוב שמעקט נישט גוט״.

און ער האט ממשיך געווען ״איך הייס אז מ׳זאל צוגעבן א נאמען דא ביי מיר אין שטוב״...

דער איד האט מתחילה נישט געוואלט מסכים זיין, און ער האט זיך ארומגעדינגען מיטן רב, אבער דער רב האט אים שארף געזאגט ״אויב ביסטו געקומען צו מיר וועסטו פאלגן מיין פסק״, וכך הוה, מ׳האט צוגעגעבן א נאמען, און מ׳האט געטרונקען ׳לחיים׳. ווען דער איד איז אנגעקומען אהיים איז שוין נישט געווען קיין זכר פון דעם גאנצן ריח.

ה. מיין ידיד **מו״ה חיים אברהם וויזעל הי״ו** דערציילט אז זיין שווער איז אמאל אריין צום רבי״ן מרן השבט הלוי בעטן א ברכה צו געהאלפן ווערן מיט קינדער. דער רבי האט אים שיין אנגעוואונטשן, אבער ער איז נישט געווען אזוי צופרידן פון די ברכה, נישט שפירנדיג אז ער איז געהאלפן. האט אים דער רבי א זאג געגעבן ״דו זעהסט דא דעם טיש, איך זעה דא א גאנצע טיש מיט קינדער״. ער האט שפעטער געהאט צעהן קינדער בליעה״ר.

ווען ער האט א שידוך געטון האט ער געלאדענט דעם רבי״ן צום תנאים, בשעת׳ן תנאים האט זיך דער רבי אנגערופן מיט גרויס שמחה ״נו, די טיש וואס כ׳האב דיר דעמאלטס געוויזן איז שוין מסתמא צו קליין פאר דיין משפחה״.

ו. ווען **הגה״ק בעל חזון איש** ז״ל האט באזוכט ביי אים, האט ער געזאגט ״איך שמעק דא א ריח פון קדושה״.

ז. כ״ק אדמו״ר רבי שמעונ׳לע מלעלוב זצ״ל פלעגט שיקן שווערע קוויטלעך צום שבט הלוי, זאגנדיג אז אין הימל רעכנט מען זיך מיט זיין פסק.

ח. עס איז געקומען א פרוי מיט א גרויסן פראבלעם, די דאקטורים האבן געטראפן ביי איר קינד עפעס א מחלה, וואס קען זייער שאטן אויך פאר די מאמע, און זיי האבן געוואלט אוועקנעמען דאס קינד. דער רב האט געהייסן ברענגען צו אים די ׳עקסרעיס׳ און נאכן באטראכטן די עקסרעי האט דער רב געוויזן גענוי מיט די פינגער וועלכע אבר עס וועט ארבעטן און וועלכע נישט.

עס האט זיך גענוי אזוי ארויסגעשטעלט, דאס קינד איז ליידער אלע יארן אין א ראד-שטול, און ביז היינט ארבעט גענוי די אברים וואס דער רב האט אנגעוויזן אויפן ׳עקסרעי׳. זי האט ב״ה חתונה געהאט, און זי האט א פאסטן אין א אפיס פון א גרויסע מוסד מיט הצלחה.

ז׳ תמו) עס דערציילט אונזער זיידע

הרה״ג ר׳ חיים בער אדלער שליט״א

מרגיש געווען די קדושה

איך האב געהערט פון הרה״ח ר׳ חיים יעקב דייטש ע״ה מיט איבער 40 יאר צוריק, אז ער האט געהערט פון **כ״ק הגה״צ המפורסם רבי אברהם שלמה כ״ץ זלה״ה אב״ד ריסקעווע ורב דקהלתינו שיכון קרית יואל בני ברק מח״ס אורחות המשפטים** (יארצייט י״ג ניסן), אז בשנת תרצ״א איז **כ״ק מרן רביה״ק זלה״ה** געפארן אויף אפרוה אין די בעדער, און אויפן וועג אהיים האט ער געדארפט פארן קיין דעעש צו א חנוכת הבית אין שטוב פון איינעם פון די חסידים.

עס איז געווארן שפעט צו מנחה האט מען זיך אפגעשטעלט אין א דארף ארום ניין קילאמעטער ווייט פון דעעש, און דער רבי איז דארט אריינגעפארן אין א אכסניא זיך אפרועהן און דאווענען מנחה. דער בעל אכסניא האט געגעבן פארן רבי״ן א עקסטערן צימער, דער רבי האט זיך דארט אוועק געזעצט און ער איז געווארן זייער פארטראכט דבוק ברעוניותיו א גאר לאנגע צייט. וואס איז געווען שטארק אויפמערקזאם פאר אלע באגלייטער. בפרט ווען עס איז געווארן שפעט צו מנחה, און מ׳האט גארנישט געקענט טוהן צו מעורר זיין דעם רבי״ן אז מ׳דארף זיך צואיילן מיטן דאווענען.

אינצווישן האט דער רבי געהייסן רופן דעם בעל אכסניא, און דער רבי האט מיט אים געשמועסט, ביז ער האט דערציילט אז ער האט דא אן אלטן טאטן, וואס איז שוין הונדערט מיט פינף יאר אלט. דער רבי איז געווארן זייער נתרגש, ער האט נאך קיינמאל נישט געזעהן קיין איד אין דעם טיפן עלטער, און ער האט אים געבעטן אז ער וויל רעדן מיט זיין טאטן.

דער רבי האט זיך טאקע געטראפן מיט דעם איד, און ער האט זיך מיט אים צושמועסט איבער זיינע זכרונות, ער איז געווען א איש פשוט, א אמת׳ער דארפס-איד, דער איד האט דערציילט זכרונות פון אסאך יארן צוריק מימי נעוריו ווען ער איז געווען א אינגערמאן אין דעם זעלבן דארף און ער האט געוואוינט אין דעם הויז.

בתוך הדברים האט ער דערציילט אז דא איז אמאל איינגעשטאנען אסאך צדיקים, דער קארלסבורגער רב, דער מראה יחזקאל, דער איהעלער רב, רבי משה טייטלבוים... אויך איז דא אמאל געווען נאך איינער וואס מ׳האט אים גערופן ׳ייטב, ייטב׳... ער האט געמאכט עפעס א ספר ׳ייטב׳, אויך מיר עפעס א רבי״...

די מקורבים צווישן זיך האבן באמערקט אז ווי נאר דער רבי האט געהערט אז דער זיידע דער ייטב לב איז דא געווען, האט זיך דער רבי ווי אויפגעוועקט און געדאווענט מנחה, און אוועק געפארן פון דארט, עס האט אויסגעזעהן באשיינפערליך ווי דער רבי האט מרגיש געווען אז עס איז דא א קדושה אין די דירה, און ווי נאר ער האט געהערט אז זיינע אבות הק׳ און אנדערע צדיקים זענען דא געווען האט ער פארשטאנען זיין העכערע הרגשה.

כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך: צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס״ד: ביטע רופט די מערכת **845-783-0735/Tellerkj@gmail.com**

כל הזכויות שמורות להמו"ל

אז תתענג

דברי תורה וחסידות ועניני מוסר מלוקטים מספרי רבותינו הקדושים מאורי הדורות זי"ע

יוצא לאור מדי שבוע בשבוע וליומא דפגרא להתענג בתענוג רוחני במילי דחדוותא

בעזהשי"ת

לע"נ מו"ה אברהם ב"ר משה זאב ז"ל (ראזענבערג) **- נפטר ב' מנחם אב תשע"ה לפ"ק**

תורות על הפרשה

אמור אל הכהנים בני אהרן לנפש לא יטמא בעמיו.

אין מס' יומא (דף ע"א:) פארציילט די גמרא א מעשה מיט א כהן גדול, וואס איז ארויסגעגאנגען מוצאי יום כיפור פון בית המקדש בשלום נאכן טאן די עבודה פון יום כיפור, אלע אידן האבן אים באגלייט מיט שמחה, אזוי ווי ס'שטייט אין די משנה, אז ס'איז געווען א יום טוב ווען דער כהן גדול איז ארויסגעקומען בשלום פון קדשי קדשים.

ווען די מענטשן האט געזען שמעיה מיט אבטליון, האבן זיי איבערגעלאזט דעם כהן גדול - וואס איז נישט געווען קיין תלמיד חכם - און זענען געגאנגען נאך שמעיה ואבטליון, וואס זענען געווען פון די גרעסטע תלמידי חכמים אינעם דור.

נאכדעם זענען שמעיה און אבטליון אויך געקומען באגריסן דעם כהן גדול, האט דער כהן גדול געזאגט צו שמעיה און אבטליון, **ייתון בני עממין לשלם**, זאלן קומען די מענטשן וואס שטאמען פון די פעלקער פון גוים צו פרידן, ער האט געמיינט צו טשפענען מיט שמעיה און אבטליון וואס זענען געווען גרים, און האבן געשטאמט פון סנחריב, (דער כהן גדול האט דאס געזאגט צוליב קנאה, אז אלע מענטשן זענען אוועקגעגאנגען פון אים, און האבן מער מחשיב געווען שמעיה און אבטליון).

האבן שמעיה און אבטליון אים געענטפערט, **ייתון בני עממין לשלם דעבדין עובדא דאהרן, ולא ייתי בר אהרן לשלם דלא עביד עובדא דאהרן**, זאלן ענדערש קומען די קינדער וואס שטאמען פון פעלקער צו פרידן וואס טוען די מעשים פון אהרן הכהן, וואס איז געווען אן אוהב שלום ורודף שלום, און זאלן נישט קומען צו פרידן דער כהן גדול וואס איז פון די קינדער פון אהרן, וואס טוט נישט די מעשים פון אהרן, נאר ער מאכט מחלוקת.

דאס קען זיי פשט אין פסוק, **אמור אל הכהנים** זאג צו די כהנים, אז זיי זאלן געדענקן **בני אהרן** אז זיי זענען קינדער פון אהרן, און זאלן נאכטאן די מעשים פון אהרן וואס איז געווען אן אוהב שלום ורודף שלום, ממילא וועט אויסקומען **לנפש** צו א הייליג זעל, למשל שמעיה און אבטליון, **לא יטמא** זאל ער נישט מטמא זיין דאס מיינט דערוויטערן, **בעמיו**, וועגן זיין פאלק, זיי צו פארשעמען ווייל זיי שטאמען פון גוים, נאר זיי זאלן זיך לערנען די מדה פון אהרן הכהן און ליב האבן שלום.

(אגרא דכלה)

אמור אל הכהנים בני אהרן ואמרת אליהם לנפש לא יטמא בעמיו.

דער הייליגער ישמח משה טייטשט, לויט ווי ס'שטייט אין די משנה (אבות פ"א) אז אהרן איז געווען אן אוהב שלום ורודף שלום, ער האט געטאן חסד, ער איז געגאנגען צו איין מענטש, און אים געזאגט, אז דיין חבר וויל זיין שלום מיט דיר, זיי אים מוחל, און דערנאך האט ער דאס געזאגט פאר'ן צווייטן, און זיי האבן שלום געמאכט.

דאס קען זיין פשט אין פסוק, הקב"ה האט באפוילן אז מ'זאל זאגן פאר אהרנ'ס קינדער, אז זיי זאלן זיך אויך פירן מיט מדת החסד, אזוי ווי זייער זיידע אהרן, אבער די חסד וואס מ'טוט מיט מתים - חסד של אמת - דאס זאלן זיי נישט טאן, נאר לאזן פאר די אנדערע מענטשן (אויסער ביי א מת מצוה, וואס ס'איז נישטא קיין אנדערער ווער ס'זאל זיך אפגעבן מיט דעם).

דאס איז דער פשט אין פסוק, **אמור אל הכהנים**, זאג פאר די כהנים, **בני אהרן**, אז כאטש זיי דארפן זיך פירן מיט חסד, אזוי ווי זייער זיידע אהרן, פונדעסטוועגן, **לנפש לא יטמא**, די חסד פון באגראבן מתים, זאלן זיי נישט טאן, און זיי זאלן זיך נישט מטמא זיין.

(ישמח משה)

מעשה על הפרשה

דער שבת פארנעמט נישט קיין טרויער

אלה הם מועדי, ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי שבת שבתון.

ס'איז אמאל געווען א חסיד פונעם הייליגן רבי ר' בונם מפשיסחא זי"ע, וואס פלעגט שטענדיג זיין אנגעצויגן, און זייער שנעל ווערן אין כעס, אמאל איז ער אנגעקומען צו זיין רבי'ן אין א מוצאי שבת, און געזאגט פאר'ן רבי'ן מיט א צובראכנקייט, אז ער האט באמת שוין געוואלט אנקומען אויף שבת, נאר אינמיטן וועג האט זיך געמאכט אן אונס, און ער האט נישט געקענט ווייטער פאָרן, און ער האט געמוזט בלייבן אויף שבת אין א קליין פארשטיפטן דערפל, און גאנץ שבת האט ער נישט געהאט קיין מנוחה.

האט אים דער רבי ר' בונם מפשיסחא זי"ע געזאגט, זאלסט וויסן, אז דער הייליגער שבת, טוט זייער שטארק די מצוה פון הכנסת אורחים, אזוי ווי מ'זעט, אז ווען ראש חודש געפאלט אין שבת, גיט דער שבת אוועק פון זיך דעם מפטיר, און מ'ליינט די פרשה פון ראש חודש, די זעלבע איז, ווען יום טוב געפאלט אום שבת, גיט דער שבת אוועק זיינע תפילות און זיין ליינען, און מ'דאווענט און מ'ליינט פון יום טוב, אויך ווען יום כיפור געפאלט אין שבת, גיבט דער שבת אלעס אוועק פאר יום כיפור אפילו די סעודות, אבער איין אויסנאם געפינט מען, אז ווען תשעה באב געפאלט אין שבת, רירט זיך דער שבת נישט אוועק, נאר מ'שטופט אפ דעם תענית אויף נאך שבת.

דער סיבה פון דעם איז, אז כאטש דער שבת נעמט יעדן אויף מיט די גרעסטע כבוד, אזוי ווי עס פאַסט, אבער מרה שחורה און טרויעריגקייט אזוי ווי תשעה באב, פארנעמט ער נישט, און שיקט דאס ווייטער, די זעלבע זאלסטו טאן, שיק אוועק זייער ווייט פון דיר דיין כעס און דיין אנגעצויגענקייט.

* * *

אלע אידישע נשמות זענען מרומז אין די תורה

דער הייליגער חתם סופר זי"ע האט אמאל געזאגט אינמיטן א תורה, אז ער ווייסט פונקטליך וואו אלע אידישע נשמות זענען מרומז אין די הייליגע תורה.

ס'איז דארט געווען א בחור פון גאליציע, וועלכע האט געהאט פרעמדע השקפות, זיין אמונה איז נישט געווען אזוי ווי עס דארף צו זיין, און האט געוואלט אפשפעטן פון די ווערטער פונעם הייליגן חתם סופר, האט ער זיך אנגערופן, רבי, וואו איז מרומז דער רמב"ם אין די תורה.

דער חתם סופר האט זיך נישט אויסגעדרייט צום בחור, נאר ער האט ווייטער געזאגט, אז די ווערטער (פרשת בא) **ר'בות מ'ופתי ב'ארץ מ'צרים**, (צו פארמערן מיינע צייכענעס אין לאנד מצרים), איז ראשי תיבות, רמב"ם, ר'בינו מ'שה ב'ן מ'יימון, אז דער רמב"ם וועלכער האט געוואוינט אין מצרים האט באוויזן דארט וואונדערליכע זאכן, און דער חתם סופר האט ארומגערעדט פון די גרויסקייט פונעם רמב"ם.

דער בחור האט מיט א חוצפה זיך אנגערופן, רבי, און וואו איז מרומז משה בן מנחם, דאס איז דער נאמען פונעם רשע, משה מענדלזאהן, שם רשעם ירקב.

האט דער חתם סופר אנגעהויבן צו שרייען, אז די ראשי תיבות פון די ווערטער וואס ס'שטייט די וואך אין די סדרה (כ"ב כ"ה), **מ'שחתם ב'הם מ'ום ב'ם** (זייער פארדארבנקייט איז אין זיי, זייער פעלער איז אין זיי), איז די ראשי תיבות, מ'שה ב'ן מ'נחם ב'ערלין, מיינעדיג צו זאגן, אז דער משה בן מנחם איז א פארדארבענער רשע.

מ'האט פארטריבן דעם בחור פון דארט, און דעמאלט האט זיך טאקע ארויסגעשטעלט אז דער בחור איז געווען שטארק פארדארבן, און איז ליידער ארויס לתרבות רעה, ער איז געווארן ערגער און ערגער.



יארצייט פון די וואך

ד

הרה"ק רבי יחזקאל סג"ל לאנדא זי"ע,

בעל מחבר ספר שאלות ותשובות נודע ביהודה, וצל"ח (ראשי תיבות, ציון לנפש חי)

הרה"ק רבי יחזקאל סג"ל לאנדא זי"ע, איז געבוירן י"ח חשון תע"ד אין דער שטאט אפטא, צו זיין פאטער רבי יהודה הלוי לאנדא זי"ע און צו זיין מאמע די צדיקת חיה, ער איז געווען אן אייניקל פון הרה"ק רבי ר' העשיל פון קראקא זי"ע.

אלס כיבוד אב ואם האט ער אנגערופן זיינע ספרים אויף די נעמען פון זיינע עלטערן, דער ספר נודע ביהודה איז אן אנדענק צו זיין פאטער רבי יהודה הלוי, און זיין ספר צל"ח איז די ראשי תיבות, ציון לנפש "חיה", דאס איז אן אנדענק צו זיין מאמע מרת חיה ע"ה.

דובנא - בראָד - יאמפלא - פראג

דער הייליגער נודע ביהודה האט חתונה געהאט אין עלטער פון אכצן יאר מיט די צדיקת מרת ליבא ע"ה, די טאכטער פונעם תלמיד חכם און עושר ר' יעקב פון די שטאט דובנא, וועלכער האט זיך אונטערגענומען אויסצוהאלטן זיין חשוב'ן איידעם כדי ער זאל קענען רואיג לערנען.

גלייך נאך די חתונה האט ער געוואוינט אין די שטאט דובנא, דערנאך ווען זיין שווער האט זיך אריבערגעצויגן קיין בראָד, האט ער זיך אויך אהינגעצויגן, און האט געלערנט אינעם בראד'ן קלויז מיט הרה"ק ר' איציקל האמבורג זי"ע און מיט הרה"ק ר' חיים צאנזער זי"ע (דאס איז נישט דער הייליגער צאנזער רב, בעל מחבר ספר הקדוש דברי חיים זצ"ל) און מיט די אנדערע חכמי בראד, דארט אין בראדער קלויז האבן די הייליגע חבריא געלערנט א גאנצע וואך, זיי זענען נאר אהיים געגאנגען אויף שבת קודש.

אין יאר תצ"ד, זייענדיג צוואנציג יאר, איז ער געווארן דער הויפט פונעם בית דין אין די שטאט בראד, שפעטער אין יאר תק"ה איז ער געווארן רב אין די שטאט יאמפלא, און אין יאר תקט"ו איז ער געווארן אויפגענומען אין די שטאט פראג וואו ער איז געווען רב ביז צו זיין פטירה.

תורה

דער הייליגער נודע ביהודה האט געלערנט תורה מיט אסאך תלמידים, ער האט יעדן טאג פארגעלערנט פיר שיעורים גמרא תוספת פאר פיר כתות, פרייטאג פלעגט ער לערנען מיט זיינע תלמידים חומש און פרש"י.

נאנט צו זעכציג יאר האט דער הייליגער נודע ביהודה געלערנט תורה מיט אידן און גע'פסק'נט שאלות, ווען ער איז געווען בלויז פיר און צוואנציג יאר האט ער שוין אפגעשריבן תשובות להלכה, ער פלעגט שרייבן תשובות צו די גרעסטע גדולי ישראל וועלכע האבן אים אנגעפרעגט זייערע שאלות און מ'זעט זיין געוואלדיגע גאונות.

דער הייליגער צאנזער רב, בעל מחבר ספר הקדוש דברי חיים זצ"ל האט זיך אויסגעדרוקט מיט מורא'דיגע שבחים אויף די גרויסקייט פון די תורה פונעם הייליגן נודע ביהודה, ווי ער רופט אים אן מיט גאר חשוב'ע טיטלן.

עבודה

דער הייליגער נודע ביהודה איז געווען זייער גרויס אין עבודה, אזוי ווי זיין תלמיד הגאון רבי אליעזר פלעקילס זצ"ל (בעל מחבר ספר שאלות ותשובות תשובה מאהבה) שרייבט, אז ס'איז נישט געווען אזא זאך אז דער הייליגער נודע ביהודה זאל שלאפן ביי חצות הלילה, ער האט יעדן טאג געזאגט תיקון חצות און געקלאגט אז די שכינה הקדושה איז אין גלות.

אלע זיינע יארן ביז צו זיין עלטער פלעגט ער זיך בכלל נישט לייגן שלאפן אין א בעט, ער האט נאר אראפגעלייגט זיין קאפ אין בעט אויף א קישן, און זיין גוף איז געווען אויף א בענקל.

יום הקדוש - דעם הייליגסטן טאג פון יאר - האט ער בכלל נישט געדרימלט און איז א גאנצן טאג געווען אויף איין פלאץ, זיך נישט אוועקגערירט פון דארט, נאר געזאגט תפילות און בקשות מיט שטארקע בכיות, ער פלעגט אויך שטארק מעורר זיין אידן מיט זיינע דרשות צו תשובה.

גמילות חסדים

דער הייליגער נודע ביהודה איז געווען גאר שטארק בארימט מיט טאן צדקה און חסד, ער פלעגט אוועקגעגעבן רוב פון זיין אייגן געלט פאר צדקה, און אויסער דעם פלעגט אסאך גיין נאך געלט, און געשטיצט ארימע תלמידי חכמים, און געהאלפן אסאך אידן מיט גרויסע סכומים פאר הכנסת כלה.

קנאות

דער הייליגער נודע ביהודה האט זייער אכטונג געגעבן אז מ'זאל נישט משנה זיין פון די דרך התורה, ווען אימער ס'האט אויסגעפעלט האט ער זיך ארויסגעשטעלט קעגן די רשעים וועלכע האבן געזוכט איינצופירן נייע דרכים.

די נאכפאלגער פון שבתי צבי ימ"ש און די פראנקיסטן האבן אין יענע צייטן פרובירט צוריק אויפצולעבן, און האבן געבויט בתי מדרשים וואו זיי האבן ליידער ארייגעשלעפט אין זייער נעץ אסאך חשוב'ע משפחות, זיי האבן באקומען שטארקע שטיצע פון די רעגירונג זעענדיג אין זיי א געוויסע נאנטקייט צו די קריסטליכע רעליגע.

אין יענע שווערע תקופה האט זיך דער הייליגער נודע ביהודה ארויסגעשטעלט אן קיין פחד און מורא און האט זיי זייער גע'רודפ'ט אן קיין רחמנות, יום כיפור בייגאכט האט ער אויסגערופן א הארבן חרם קעגן זיי, און לויט זיין באפעל פלעגט מען יעדעס יאר אויסרופן אין די שטאט פראג, אז פאר יעדן איד העלפט תשובה אויסער פאר די נאכפאלגער פון שבתי צבי ימ"ש, און ער האט ב"ה באוויזן זיי צו באזיגן ביז זיי האבן אויפגעגעבן זייערע שולן און פלעגן זיך צוזאמענגעקומען באהאלטענערהייט און נאך א שטיק צייט זיי זענען אינגאנצן בטל געווארן.

דער הייליגער נודע ביהודה איז נפטר געווארן י"ז אייר אין יאר תקנ"ג זייענדיג ניין און זיבעציג, און איז געקומען לקבורה אין די שטאט פראג.

זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל

<><><>

<u>געצוימט די עשירים</u>

דער הייליגער נודע ביהודה האט איינגעפירט אסאך תקנות, ער האט געצוימט די עשירים אז זיי זאלן נישט אויסגעבן געלט אומזיסט פאר נישט וויכטיג זאכן, און זאלן נישט גיין מיט קיין טייערע מלבושים, כדי נישט אויסצושטעכן די אויגן פון אנדערע, אויך האט ער געזען אז מ'זאל נישט פארקויפן טייערע געבעקטס אין די גאסן, כדי מ'זאל נישט נאכגעשלעפט ווערן מיט תאוות אכילה.

<u>דריי דיינים האבן זיך נישט דערשראקן</u>

ווען הרה"ק רבי גרשון איז צוריקגעקומען דאס ערשטע מאל פון ארץ ישראל, האט ער זוכה געווען צו מקדש זיין שם שמים ברבים, די מעשה איז געווען ווי פאלגענד.

ס'איז ארויסגעגאנגען א קול אויף איינעם א גבר אלם - א שטארקער מענטש פון וועמען יעדער האט געציטערט - אז זיין ווייב האט געזינדיגט, די רבנים וועלכע האבן אויסגעפארשט די זאך זענען געוואויר געווארן אז ס'איז אמת, דער רב פון בראָד הרה"ק רבי יעקב יוקל האט איר געוואלט הארב באשטראפן, אבער איר טאטע און איר מאן האבן זיך נישט געלאזט, און וויבאלד זיי האבן געהאט א ווארט אויף די רעגירונג, האבן זיי פאר'מסר'ט דעם רב, און דער געריכט האט גע'פסק'נט אז ווער ס'וועט בארעדן די פרוי, וועט באשטראפט ווערן און וועט דארפן צאלן קנס הונדערט גאלדענע רענדלעך, און אויב מ'וועט דאס נישט באצאלן, וועט מען אים שלאגן הונדערט מלקות אינמיטן שטאט.

די רבנים פון שטאט האט דאס זייער ווי געטאן, היתכן אז די גוים מישן זיך אריין אין זאכן וואס האט נישט צוטאן מיט זיי, אז דער

מענטש האט אביסל געלט מיינט נאכנישט אז די וועלט הפקר און ער מעג טאן וואס ער וויל, דעריבער האבן דריי דיינים פון די שטאט מפרסם געווען ברבים אז ס'איז אסור צו האבן שייכות מיט די פרוי, די דריי זענען געווען, הרה"ק רבי גרשון מקיטוב זי"ע, הגאון בעל נודע ביהודה זי"ע, און הגאון רבי מאיר מרגליות בעל מאיר נתיבים, (די יארצייט פון מאיר נתיבים איז געווען ו' אייר)

געטראפן א וועג וואו צו אנטלויפן

דער מאן האט דאס נישט פארשוויגן, און מ'האט ארעסטירט די דריי גאונים און זיי באשולדיגט מיט פארשפרייטן א שם רע און פארשעמען די פרוי ברבים, און מ'האט גע'פסקנ'ט אז יעדער פון זיי מוז באצאלן הונדערט גאלדענע רענדלעך, דער הייליגער נודע ביהודה האט באצאלט דעם גאנצן סכום, רבי מאיר מרגליות וועלכער האט נישט געהאט צו באצאלן, האט באקומען ברבים הונדערט קלעפ, רבי גרשון קיטובער האט אויך נישט געהאט צו באצאלן, דעריבער האט ער זיך אויך געגרייט צו כאפן הונדערט קלעפ, אבער פלוצלינג האט זיך באוויזן א פרעמדער מענטש און אים געוויזן א וועג וואו צו אנטלויפן, און איז גראטעוועט געווארן. ער איז אנטלאפן צו זיין שוואגער דער הייליגער בעל שם טוב, וועלכער האט אים אפגעווארט מיט גרויס שמחה, און אים געזאגט, אז אליהו הנביא האט זיך פארשטעלט און איז אים געקומען העלפן אנטלויפן.

מ'האט דעמאלט גע'פסק'נט אין הימל אז די דריי רבנים וועלכע האבן מקדש געווען שם שמים ברבים, זאלן גרויס ווערן, דער נודע ביהודה זאל ווערן רב אין די שטאט פראג, רבי מאיר זאל ווערן רב אין די שטאט לבוב, און רבי גרשון זאל גרויס ווערן אין ארץ ישראל, (דאס איז געווען ווען ער איז געפארן דאס צווייטע מאל אין ארץ ישראל).

<><><><><>

זיין זיידע איז אים געקומען צו הילף

אין די ערשטע צייטן ווען דער הייליגער נודע ביהודה איז געווארן רב אין שטאט פראג, זענען געווען עטליכע גרויסע רבנים וועלכע האבן נאכנישט איינערקענט אין זיין גרויסקייט, און האבן געהאלטן אז ער איז נישט גענוג ווערד צו זיין רב אין פראג, איינער פון די רבנים איז געווען, דער בעל מחבר ספר אור לישרים הרה"ק רבי זרח איידליץ זצ"ל.

אין איינע פון די טעג האט זיך געמאכט א שווערע שאלה אויף א בהמה אין הלכות טריפות, צו די בהמה איז כשר אדער נישט, און דער הייליגער נודע ביהודה האט גע'פסק'נט אז ס'איז כשר.

לכאורה איז דאס א טעות

ווען דער נודע ביהודה איז געקומען אין בית המדרש צו מנחה, האט ער באמערקט אז עפעס גייט דארט פאָר, מענטשן רעדן סודות צווישן זיך, איז ער צוגעגאנגען צו איינעם און געפרעגט וואס די מענטשן רעדן, האט יענער געענטפערט, אז מ'רעדט פון די בהמה וואס דער רב האט היינט גע'פסק'נט דערויף אז ס'איז כשר, און די גרויסע לומדים האבן אויפגעוויזן אז ס'איז יא טריפה, און זיי זאגן אז מ'האט געכאפט דעם רב ביי א אפענעם טעות.

האט דער נודע ביהודה געזאגט, אז ביינאכט וויל ער דאס נאכאמאל איבערטראכטן, און מארגן וועט ער זאגן צו ס'איז כשר צו נישט, נאכ'ן גוט ארייןקלערן האט ער זיך געכאפט אז זיי זענען גערעכט, ער האט טאקע געמאכט א טעות. ער איז געווארן זייער צובראכן דערפון און האט זייער געוויינט, ביז ער איז איינגעשלאפן, אינמיטן שלאף האט ער גע'חלומ'ט אז זיין גרויסע זיידע הרה"ק רבי ר' העשיל פון קראקא באוויזט זיך צו אים, און זאגט אים, דארפסט נישט וויינען, נעם א גמרא און קוק נאך דארט און דארט, וועסטו זען אז פון תוספות איז א קלארע ראיה אז די בהמה איז יא כשר.

געוויזן דעם קלארן תוספות

ווען ער האט זיך אויפגעכאפט האט ער נאכגעקוקט דעם תוספות, און האט געזען אז ער איז גערעכט, אין תוספות שטייט קלאר אז ס'איז כשר, איז ער באלד צוריקגעגאנגען אין בית המדרש און האט געוויזן דעם תוספות פאר הרה"ק ר' זרח איידליץ, ווען ער האט דערזען דעם תוספות, האט ער געזאגט פאר'ן הייליגן נודע ביהודה, איך בין זיכער אז ווען איר האט גע'פסק'נט די שאלה, האט איר נישט געוואוסט פון דעם תוספות, איז פון וואו האט איר זיך יעצט פלוצלונג דערוויסט פון דעם תוספות, האט דער נודע ביהודה געזאגט, ס'איז אמת, כ'האב פריער טאקע נישט געוואוסט דערפון, נאר מיין הייליגע זיידע דער רבי ר' העשיל האט זיך אנפלעקט צו מיר און צוגעצייכנט דעם תוספות.

האט הרה"ק רבי זרח איידליץ געזאגט, אויב אייער זיידע שטייט אייך צו די רעכטע האנט, זענט איר פון יעצט און ווייטער מיין רב, פון דעמאלט און ווייטער האט געהערשט זייער א נאנטער קשר צווישן די צוויי גרויסע צדיקים.

<><><><><>

ביים דרימל האט ער פארגעסן

אויסער דעם וואס דער הייליגער נודע ביהודה איז געווען א גרויסער גאון און קדוש, און האט באלאכטן די וועלט מיט זיינע גאונ'ישע ספרים, איז ער אויך געווען גאר שטארק בארימט מיט זיין געוואלדיגע חכמה.

ס'איז אמאל געווען א גרויסער עושר, ר' בערל (למשל), א גביר פון וואס יעדער האט געוואוסט צו זאגן פון אים צוליב זיין גוטן הארץ, ער פלעגט שטענדיג ארויסהעלפן אין שטיצן יעדן ארימאן וועלכער האט נאר אנגעקלאפט זיין טיר, ס'איז נישט געווען אזא זאך אז ער זאל אפזאגן א בקשה פון א איד, ער האט יעדן געהאלפן בגוף ובממון, זיין שטוב איז אייביג געווען אפן פאר יעדן גאסט, און זיין נאמען איז געווארן גרעסער און גרעסער, באקאנט פאר יעדן אלס ר' בערל דער עושר.

אויפגענומען א בעל עגלה

צוליב די שטארק פארצווייגטע געשעפטן וועלכע ר' בערל האט געפירט, פלעגט ער שטענדיג ארומפארן אין פארשידענע גרויסע שטעט, און כדי ער זאל נישט דארפן יעדעס מאל זוכן א נייעם בעל עגלה, האט ער באשלאסן צו דינגען דעם בעל עגלה ר' דוד (למשל), וועלכער איז געווען א גרויסער ארימאן, און האט זיך שטארק געניטיגט אין יעדן דאלער, און אזוי ארום וועלן ביידע הנאה האבן, ער וועט אייביג האבן גרייט א בעל עגלה, און ר' דוד וועט יעדע וואך באקומען זיין געהאלט, כדי ער זאל זיין גרייט אים צו פירן צו יעדע צייט און צו יעדן פלאץ.

ס'האט זיך אויסגעארבעט בעסער ווי געפלאנט, ר' בערל האט שטארק מצליח געווען מיט זיינע געשעפטן, און ר' דוד איז שטענדיג געווען גרייט צו פירן ר' בערל צום באשטימטן צייט, ס'האט זיך אסאך מאל געמאכט אז זיי האבן געדארפט בלייבן נעכטיגן אין איינע פון די גרויסע שטעט, אבער פאר ר' בערל וועלכער געלט האט נישט געשפילט קיין ראלע, איז דאס נישט קיין פראבלעם, ער פלעגט צו פאָרן צו א שיינעם האטעל, און האט ארויסגעדינגען צוויי שטיבער, איינס פאר זיך און איינס פאר זיין בעל עגלה ר' דוד, און דעם אנדערן טאג זענען זיי ווייטער געפארן.

ס'איז דורכגעלאפן אפאר יאר, און ר' דוד האט שוין פארגעסן אז ר' בערל האט אים ממש גערעטעוועט פון זיין מצב, אין זיינע אמאליגע יארן פלעגט ער נישט פארדינען קיין סאך, יעדן צווייטן טאג איז ער געזיצן אינדערהיים, נישט האבנדיג קיין פרנסה, אבער פון ווען ר' בערל האט אים אפגעדינגען איז ער ממש אויפגעלאכטן, ער האט שיין פרנסה, און אפילו ווען ער ארבעט נישט, באקומט ער אויך שיין באצאלט.

באשלאסן צו ווערן בעל הבית

איינמאל שלאפנדיג אין די פרעמד אין א שיינעם האטעל, האט ר' דוד באשלאסן, עד כאן, ס'איז גענוג געווען, איך בין דער נידעריגער בעל עגלה, און איבעראל וואו ר' בערל וויל פאָרן, מוז איך אים טראגן, ער שלאפט זיך אויפ'ן וועג אזוי באקוועם און איך דארף פירן דעם פערד, איך בין שוין גענוג יארן געווען א בעל עגלה, ס'איז שוין געקומען די צייט איך זאל אויפגעראכטן ווערן, אין זיין קאפ האט זיך אנגעהויבן צו וועבן פלענער ווי אזוי ער קען גוט מסדר זיין דעם עושר ר' בערל, ביז ס'איז אים איינגעפאלן א געדאנק.

דעם אנדערן טאג האבן זיי זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג אזוי ווי געווענליך, און דער עושר ר' בערל האט זיך אויסגעטאן זיין היט און זיין שיינעם רעקל וואו דער בערזל געלט איז געווען, און זיך באקוועם געמאכט צו כאפן א פיינעם דרימל אויפ'ן וועג, נאכ'ן פאָרן א האלבע שעה, שוין זייענדיג טיף אין א וואלד, און ר' דוד האט זיכער געמאכט אז ר' בערל שלאפט שוין גוט טיף, האט ער שטייטלעך און פארזיכטיג אפגעשטעלט דעם וואגן, און שטילערהייט זיך אנגעטאן דעם שיינעם היט און רעקל פון ר' בערל, און זעצט זיך נעבן ר' בערל.

נאך אפאר מינוט האט זיך ר' בערל אויפגעכאפט פון זיין טיפן שלאף, און ס'ווערט אים גוט, ער זעט ווי ר' דוד זיצט מער נישט ביים פערד, נאר זיצט דא נעבן אים, האט ער אים געפרעגט, וואס גייט פאָר, פארוואס פאָרסטו נישט ווייטער, האט ר' דוד זיך געמאכט ווי ער ווייסט נישט וואס מ'וויל פון אים, און זאגט מיט וואונדער, איך דארף ווייטער פאָרן, דו ביסט דאך דער בעל עגלה, דו פאָר ווייטער, קודם האט ר' בערל געמיינט אז ר' דוד מאכט מיט אים א שפיל, אבער ווען ער האט באמערקט אז ר' דוד האט אן זיין רעקל וואו ס'איז געווען דעם א ריזיגן סכום געלט, האט ר' בערל פארשטאנען אז ס'איז צרות.

ר' בערל זאגט שיינערהייט פאר ר' דוד, מאך דיך נאריש, גיי צוריק צום רעדל, און פאָר ווייטער, האט ר' דוד צוריקגענטפערט, איך ווייס בכלל נישט וואס דו ווילסט פון מיר, איך בין דער בעל הבית און דו ביסט דער בעל עגלה, זיי מוחל גיי צוריק צום רעדל און פאָר ווייטער, ווען ר' בערל האט געזען אז ס'גייט נישט מיט שיינעם, האט ער אנגעהויבן צו שרייען אויף ר' דוד, וואס טוטסטו מיט מיר, איך האב דיך געדינגען אז דו זאלסט זיין מיין בעל עגלה, וואס שפילסטו ארום מיט מיר, אבער ר' דוד האלט זיך ביי זיינס, און זאגט פאר ר' בערל, זעט אויס אז דו האסט א שיינעם חלום, איך ווייס נשט וואס דו רעדסט, זיי מוחל גיי צוריק צום דרייווער און פאָר ווייטער.

אזוי האבן זי זיך גע'טענה'ט עטליכע אנגעצויגענע מינוטן, און ר' בערל זעט, אז ס'איז דערנאך, ר' דוד איז שוין געווארן צו היימיש, און וואגט זיך שוין צו טאן אזא אומדערהערטע שריט, ער האלט נישט ביים אויפגעבן, האט ר' בערל נישט געהאט קיין צוויי ברירות, און זיך געזעצט צום דרייווער און ער פאָרט ארויס פון וואלד, און ר' דוד זיצט פון אונטן אין וואגן ווי א בעל הבית וואס ווערט געפירט דורך זיין בעל עגלה.

פרעגן דעם נודע ביהודה

ר' בערל איז געווען שטארק צומישט, ער האט נישט געוואוסט וואס ער זאל דא ווייטער טאן, אינמיטן וועג, איז ער דורכגעפארן דעם שטאט פראג וואו דער הייליגער נודע ביהודה איז געווען רב, האט ר' בערל באשלאסן אז ער וועט אריינגיין מיט ר' דוד צום הייליגן נודע ביהודה, און האפענטליך וועט זיך ר' דוד דארט מודה זיין.

ר' דוד טראכט ביי זיך אז ר' בערל האט נישט קיין שום וועג צו אויפווייזן אז ער איז דער בעל הבית און איך בין דער בעל עגלה, און ער האט אפגעמאכט ביי זיך מיט א שטארקייט, אז ער וועט זיך ווייטער רופן בעל הבית, און ר' בערל איז דער בעל עגלה.

ביים דרימל האט ער פארגעסן

דער הייליגער נודע ביהודה האט אויסגעהערט זייערע טענות, און האט זיי געזאגט, אז ער האלט יעצט אינמיטן לערנען א שטיקל גמרא, און זיי זאלן ווארטן אינדרויסן ביז ער וועט זיי רופן, זיי האבן זיך ביידע געזעצט אינדרויסן און געווארט, אזוי זיצענדיג האט ר' בערל ווייטער פרובירט אז ר' דוד זאל זיך בייגן און מודה זיין, אבער אומזינסט, ר' דוד גיבט נישט אויף, ער ווייסט נישט וואס מ'וויל פון אים, ווען ר' בערל האט געזען אז ער וועט גארנישט אויפטאן, איז ער שטיל געווארן און געהאפט אז דער נודע ביהודה וועט אלעס קלאר מאכן.

ס'גייט אריבער א שעה, צוויי, דריי, זיי ווארטן נאך אלץ, פארשטייט זיך אז נאכ'ן זיצן אזוי לאנג זענען זיי מיד געווארן, און ר' דוד, דער נייער בעל הבית, האט איינגעדרימלט, ווען דער נודע ביהודה האט געזען דורכ'ן שפאלט פונעם טיר אז ר' דוד דרימלט שוין, האט ער אויפגעמאכט דעם טיר, און גיבט א רוף אויס הויעך אויפ'ן קול, "צום ערשט זאל דער בעל עגלה אריינקומען", ר' דוד האט זיך געגעבן א כאפ אויף פון זיין דרימל, און הערענדיג אז מ'רופט דעם בעל עגלה, האט ער זיך נישט געכאפט אז ער איז שוין יעצט בעל הבית און האט אנגעהויבן צו גיין, נאכדעם האט ער זיך געכאפט, אוי ווי איך בין נישט דער בעל עגלה, איך בין שוין דער בעל הבית, אבער ס'איז שוין געווען דערנאך, ער האט שוין נישט געקענט צוריקדרייען.

דער נודע ביהודה האט אים אריינגערופן און האט מודה געווען אז ער איז דער בעל עגלה, און האט איבערגעבעטן ר' בערל און אים צוריקגעגעבן דאס גאנצע געלט, דעמאלט האט יעדער געזען די געוואלדיגע חכמה פונעם הייליגן נודע ביהודה, וועלכער האט ספעציעל געווארט אז ר' דוד זאל איינדרימלען און אזוי ארום ווען מ'וועט רופן דעם "בעל עגלה", וועט ער זיך נישט כאפן אז ער שוין היינט א בעל הבית.

<><><><>

ס'איז קיינמאל נישט דערנאך

דער הייליגער נודע ביהודה האט געהאט א תלמיד וועלכער האט געוואוינט אין די שטאט פראג און איז ליידער אראפ פון אידישן וועג, ער איז פארקראכן זייער ווייט, ביז ער האט זיך ליידער גע'שמד'ט און איז געווארן א גלח.

דער הייליגער נודע ביהודה האט געהאט דערפון גרויס צער, ער האט זיך זייער געוואלט טרעפן מיט'ן תלמיד, ער האט געבעטן זיינע מענטשן זיי זאלן געוואויר ווערן אויב ס'איז דא א מעגליכקייט אז דער גלח זאל אים זען, נאכ'ן זיך נאכפרעגן, האבן די נאנטע מענטשן אים געזאגט, אז יעדן טאג אין א געוויסע צייט זיצט דער גלח ביים פענסטער און קוקט ארויס אויפ'ן גאס.

דער הייליגער נודע ביהודה האט געטראכט צו זיך, אויב וועט דער גלח אים באגריסן, איז א סימן אז ס'איז נאך דא האפענונגען אז ער וועט תשובה טאן, אבער אויב ער וועט זיך נישט מאכן וואוסענדיג פון אים, דעמאלט איז ליידער דערנאך.

אינעם אנדערן טאג, דעם באשטימטן צייט, איז דער נודע ביהודה אריבערגעגאנגען דעם גלח'ס הויז, און ווען דער גלח האט אים באמערקט פון פענסטער, האט ער אים געגריסט מיט הכנעה, און דער הייליגער נודע ביהודה האט אים צוריקגעגריסט.

אויפגעגעסן דעם קוגל

דער נודע ביהודה האט באפוילן אז מ'זאל זאגן פאר'ן גלח אז זיין רבי, דער נודע ביהודה, וויל זיך פערזענליך טרעפן מיט אים, דער גלח האט מסכים געווען, און צום באשטימטן צייט האבן זיי זיך געטראפן, דער נודע ביהודה האט געפרעגט דעם גלח, וואס ס'האט צוגעברענגט אז ער איז ליידער אזוי פארקראכן.

האט דער גלח געענטפערט מיט גרויס צובראכנקייט, אז ס'האט זיך אנגעהויבן ווען ער האט געלערנט ביי אים אין ישיבה, ס'איז געווען דארט איינגעפירט, אז די תלמידים האבן געגעסן ביי די בעלי בתים אין שטאט, איינמאל פסח האט זיך געמאכט ביי זיין בעל הבית, אז ס'איז געפינען געווארן א ווייץ אין א קוגל, האט דער בעל הבית אים געבעטן א טובה אז ער זאל אריבערגיין מיט די קוגל צו זיין רבי דער הייליגער נודע ביהודה און אים פרעגן אויב מ'מעג דאס עסן.

ער האט אזוי געטאן און דער נודע ביהודה האט אים פאָרגעלייגט אלע פוסקים וועלכע רעדן פון אזא שאלה, און האט אויסגעפירט, אז באמת וואלט מען דאס געקענט מתיר זיין, אבער אלס חומרא פון פסח זאל מען דאס נישט עסן, נאר מ'זאל דאס פארברענען.

דערציילט דער תלמיד ווייטער, איך בין דעמאלט געווען זייער הונגעריג, און איך האב געטראכט צו מיר, אז וויבאלד דער נודע ביהודה האט דאך געזאגט אז על פי הלכה מעג מען דאס עסן, דעריבער וועל איך דאס אויפעסן, און ער האט טאקע אזוי געטאן, ער האט אליינס אויפגעגעסן דעם גאנצן קוגל.

ער קען שוין ממילא גארנישט טאן

נאכ'ן ענדיגן עסן, בין איך געווארן זייער נישט רואיג, כ'האב באקומען שטארקע חרטה געפילן, ס'האט מיך זייער געשטערט פארוואס איך האב דאס געטאן, איך האב מיך נישט געקענט מוחל זיין פארוואס איך האב מיך נישט געקענט איינהאלטן, ס'איז דאך א שאלה פון חמץ בפסח, און דער יצר הרע האט דאס געמאכט אויסזען ווי זייער א גרויסע עבירה, ער האט מיך געמאכט טראכטן אז איך בין דער ערגסטער מענטש אין די וועלט.

דאס צובראכנקייט האט צוגעברענגט אז איך האב שוין יענע נאכט נישט געליינט קיין קריאת שמע, דעם אנדערן אינדערפרי האב איך שוין נישט געזאגט קיין ברכת התורה, און אזוי איז דאס געגאנגען אראפ און אראפ, כ'האב מיך שוין נישט אפגעגאסן קיין נעגל

וואסער, און כ'האב אנגעהויבן צו לייענען טריפה'נע ביכער, אלעס צוליב דעם וואס איך האב געטראכט אז איך בין שוין ממילא אפגעריסן פונעם הייליגן באשעפער, ביז איך בין לײדער צוגעקומען צו דאס ערגסטע, כ'האב מיך איבערגעגעבן פאר די טמנ'א תיפלה, און איך בין געווארן א גלח.

ער איז געווארן א בעל תשובה

האט אים דער הייליגער נודע ביהודה געזאגט, אז על פי הלכה איז ער נישט נכשל געווארן אין קיין איסור כרת, און האט אים אויפ'ן פלאץ מחזיר בתשובה געווען און איז צוריק געווארן אן ערליכע איד.

די מעשה איז א מורא'דיגע מוסר השכל, א מענטש איז דאך נאר א מענטש, אפילו אויב ס'מאכט זיך אז מ'איז אמאל דורכגעפאלן מיט אן עבירה, זאל מען זיך נישט לאזן איינרעדן פונעם יצר הרע און טראכטן, אז ס'איז שוין דערנאך, אזוי ווי דער הייליגער ר' נחום מטשערנאביל זי"ע פלעגט זאגן, אז דער יצר הרע מיינט נישט אזוי ווייט די עבירות, ווי דאס אריינצוברענגען אינעם מענטש א צובראכנקייט אז מ'זאל מיינען מ'איז שוין פארפאלן, מ'טאר זיך נישט לאזן פון אים, נאר מ'זאל זיך תיכף צוריקכאפן און תשובה טאן, ס'איז נישטא אזא זאך אז ס'איז שוין צו שפעט.

<><><>

דער אמת איז ארויפגעשווימען

א געוויסער סוחר וועלכער האט געהאט ביי זיך דעם גרויסן סכום פון צען טויזנט גולדן איז אמאל אנגעקומען אין די שטאט פראג אין א פרייטאג נאכמיטאג, ער האט דאס נישט געוואלט איבערלאזן אין זיין א אכסניא וואו ער איז איינגעשטאנען, ווייל ער האט מורא געהאט אז מ'וועט אים בא'גנב'נען, דעריבער האט ער באשלאסן אז ער וועט דאס טראגן צו איינעם פון די באקאנטע סוחרים אין שטאט, אן עושר מיט וועמען ער פלעגט אסאך האנדלען, און לויט וויפיל ער האט אים געקענט, האט ער אויסגעזען צו זיין א חשוב'ער און אמת'דיגער מענטש.

ממש פאר'ן זמן פון שבת, איז ער שנעל אריבערגעגאנגען צו זיין חבר, און אים געפרעגט אויב ער קען אים טאן א טובה און האלטן זיין געלט ביז נאך שבת, דער עושר האט מסכים געווען, זיי האבן צוזאמען איבערגעציילט דאס געלט און דער עושר האט דאס אוועקגעלייגט.

ער איז ביטער אריינגעפאלן

מוצאי שבת, ווען דער פרעמדער סוחר איז געגאנגען צום עושר אפנעמען זיינע צען טויזנט גולדן, האט אים דער עושר געענטפערט, איך ווייס נישט פון וואס דו רעדסט, דו האסט מיר קיינמאל קיין געלט נישט געגעבן, קודם האט דער סוחר געמיינט, אז דער עושר טוט דאס צו מאכן אביסל אינטערסאנט, אבער באלד דערנאך האט ער זיך איבערגעצייגט, אז ער איז נעבעך ביטער אריינגעפאלן, ער האט זיך מיט די אייגענע הענט איבערגעגעבן צו א גנב און א רויבער, דער סוחר האט זיך געבעטן מיט שיינעם און מיט בייזן, אבער ס'האט גארנישט געהאלפן, דער עושר האלט זיך ביי זיינס.

דער פרעמדער סוחר וועלכער איז געווען זייער פארלוירן איז תיכף אריבערגעגאנגען צום רב דער הייליגער נודע ביהודה, און מיט טרערן אין די אויגן אים דערציילט די גאנצע מעשה, דער נודע ביהודה האט אים בארואיגט און געזאגט, ער זאל זיך נישט זארגן, דער אמת וועט ארויף שווימען, קום צוריק מארגן אינדערפרי און מיר וועלן זען וואס מ'קען טאן.

זונטאג אינדערפרי איז דער סוחר צוריקגעקומען, דער נודע ביהודה האט אים געזאגט אז ער זאל אריינגיין אין א זייטיגן צימער, און ווען ער וועט הערן די שטימע פונעם עושר, זאל ער אריינקומען און איבערזאגן זיינע טענות.

ער קען נאר מנדב זיין פינף און צוואנציג

דער נודע ביהודה האט באלד געשיקט זיין שמש, און אים געזאגט, ער זאל רופן דעם עושר, דער עושר איז טאקע באלד אריבערגעקומען, דער רב זאגט אים, איך וויל אייך בעטן, אזוי ווי די ארימקייט אין שטאט איז זייער גרויס, אסאך ארימעלייט האבן ממש נישט קיין עסן פאר זייערע קינדער, און אפגערעדט אז זיי האבן נישט קיין געלט פאר קליידונג, דעריבער אזוי ווי עס קומט יעצט ווינטער, די ארימעלייט דארף קויפן מאנטלען און שיך, וואלט איך אייך געוואלט בעטן א נדבה פון טויזנט גולדן.

ווען דער סוחר האט דאס געהערט, האט ער געזאגט, רבי, הלואי וואלט איך געקענט געבן אזויפיל, אבער לײדער איז דער מצב אין מיינע געשעפטן לעצטנס נישט אזוי גוט און איך קען יעצט נישט געבן קיין טויזנט גולדן, זאגט אים דער רב, גוט, לאמיר איינגיין אויף פינף הונדערט, ענטפערט דער גביר, אבער רבי, ס'איז מיר אויך אוממעגליך.

זאגט דער רב, א איד איז דאך מחוייב צו געבן צדקה, גיב כאטש צוויי הונדערט און פופציג (250) גולדן, ענטפערט דער עושר, רבי, ס'מיר זייער שווער צו טראכטן פון אזעלכע סכומים, די פרנסה לעצטנס איז ביי מיר שטארק אפגעשוואכט, און איך קען דאס לײדער נישט געבן, פרעגט אים דער רב, וויפיל קענסטו יא געבן, האט ער געענטפערט, מער ווי פינף און צוואנציג (25) גולדן קען איך נישט געבן.

ווי אזוי קען ער געבן פינף הונדערט

פלוצלונג מאכט זיך אויף די טיר און דער פרעמדער סוחר קומט אריין און האט פארגעלייגט זיינע טענות, און זאגט, רבי, דער איד וואס שטייט דא האט מיך בא'גנב'עט, ערב שבת האב איך איינגעלייגט ביי אים געלט, און מוצאי שבת האט ער געלייקנט, ער זאגט אז כ'האב אים קיינמאל נישט געגעבן קיין געלט, די געלט

וואס איך האב איינגעלייגט איז ניטמאל מיין געלט, דאס איז געלט פון אלמנות און יתומים וועלכע האבן דאס איינגעלייגט ביי מיר, ווי אזוי קען איך אהיימקומען אן דאס געלט.

האט דער רב געפרעגט דעם עושר, דו קענסט אפשר דעם איד, האט ער געענטפערט אז יא, מיט יארן צוריק פלעג איך האנדלען מיט אים, אבער וויבאלד כ'האב געזען אז ער איז א שווינדלער, האב איך אפגעהאקט שייכות מיט אים, נעכטן נאכט, קומט ער פלוצלונג צו מיר און מאכט אויף מיר קולות אז איך האב זיין געלט, ס'הייבט זיך נישט אן.

דער רב ווענדט זיך צום פרעמדן סוחר, איר האט דאך נישט קיין עדות, ווי אזוי קענט איר אויפווייזן אז איר האט אים געגעבן געלט, דער סוחר האט אנגעהויבן צו שרייען, רבי, גוואלד, ס'איז קלאר ווי דער טאג אז כ'האב אים געגעבן דאס געלט, ווי אזוי שעמט ער זיך נישט דאס צו לייקענען.

דער רב דרייט זיך אויס צום עושר, און זאגט אים, איר זעט דאך אז איר וועט נישט אזוי שנעל פטור ווערן פון אים, אפשר גיבט איר אים א נדבה, כדי ער זאל זיך בארואיגן, זאגט דער עושר, גוט איך וועל אים געבן הונדערט גולדן, שרייט דער סוחר, וואס, דו וועסט מיר געבן נדבות, איך דארף נישט קיין נדבות, איך דארף צוריק מיין גאנצע געלט.

זאגט דער רב צום עושר, ווייסט איר וואס, גיבט אים צוויי הונדערט, האט דער עושר געזאגט, גוט, איך וועל געבן צוויי הונדערט גולדן, אבער דער סוחר לאזט נישט אפ, ס'איז דאך מיין געלט.

זאגט דער רב צום עושר, איך זעע אז דו וועסט נישט אזוי שנעל ענדיגן מיט אים, גיב אים כאטש דריי הונדערט גולדן, און דער רב זאגט צום סוחר, זיי צופרידן וויפיל ער גיבט דיר, האט דער סוחר זיך געווארפן צו דער ערד און געשריגן קולות, אז ער קען נישט אהיימפארן אן די גאנצע געלט, זאגט דער רב צום עושר, ווייסט איר וואס, טוט א חסד מיט א צובראכענעם איד, גיב אים פינף הונדערט גולדן, און פטור, האט דער עושר געענטפערט, גוט איך בין מסכים, כ'וועל טאן אזוי ווי דער רב זאגט.

דא האט דער רב, דער הייליגער נודע ביהודה אויפגעשפרינגען, און זאגט צום עושר, גיב אים שוין אפ דאס גאנצע צען טויזנט גולדן, איך בין זיכער אז דו ביזט דער גנב, א האלבע שעה צוריק ווען איך האב דיר געבעטן אז דו זאלסט מנדב זיין מאנטלען פאר די ארימעלייט פון שטאט, האסטו געוויינט, אז דו קענסט נישט געבן פאר צדקה אזא סומע, ביזט איינגעגאנגען צו געבן מערסטנס פינף און צוואנציג גולדן, און יעצט פלוצלונג ביסטו געווארן אזא ברייטהארציגער, דו קענסט שוין געבן פאר איין מענטש - וואס לויט ווי דו זאגסט, ביסטו דאך אים גארנישט שולדיג - פינף הונדערט גולדן, זיי דיך שוין מודה און גיב אפ דאס גאנצע געלט.

פארשעמטערהייט האט דער עושר זיך מודה געווען און האט איבערגעבעטן דעם סוחר און אים תיכף צוריקגעגעבן דאס גאנצע געלט.

<><><><>

דער אמת איז ארויפגעשווימען

אין די שטאט פראג האט געוואוינט א איד א גרויסער עושר וועלכער האט חתונה געמאכט זיין טאכטער מיט א בחור, אבער דער שידוך האט זיך ליידער נישט אויסגעארבעט, און בערך א האלבע יאר נאך די חתונה האט זיך דער מאן אויפגעהויבן און אוועקגעלאפן פון שטאט איבערלאזענדיג זיין פרוי אן עגונה (זי בלייבט צוגעבינדן און קען נישט חתונה האבן).

דער טאטע פון די פרוי וועלכער האט נישט געקענט צוזוקן די צער פון זיין טאכטער, האט נישט געשוינט קיין געלט און האט געצאלט פאר מענטשן זיי זאלן אויפזוכן זיין איידעם כדי ער זאל געבן א גט פאר זיין טאכטער, אבער מ'האט ליידער נישט מצליח געווען אים צו טרעפן, אזוי זענען דורכגעלאפן עטליכע יאר.

ער מעלדט זיך אלס דער איידעם

איין טאג - אין א פרייטאג - קומט א איד אריין אינעם גרויסן בית המדרש אין פראג און זעצט זיך אוועק ביי א ווינקל, פאר עטליכע מתפללים האט זיך געדאכט אז דאס איז דער פארשוואונדענער איידעם פונעם עושר וועלכער האט אויסגעזען זייער ענליך, וויבאלד ס'איז שוין אריבער אזויפיל יארן האבן מענטשן נאר געדענקט בערך ווי אזוי ער האט אויסגעזען.

דער ראש הקהל האט אנגעהויבן צו רעדן צו אים און ער האט זיך מודה געווען אז ער איז דער געזוכטער איינגערמאן, אויף אלעם וואס דער ראש הקהל האט אים געפרעגט האט ער זייער נארמאל געענטפערט, ס'האט אויסגעזען אז ער ווייסט אלעס וואס עס טוט זיך אינעם שטעטל.

מ'האט שנעל איינגעמאלדן פאר'ן עושר אז זיין איידעם איז צוריקגעקומען, דער עושר איז שנעל אריבערגעקומען אין שול כדי ארויסצובאקומען פון אים א גט, און ס'האט זיך אים אויך געדאכט אז ער איז דאס.

דער עושר האט אנגעהויבן צו רעדן צו אים און ער האט זייער נארמאל גערעדט, און האט געענטפערט אויף אלעם וואס מ'האט אים געפרעגט, און פון זיינע ווערטער האט ער פארשטאנען אז ער איז מסכים צוריק צו וואוינען מיט זיין פרוי און ער האט חרטה אויף זיין פארגאנגענהייט.

דער עושר האט אים אהיימגערופן צו זיך אינדערהיים און האט געמאלדן פאר זיין טאכטער די גוטע בשורה אז איר מאן איז ב"ה צוריקגעקומען און איז גרייט ווייטער צו וואוינען מיט איר און ער זאגט צו אז פון היינט און ווייטער וועט זיך אויפפירן מיט איר זייער נארמאל.

עס זעט נישט אויס ריכטיג

דער אינגערמאן האט איר איבערגעבעטן און אנגעהויבן צו שמועסן מיט איר, אבער נאכ'ן רעדן מיט אים עטליכע ווערטער האט זיך געדאכט פאר די פרוי אז דאס איז נישט איר געוועזענער מאן, ער רעדט אנדערש ווי יענעם, ער ווייסט טאקע אלע פרטים פון די ערשטע האלבע יאר נאך איר חתונה, אבער עס זעט נישט אויס ווי ער איז דער ריכטיגער.

די פרוי האט איינגעמאלדן פאר איר טאטע אז עפעס זעט נישט אזוי גלאטיג, ער זעט אויס ווי א פרעמדער מענטש, א שווינדלער וועלכער האט זיך געטראפן מיט איר אמת'דיגער מאן, און האט באקומען פון אים אלע אינפארמאציע און ער וויל וואוינען מיט איר באיסור.

דער עושר איז שנעל אריבערגעגאנגען צום רב, דער הייליגער נודע ביהודה, וועלכער איז געווען א געוואלדיגער חכם אויסצופארשטן מענטשן, און האט אים דערציילט וועגן דעם אינגערמאן וואס פאררופט זיך אלס זיין איידעם אבער ס'איז אן ערנסטע ספק.

מיט חכמה איר געראטעוועט

האט דער נודע ביהודה געזאגט פאר'ן טאטן, היינט ביינאכט איז דאך שבת, זאלסט גיין צוזאמען מיט אים אין שול, ביים ארומקומען זאלסטו זיך שטעלן שמועסן מיט איינעם, און פאר דעם אינגערמאן - וועלכער פאררופט זיך דיין איידעם - זאלסטו זאגן אז ער זאל נישט ווארטן אויף דיר נאר ער זאל זיך זעצן אויף זיין אלטן פלאץ, און דעמאלט וועט מען זיך איבערצייגן אויב ער איז בלויז א שווינדלער, ווייל אפילו אויב דיין איידעם האט אים איבערגעגעבן אלע פרטים, איז זיכער אז אזא קלייניגקייט האט ער אים נישט געזאגט, און ס'איז זיכער נישט איינגעפאלן פאר'ן שווינדלער אים צו פרעגן אזא קליינעם פרט, און דער אמת וועט ארויפשווימען.

דער עושר האט אזוי געטאן, ער האט געזאגט פאר'ן אינגערמאן אז ער זאל זיך זעצן אויף זיין אלטן פלאץ, און ער איז געבליבן שטיין אינגאנצן צעמישט נישט וויסענדיג וואו צו גיין, און מ'האט זיך איבערצייגט אז ער איז בלויז א שווינדלער און א רשע.

נאכ'ן דאווענען האט דער נודע ביהודה אפיר גענומען דעם פרעמדן אינגערמאן און געמאכט א שטרענגן פארהער ביז ער האט מודה געווען אז ער איז נישט דער אמת'דיגער מאן, נאר ער האט געטראפן דעם אמת'דיגן איידעם אין א געוויסע שטאט און האט ארויסבאקומען פון אים אסאך פרטים וועגן זיין לעבן, און ער האט געהאט חשק צו ווערן אן איידעם ביים גרויסן עושר פון פראג.

אזוי ארום האט דער נודע ביהודה מיט זיין געוואלדיגע חכמה געראטעוועט אן אשת איש פון א גרויסן עבירה.

ברכת מזל טוב

לכבוד

הר"ר ישראל גוטמאן שליט"א

מלמד מומחה במוסדותינו הק'

לרגל הכנסת בנו לעול התורה והמצוות למזל טוב

השי"ת זאל העלפן ער זאל זוכה זיין צו שמחה ונחת פון אלע זיינע קינדער און אייניקלער, וכל טוב וחסד, עדי ביאת הגואל צדק אמן.

ניחום אבלים

מיר טוען אויסדרוקן אונזער טרייסט וואונטשן פון הארצן טיפן פאר אונזער געטרייע חשובער מלמדים

הר"ר ר' יעקב וואלף לעבאוויטש שליט"א

מלמד מומחה במוסדותינו הק'

איבער די פטירה פון זיין חשוב'ן ברודער הרה"ח ר' שלמה צבי ב"ר יחיאל מיכל ע"ה

****

הר"ר ר' ישראל שמעון מייזעלס שליט"א

מלמד מומחה במוסדותינו הק'

איבער די פטירה פון זיין חשוב'ן ברודער הרה"ח ר' חיים יושע העשיל ע"ה בן הרב שלמה אליעזר שליט"א

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

מען זאל מער קיינמאל נישט וויסן פון קיין צער און שלעכטס, און זיין נשמה זאל האבן אן עלי' בגנזי מרומים, און זיין א מליץ יושר צו ברענגען אויף אונז נאר השפעות טובות ובשורות טובות, וכל טוב סלה, אמן.

זאגט דער הייליגער
רבי ר' אלימלך זצ"ל...

א שטיקל נועם אלימלך
אויף די וואכעדיגע
פרשה

פרשת
אמור

אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן
וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם לְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא בְּעַמָּיו

אמור אל הכהנים כו' ואמרת אליהם כו' יש לפרש על כפל לשון אמור ואמרת * ומתחילה נפרש הפסוק דבר אל אהרן ואל בניו וינזרו מקדשי בני ישראל * דהנה יש ב' גווני צדיקים יש צדיקים שנתקדשו מאבותיהם שהיו קדושים ויריאים ושלימים והתורה מחזרת על אכסניא שלה * ויש צדיקים הנקראים נזירים ע"ש פרישותם מעצמם אף על פי שהם בני עניי הדעת, והצדיקים ההם לא במהרה הם יכולים ליפול ממדרגתם הקדושה כי אין להם על מה שיסמוכו והם נכנעים בדעתם ומשגיחים על עצמם בעינא פקיחא תמיד בלי הפסק * אבל הצדיקים הקדושים שנתקדשו מאבותיהם אף שהם מלאים תורה ומצות מחמת זכות אבותם מסייעתם לפעמים יכולים לבא על ידי זה פניה וגדלות מזה ויפלו מהר ממדרגתם.

וזהו אמור אל הכהנים בני אהרן פירוש רמז לאותן צדיקים אשר הם בני צדיקים והם נקראים כהנים בני אהרן, תזהיר אותם מאד שלא יעלה על מחשבתם כלל יחוס אבותיהם, רק ינזרו ויפרשו לעצמם פרישות מחדש ויבחרו להם הדרך הטובה * וזהו דבר אל אהרן. ואל בניו וינזרו מקדשי בני ישראל רוצה לומר שגם הם יהיו נזירים ופרושים מעצמם וישגיחו גם כן על עצמם מאוד ולא ישגיחו על זכות אבותם כדי שלא יבא להם חלילה איזה התנשאות מחמת יחוסיהם ותועבת ד' כל גבה לב.

וזהו ולא יחללו את שם קדשי אשר הם מקדישים לי וזהו אמור אל הכהנים ואמרת אליהם פירוש אמור ואמרת רמז לב' מדריגות שצריך אתה לחזור אליהם ולכפול להם הדבר כדי שלא יחשבו שזכות אבותם מסייעתם ויפל חלילה על ידי זה לגאות ולא יפעלו כלום * וזהו ואמרת אליהם פירוש לא ישגיחו על זכות אבותיהם כי אם על עצמם וזהו אמירה שתאמר להם תיבת אליהם פירוש שיביטו על עצמם כאלו אין להם זכות אבות כלל וזהו לנפש לא יטמא בעמיו כי על ידי עמיו הם היחוס אבותם הם יכולין לטמא הנפש. לכך הכפל להם הדבר הזה מאד ויהיה להם הרגל דבר ויבחרו הדרך הישרה ואז טוב להם.

אמור אל הכהנים כו' ואמרת אליהם כו'. מ'דארף פארשטיין דעם כפל הלשון 'אמור ואמרת'.

קודם וועלן מיר מסביר זיין דעם פסוק (כב, ב) **דבר אל אהרן ואל בניו וינזרו מקדשי בני ישראל.** עס זענען פארהאן צוויי סארט צדיקים, עס זענען דא צדיקים וואס זייערע עלטערן זענען געווען הייליגע אידן און יראי ה', און די תורה קומט צוריק צו זייערע קינדער. ווידער איז דא צדיקים - ווערן אנגערופן 'נזירים' - וואס זיי האבן זיך אליינס אפגעשיידט צום ריכטיגן וועג, כאטש זייער עלטערן זענען נישט ווער ווייסט וואס.

די צדיקים (די צווייטע סארט) וועלן נישט פאלן אזוי שנעל פון זייער מדריגה, ווייל זיי פארלאזן זיך נישט אויף קיינעם נאר אויף זיך אליין. משא"כ די צדיקים וועלכע זענען 'בנן של קדושים', כאטש זיי זענען פיל מיט תורה און מצות מכח זכות אבות, קענען אמאל שפירן און טראכטן פון זייערע מדריגות און דורך דעם אראפ פאלן פון זייער מדריגה.

דאס זאגט דער פסוק, **אמר אל הכהנים בני אהרן,** זאג פאר די צדיקים וועלכע זענען קינדער פון צדיקים, זאלן נישט טראכטן בכלל פון יחוס אבות, נאר זיי זאלן אנהייבן פונדאסניי און אליינס גיין אויף ריכטיגן וועג, כדי זיי זאלן ח"ו נישט קומען צו קיין גאוה צוליב זייער יחוס און תועבת ה' כל גבה לב. דאס זאגט דער פסוק **ולא יחללו את שם קדשי אשר הם מקדישים לי.**

דאס טייטשט **אמור אל הכהנים ואמרת אליהם**, א דאפעלט לשון, קומט מרמז זיין אויף די ביידע מדריגות. וואס מ'דארף מזרז זיין די צדיקים, כדי זיי זאלן נישט טראכטן פון זייער זכות אבות, און דורך דעם אריינפאלן אין גיאות, דאן וועלן זיי נישט צוקומען צו גארנישט.

ואמרת 'אליהם', זאג זיי זאלן קוקן אויף זיך אליינס, כאילו זיי האבן נישט קיין גרויסע זיידעס בכלל, **לנפש לא יטמא בעמיו**, כדי דורך זייערע זיידעס (ווערן אנגערופן עמיו) זאלן נישט דורך פאלן, דערפאר דאפעל זיי עס איבער, זאלן זיך איינגעוואוינען לעבן אזוי, אזוי וועלן אויסקלויבן דעם ריכטיגן וועג, אזוי וועט זיי גיין גוט.

נתנדב לזכות **שלום ברוך מרדכי** בן **דבורה בלומא** וב"ב ויוצ"ח לברכה והצלחה וכל טוב

די גרויסקייט פונעם הייליגן
רבי ר' אלימלך זצ"ל...

פון פריער: ר' אליעזר ליפמאן איז שטארק איבער געגומען פון די ווארימע רייד פון הייליגן בעש"ט זי"ע וועגן די גרויסקייט פון קדושת הביהמ"ד, האט ער זיך איינגעבעטן ביים צווייטן וואסער טרעגער אים ערלויבן ברענגען וואסער יעדן טאג פארן ביהמ"ד, דאס האט גורם געווען א ענגשאפט אין זיין פרנסה.

אין א העלן טאג, ר' אליעזר ליפמאן באקומט א בריוו פון זיינ'ס א פעטער, וועלכע האט געוואוינט אין א ווייטע מדינה. דער פעטער איז אין מודיע אז אזוי ווי ער ווערט עלטער און ער איז א חשוך בנים ל"ע, וויל ער אים פארשרייבן, ער זאל ירש'ענען זיין גאנצע פארמעגן. אויך יעצט שיקט ער אים מיט א חודש'ליכע געהאלט, וואס ער זאל קענען קלעקן דעם חודש מיט הרחבת הדעת.

ר' אליעזר האט אפגעווארן דעם אנבאט, וויבאלד ער האט אמאל געהערט אז אין חז"ל שטייט די גרויסקייט פון אליינ'ס ארבעטן און נישט זיין אנגעוויזן אויף מתנת בשר ודם.

איינמאל, פרייטאג נאכמיטאג, די שטוב פון ר' אליעזר איז ליידיג, נישטא קיין חלות אויף שבת, ממש ליידיג. ר' אליעזר גייט צום טייך שעפן וואסער, פלוצלינג שווימט אריין אין זיין טעפל א פיש, א שיינער פיש לכבוד שבת. מיט גרויס פרייד נעמט ר' אליעזר אהיים דעם פיש און גרייט אים צו אפצוקאכן לכבוד שבת קודש.

ר' אליעזר שניידט אויף דעם פיש, צו אלעמענ'ס איבערראשונג טרעפט ער דארט א טייערע ברילאנט שטיין!

מוצאי שבת, ר' אליעזר גייט אריבער צום רב און פרעגט אן כדת מה לעשות. דער רב ענפערט אים, אז דער דין איז (ב"מ כד.) המציל מזוטו של ים הרי אלו שלו, איינער וואס טרעפט א זאך אין וואסער געהערט דאס צו אים. ר' אליעזר ווערט בכלל נישט איבער געגומען פון דעם פסק. ער צוטיילט דעם גאנצן סכום פאר לומדי תורה און ארימעלייט.

דער רב האט אים שיינערהייט מסביר געווען, אז א מאן דארף ברענגען פרנסה אין שטוב, און דאס נעמט נישט אוועק פון די גרויסקייט פון ברענגן פרנסה אין שטוב.

ר' אליעזר האט דאן צוריק געשיקט פארן פעטער זיין אנטווארט, אז ער איז יא גרייט צו נעמען דאס געלט חודש'ליך. א קליין חלק האט ער גענוממען פאר זיינע הוצאות, און די גרעסערע חלק האט ער געגעבן פאר פדיון שבויים, אויסלייזן אידן פון געפענגעניש, פון די פריצים.

די צוויי הייליגע קינדער, דער רבי ר' אלימלך און רבי ר' זושא, האבן אים צוגעהאלפן צו שאפן געלט פאר פדיון שבויים. (אויך אין שפעטערע יארן פלעגן די צוויי הייליגע ברודער עוסק זיין אין מצות פדיון שבויים ווי באוויסט).

אין אזא אטמאספערע פון אמונה פשוטה און ריינקייט זענען די היילגע קינדער ערצויגן געווארן, און פון אזא שטוב איז ארויס געקומען דער הייליגער רבי ר' אלימלך און רבי ר' זושא זצ"ל.

דער הייליגער ראפשיצער רב זצ"ל האט געוואלט אריינקומען אין די חברייא קדישא פונעם רבי ר' אלימלך זצ"ל, דער ר"ר אלימלך האט אים נישט געוואלט אננעמען וויבאלד ער איז געווען א בנן של קדושים.

דער ראפשיצער רב האט געוויינט מיט טרערן אין די אויגן, וואס בין איך שולדיג אז מיין טאטע איז א יחסן... צום סוף האט אים רבי ר' אלימלך אנגענומען.

(זעה די תורה אויף עמוד ב).

המשך קומענדיגע וואך אי"ה

די גרויסקייט פונעם הייליגן ספר "נועם אלימלך"

ווען דער הייליגער רבי ר' אלימלך האט געזעהן צום ערשטן מאל, האט ער געפרעגט זיין זוהן ר' אלעזר "לאזשע, ווער האט דאס געזאגט?", האט אים דער זוהן געענפערט, דער טאטע האט דאך דאס געזאגט נעכטן". האט ר' אלימלך אים געזאגט, "איך האב געמיינט אז מלאכים און שרפים האבן דאס געזאגט".

דאן האט ער מסכים געווען אפצושרייבן זיין ספר.

לע"נ הרה"ק רבי **אלימלך** ב"ר **אליעזר ליפמאן** זצ"ל - ולע"נ בתו **מירוש** בת הרה"ק רבי **אלימלך** ע"ה

גליון
בת עין
דבר השוה לכל נפש
אידיש

גליון מא
פרשת אמור
תשפ"ד

פארווארט

הרה"ח ר'
אליעזר דוד פריעדמאן ז"ל ברענגט פונעם תפארת שלמה (הקדמה לחלק מועדים) **אז ווען מענטשן ווילן הערן דברי תורה פון א צדיק איז דער באשעפער משפיע די תורה פארן צדיק לויט זייער מדריגה, און דער צדיק ווערט ווי א קוואל, אלעס לויט די מדריגה פון די חסידים.**

לייגט ער צו א אינטערעסאנטע סיפור, אז דער מנחת אלעזר זי"ע פלעגט געבן יעדע וואך פרייטיג צופריה געבן צדקה און מתפלל געווען אז עס זאל קומען חשובע אורחים אויף שבת, ווייל אזוי וועט זיין טאטע דער דרכי תשובה זאגן העכערע תורה, ווייל די תורה ווערט נשפע לויט די חסידים און די צוהערערס (מפי ספרים וסופרים).

הרה"ק ר' יעקב צבי מפאריסוב זי"ע שרייבט אין זיין ספר עטרה לראש צדיק (פרשת בהעלותך) **אז משה רבינו איז געווען אזא עניו ווייל האט געפילט אז אלע מדריגות וואס ער פארמאגט איז ער נאר זוכה געווען דערצו צוליב וואס ער איז די הויפט פון אלע יודישע נשמות, און דאס איז געווען די דרך פון אלע צדיקים וואס האבן כסדר נאר געזוכט צו משפיע זיין פאר יודישע קינדער און געפילט אז נאר צוליב דעם זענען זיי אויף די עולם.**

אין די קומענדיגע תורה גייען מיר זעהן ווי דער בת עין רעדט פון די גרויסע ענוה פון אהרן הכהן און וויפיל ער האט מחשיב געווען די יודישע קינדער, און וויפיל די תורה האט מקפיד געווען אז מען זאל גיין אין זיינע דרכים און וויסן אז וואס מען איז זוכה איז נאר אין די זכות פון אנדערע יודישע קינדער. אמן

כָּל אִישׁ אֲשֶׁר בּוֹ מוּם מִזֶּרַע אַהֲרֹן הַכֹּהֵן לֹא יִגַּשׁ לְהַקְרִיב וְגוֹ'. יעדער מאן פון די קינדער פון אהרן הכהן וואס ס'איז דא אין איהם א פעלער זאל ער נישט נאנט קומען מקריב זיין די קרבנות פונעם אייבערשטן.

די דיוק אין די פסוק אויף די ווערטער 'מזרע אהרן הכהן'

וְיֵשׁ לְדַקְדֵּק מען דארף פארשטיין, **שֶׁלִּכְאוֹרָה תֵּיבוֹת 'מִזֶּרַע אַהֲרֹן הַכֹּהֵן' מְיוּתָּר** אז לכאורה די ווערטער 'מזרע אהרן הכהן' איז איבריג און ס'דארף נישט שטיין אין פסוק, **כִּי בְּכָאן הָיָה הַדִּיבּוּר לְנוֹכֵחַ אֶל אַהֲרֹן בְּעַצְמוֹ** ווייל דא האט דאך דער באשעפער גערעדט דירעקט צו אהרן אליין[א], **כְּהַתְחָלַת הָעִנְיָן 'דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן' וְגוֹ'** אזוי ווי די פרשה הייבט זיך אן 'רעד צו אהרן', **וְהָיָה לוֹ לוֹמַר 'אִישׁ מִזַּרְעֲךָ' וְגוֹ'** און לויט דעם וואלט ווען געדארפט שטיין אין פסוק 'א מענטש פון דיינע קינדער'.

> כָּל אִישׁ אֲשֶׁר בּוֹ מוּם מִזֶּרַע אַהֲרֹן הַכֹּהֵן לֹא יִגַּשׁ לְהַקְרִיב וְגוֹ'.
>
> וְיֵשׁ לְדַקְדֵּק שֶׁלִּכְאוֹרָה תֵּיבוֹת 'מִזֶּרַע אַהֲרֹן הַכֹּהֵן' מְיוּתָּר, כִּי בְּכָאן הָיָה הַדִּיבּוּר לְנוֹכֵחַ, אֶל אַהֲרֹן בְּעַצְמוֹ כְּהַתְחָלַת הָעִנְיָן 'דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן' וְגוֹ', וְהָיָה לוֹ לוֹמַר 'אִישׁ מִזַּרְעֲךָ' וְגוֹ'.
>
> וּלְהָבִין דָּבָר זֶה, הִנֵּה מֹשֶׁה אָמַר לְאַהֲרֹן (רש"י

די גרויסע בושה פון אהרן הכהן צו טאהן די עבודה

וּלְהָבִין דָּבָר זֶה און צו פארשטיין די זאך, **הִנֵּה מֹשֶׁה אָמַר לְאַהֲרֹן** (רש"י ויקרא ט, ז) **לָמָּה אַתָּה בּוֹשׁ לְכָךְ נִבְחַרְתָּ**[ב] אונז זעהן

א. ווען מען רעדט פון א מענטש אין זיין אפוועזנהייט דעמאלסט קען מען זאגען 'איינער פון אהרן'ס קינדער', אבער ווען מען רעדט דירעקט צו די מענטש אליין וואלט געפאסט צו זאגן 'איינער פון דיינע קינדער'.

ב. אין רש"י דארט שטייט: **קרב אל המזבח. שהיה אהרן בוש וירא לגשת** [ווייל אהרן האט זיך געשעמט און מורא געהאט צו צוגיין

אז משה האט געזאגט פאר אהרן פארוואס שעמסטו זיך – דערפאר ביזטו דאך אויסגעוועלט געווארן, **פֵּירוּשׁ שֶׁלָּכֵן נִבְחַר אַהֲרֹן עַל שֶׁהָיָה לוֹ גּוֹדֶל בּוּשָׁה וְהַכְנָעָה לִפְנֵי ה'**[ג] דאס איז טייטש אז דערפאר איז אהרן אויסגעוועלט געווארן צוליב וואס ער האט געהאט א גרויסע בושה און הכנעה פארן באשעפער, **וְלָכֵן נִבְחַר** און דערפאר איז אהרן אויסגעוועלט געווארן, **שֶׁיְּהֵא הוּא הַמַּקְרִיב קָרְבָּנוֹת עֲבוּר כָּל יִשְׂרָאֵל** אז ער זאל זיין דער וואס איז מקריב אלע קרבנות פאר די יודען.

די גרויסע הכנעה פון אהרן און זיין כוונה בשעת'ן מקיב זיין די קרבנות

אָמְנָם בִּשְׁעַת הַקְרָבָתוֹ אֶת הַקָּרְבָּנוֹת אבער בשעת אהרן הכהן האט מקריב געווען די קרבנות, **הָיָה כַּוָּנָתוֹ שֶׁהַשֵּׁם יְקַבֵּל מֵאִתּוֹ הַקָּרְבָּנוֹת לְרָצוֹן מֵחֲמַת חִיבָּתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל** איז געווען זיין כוונה אז דער באשעפער זאל אננעמען פון אים די קרבנות מיט א גוטע ווילען צוליב דעם באשעפער'ס ליבשאפט צו די יודישע קינדער, **שֶׁהֵם בְּחִינַת בָּנִים לַה'** וואס די יודען ווערן אנגערופן 'בנים להשם' קינדער צום באשעפער, **וְלֹא מֵחֲמַת עַצְמוֹ** און נישט צוליב אים (אהרן הכהן) וואס ער איז דער וואס איז עס מקריב.

די כהנים זאלן וויסן אז זייער קדושה קומט דורך די קדושה פון די יודישע קינדער

וְלָזֶה אָמַר ה' (להלן בפרשתן כב, ב) **'דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן וְאֶל בָּנָיו וְיִנָּזְרוּ מִקָּדְשֵׁי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל' וְגוֹ'**[ד] און דערפאר זעהן מיר אויך ווייטער אין פרשה אז דער באשעפער האט געזאגט 'רעד צו אהרן און צו זיינע זוהן אז זיי זאלן זיך אפשיידן פון די הייליגקייטן פון די יודישע קינדער'.

רְצוֹנוֹ לוֹמַר 'וְיִנָּזְרוּ' מִלְּשׁוֹן נֵזֶר וַעֲטָרָה[ה] די פסוק מיינט צו זאגן 'וינזרו' וואס איז א לשון פון א צירונג און

(ויקרא ט, ז) **לָמָּה אַתָּה בּוֹשׁ לָכָךְ נִבְחַרְתָּ**[א], **פֵּירוּשׁ שֶׁלָּכֵן נִבְחַר אַהֲרֹן עַל שֶׁהָיָה לוֹ גּוֹדֶל בּוּשָׁה וְהַכְנָעָה לִפְנֵי ה'**[ב], **וְלָכֵן נִבְחַר שֶׁיְּהֵא הוּא הַמַּקְרִיב קָרְבָּנוֹת עֲבוּר כָּל יִשְׂרָאֵל.**

אָמְנָם בִּשְׁעַת הַקְרָבָתוֹ אֶת הַקָּרְבָּנוֹת הָיָה כַּוָּנָתוֹ שֶׁהַשֵּׁם יְקַבֵּל מֵאִתּוֹ הַקָּרְבָּנוֹת לְרָצוֹן מֵחֲמַת חִיבָּתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל, שֶׁהֵם בְּחִינַת בָּנִים לַה', וְלֹא מֵחֲמַת עַצְמוֹ.

וְלָזֶה אָמַר ה' (להלן בפרשתן כב, ב) **'דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן וְאֶל בָּנָיו וְיִנָּזְרוּ מִקָּדְשֵׁי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל' וְגוֹ'**[ג], **רְצוֹנוֹ לוֹמַר 'וְיִנָּזְרוּ' מִלְּשׁוֹן**

א. ברש"י שם: קרב אל המזבח, שהיה אהרן בוש וירא לגשת, אמר לו משה למה אתה בוש לכך נבחרת.

ב. ראה ג"כ לעיל בד"ה או יאמר בדרך זה בקיצור, וראה עוד באריכות בספר דגל מחנה אפרים ריש פרשת שמיני בשם הבעש"ט: ויאמר משה אל אהרן קרב אל המזבח וגו'. ופירש רש"י לפי שהיה אהרן בוש וירא לגשת אמר לו משה למה אתה בוש לכך נבחרת עד כאן. והוא תמוה משום שנבחר בזה לא יסתלק הבושה מעליו, והנה שמעתי מן א"א ז"ללה"ה פירוש על זה מפני שיש לך יראה ובושה מן השי"ת, לכך נבחרת, כי זבחי אלקים רוח נשברה, וכו'. ואדבר עוד לאלוה מילין כי החכמה היא יראה הפנימית בגין דאיהו רב ושליט עקרא ושרשא דכל עלמין, לכן החכם דבוק ביראה ואהבה הפנימיות שהם תרין ריעין דלא מתפרשין והבן, זה כי זה נעשה כסא לזה, ולכן אהרן שהיה לו יראה ובושת, והם מלת בראשית שהיא החכמה, לכן נבחר להיות כהן גדול שיצוק על ראשו ועל פי מדותיו, ונתקדשו רמ"ח אבריו, על דרך והיה מחניך קדוש הנזכר במקום אחר, וזה למה אתה ירא ובוש, היינו מפני שיש בך מידת יראה ובושה שהוא מלת בראשית ירא בושת כנזכר בתיקונים, ובראשית היינו חכמה, לכך אתה נבחרת להיות כהן גדול ולצוק על ראשך שמן המשחה ולהקריב קרבנות לה', ולכפר על עם הקהל ועל הכהנים ועל הקודש ועל המקדש שיבנה במהרה בימינו אמן סלה.

ג. לשון הפסוק: 'דבר אל אהרן ואל בניו וינזרו מקדשי בני ישראל ולא יחללו את שם קדשי אשר הם מקדישים לי אני ה''.

צו טאהן די עבודה], **אמר לו משה למה אתה בוש** [האט אים משה געזאגט פארוואס שעמסטו זיך ?] **לכך נבחרת** [צו די עבודה ביזט אויסגעוועלט געווארן].

ג. דער בת עין טייטשט די ווערטער פון רש"י '**לכך**' אז ווייל דו האסט די בושה, **נבחרת** ביזטו אויסגעוועלט געווארן. און אזוי ברענגט אויך די טייטש אין די ספר דגל מחנה אפרים אנפאנג פרשת שמיני בשם זיין זיידע דער בעש"ט הקדוש.

ד. לשון הפסוק: 'דבר אל אהרן ואל בניו וינזרו מקדשי בני ישראל ולא יחללו את שם קדשי אשר הם מקדישים לי אני ה''.

ה. דאס מיינט נישט אזוי אונז טייטשען געווענליך אז 'וינזרו' מיינט זיך אפשיידן, נאר די ווארט 'וינזרו' איז די לשון פון א קרוין, און פשט אין פסוק איז אז די יודן זאלן וויסן אז 'וינזרו' זייער קרוין און קדושה איז 'מקדשי בני ישראל'.

נֵזֶר וַעֲטָרָה, הַיְינוּ שֶׁבְּחִינַת עֲטָרָה שֶׁלָּהֶם בְּחִינַת הַקְּדוּשָּׁה יָדְעוּ שֶׁעִיקָּר הַמְּשָׁכַת הַקְּדוּשָּׁה הוּא 'מְקַדְּשֵׁי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל', הַיְינוּ מֵחֲמַת קְדוּשַּׁת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.

'וְלֹא יְחַלְּלוּ אֶת שֵׁם קָדְשִׁי' בַּמֶּה שֶׁיִּסְבְּרוּ 'אֲשֶׁר הֵם מַקְדִּישִׁים', הַיְינוּ שֶׁיִּסְבְּרוּ שֶׁהַמְּשָׁכַת הַקְּדוּשָּׁה הִיא מִצִּדָּם.

וְזֶהוּ 'כָּל אִישׁ אֲשֶׁר בּוֹ מוּם מִזֶּרַע אַהֲרֹן הַכֹּהֵן', הַיְינוּ שֶׁיִּהְיֶה חִסָּרוֹן שֶׁיֶּחְסַר לוֹ בְּחִינַת 'מִזֶּרַע אַהֲרֹן', שֶׁצָּרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד בְּחִינַת אַהֲרֹן, בְּחִינַת בּוּשָׁה הַנַּ"ל.

וּמִי שֶׁיֶּחְסַר לוֹ אוֹתָהּ בְּחִינָה, 'מוּם בּוֹ', וְלֹא יִגַּשׁ לְהַקְרִיב עַד שֶׁיִּהְיֶה לוֹ בְּחִינַת בּוּשָׁה שֶׁל אַהֲרֹן בִּשְׁלֵימוּת, אָז יְקוּבַּל הַקְרָבָתוֹ לְרָצוֹן לִפְנֵי ה', אָמֵן.

א קרוין, **הַיְינוּ שֶׁבְּחִינַת עֲטָרָה שֶׁלָּהֶם בְּחִינַת הַקְּדוּשָּׁה** דאס מיינט צו זאגן אז די בחינה פון זייער קרוין וואס מיינט זייער קדושה, **יָדְעוּ שֶׁעִיקָּר הַמְּשָׁכַת הַקְּדוּשָּׁה הוּא 'מְקַדְּשֵׁי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל'** זאלן זיי וויסן אז די עיקר המשכה פון קדושה קומט פון 'די הייליגקייט פון די יודישע קינדער', **הַיְינוּ מֵחֲמַת קְדוּשַּׁת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**[ו] דאס מיינט אז זייער הייליגקייט איז וועגן די קדושה פון די יודישע קינדער.

'וְלֹא יְחַלְּלוּ אֶת שֵׁם קָדְשִׁי' און זיי זאלן נישט פארשוועכן מיין הייליגע נאמען, **בַּמֶּה שֶׁיִּסְבְּרוּ 'אֲשֶׁר הֵם מַקְדִּישִׁים'** מיט דאס וואס זיי מיינען 'אז זיי זענען די וואס טוען זיך הייליגען', **הַיְינוּ שֶׁיִּסְבְּרוּ שֶׁהַמְּשָׁכַת הַקְּדוּשָּׁה הִיא מִצִּדָּם** דאס מיינט אז זיי וועלן מיינען אז די המשכת הקדושה קומט פון זייער כח אליין.

פשט אין די פסוק 'אשר בו מום' – 'מזרע אהרן הכהן'

וְזֶהוּ 'כָּל אִישׁ אֲשֶׁר בּוֹ מוּם מִזֶּרַע אַהֲרֹן הַכֹּהֵן' און דאס איז וואס די פסוק זאגט 'יעדער מאן פון די קינדער פון אהרן הכהן וואס ס'איז דא אין איהם א פעלער', **הַיְינוּ שֶׁיִּהְיֶה חִסָּרוֹן שֶׁיֶּחְסַר לוֹ בְּחִינַת 'מִזֶּרַע אַהֲרֹן'**[ז] דאס מיינט אז זיין פעלער וועט זיין אז ס'וועט אים פעלן די בחינה פון זיין פון 'אהרן'ס קינדער', **שֶׁצָּרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד בְּחִינַת אַהֲרֹן** וואס ס'דארף צו זיין פאר יעדן איינעם און איינעם די בחינה פון אהרן הכהן, **בְּחִינַת בּוּשָׁה הַנַּ"ל** די אויבענדערמאנטע בחינה פון בושה.

וּמִי שֶׁיֶּחְסַר לוֹ אוֹתָהּ בְּחִינָה און ווער עס וועט פעלן די בחינה פון בושה און אנערקענען אז זיין הייליגקייט קומט נאר דורך די קדושה פון די יודישע קינדער, **'מוּם בּוֹ'** די 'מום' (פעלער) איז אין אים[ח], **וְלֹא יִגַּשׁ לְהַקְרִיב** און ער זאל נישט גענענען צו מקריב זיין, **עַד שֶׁיִּהְיֶה לוֹ בְּחִינַת בּוּשָׁה שֶׁל אַהֲרֹן בִּשְׁלֵימוּת** ביז ער וועט האבן די מידת הבושה פון אהרן הכהן בשלימות, **אָז יְקוּבַּל הַקְרָבָתוֹ לְרָצוֹן לִפְנֵי ה'** וואס דעמאלסט וועט אנגענומען ווערן זיין די קרבנות מיט א ווילן פארן באשעפער. **אָמֵן.**

ו. דאס מיינט די פסוק 'מקדשי בני ישראל', אז זייער הייליגקייט איז נאר וועגן די הייליגקייט פון די יודישע קינדער.

ז. און דאס איזו ואס די פסוק זאגט: אשר בו מום, וואס האט א פעלער, וואס די פעלער וועט זיין אז ס'פעלט אים די בחינה פון 'מזרע אהרן הכהן, די הכנעה און ענוה וואס אהרן הכהן האט געהאט.

ח. דאס מיינט די 'מום' (פעלער) איז נישט אין די אנדערע יודן, נאר ס'איז אין אים, און ער איז דער וואס דארף תשובה טאהן.

כך כותב הבית יוסף הלכות ראש השנה, **נודרין לעילוי נשמת הצדיקים כי הם ממליצים על צאצאיהם**, דער בת עין האט נישט איבערגלאזט קיין קינדער אבער מיט אייער שטיצע קופט איר אייך אים איין אלץ א מליץ יושר.

נעמט א חלק אין הפצת הגליון און זייט מנדב לעילוי נשמת אייערע קרובים און נאנטע
פאר הערות און מנדב זיין נא לפנות Mechonusa@gmail.com

בסייעתא דשמיא

אידיש

זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע היניזכטן - 'בני חיי ומזוני'.

אמרות שמשון

'איסור טומאה למתים' גייט אן אלע דורות • אהרן הכהן איז זוכה צוליב זיין יראת שמים • קדושה פון כהנים טוט זיך אפ נישט אפילו היינטיגע צייטן

וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם לְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא בְּעַמָּיו (כא, א): דער מדרש (ויק"ר כו, ו), אויפן ארט זאגט אויפן פסוק: **הדא הוא דכתיב** (תהלים יט, י), **יִרְאַת יְיָ טְהוֹרָה עוֹמֶדֶת לָעַד. א"ר לוי מיראה שנתיירא אהרן מלפני הקב"ה זכה וניתנה לו פרשה הזו שאינה זזה ממנו ולא מבניו ולא מבני בניו עד סוף כל הדורות, ואיזה זה פרשת המת שנאמר אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים וגו'.**

רבי לוי זאגט: צוליב די גרויסע יראת שמים פון אהרן הכהן, (וואס ער האט מורא געהאט צו ווערן כהן גדול, און מורא געהאט אז ער האט מועל געווען אין די שמן המשחה - מפרשים), דערפאר האט אהרן הכהן זוכה געווען און באקומען די פרשה פון 'איסור טומאה למתים' (פרשת אמור על הכהנים). וואס איז געזאגט געווארן צו אים און צו זיינע קינדער, און וועט זיך נישט אפטון פון אים עד סוף כל הדורות.

שטעלט זיך די פראגע, די פרשה פון איסור טומאה למתים וועלכע באלאנגט פאר כהנים איז נישט די איינציגסטע מצוה וואס גייט אן אלע דורות, מיר געפונען נאך הלכות וואס גייט אן ביי כהנים עד סוף כל הדורות, (איסור פון חתונה האבן מיט א 'גרושה' און 'חללה', און נאך).

אויב אזוי פארוואס האט דער אויבערשטער געדארפט באזונדער צוזאגן ביי די מצוה פון 'איסור טומאה למתים' מער פון אנדערע מצות, אז דאס וועט פארבלייבן עד סוף כל הדורות?

מען קען דאס פארענטפערן, אז אינ'אמת'ן וואלט מען געקענט זאגן אויב א כהן ווערט טמא, גייט אוועק פון אים די גאנצע 'קדושת כהנים' און האט מער נישט דער איסור פון זיך מטמא זיין. אזוי אויך היינטיגע צייטן ווען מען פארמאגט נישט די 'אפר הפרה' און מ'קען זיך נישט רייניגן, איז נישט פארהאן די קדושה פון כהנים און זיי מעגן זיך מטמא זיין אזוי ווי גאנץ כלל ישראל.

דערפאר האט ספעציעל אויסגעפעלט ביי די מצוה פון 'טומאה למתים' אז דער אויבערשטער זאל צוזאגן פאר אהרן הכהן אז די פרשה גייט בלייבן ביי אים און זיינע קינדער אפילו היינטיגע צייטן וואס זיי זענען טמא, וועט די קדושה פארבלייבן אויף זיי, און די קדושה וועט זיך נישט אפטון פון זיינע דורות, און דער אויבערשטער וועט ווייטער רוען צווישן זיי אפילו מיט זייער טומאה.

◆ ◆ ◆

מיט דעם קען מען ערקלערן די לשון הפסוק, **אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים 'בְּנֵי אַהֲרֹן'**, פארוואס דארף די תורה צולייגן 'בני אהרן' (יעדער כהן שטאמט ממילא פון אהרן הכהן)?

לויט די אויבנדערמאנטע פשט פארשטייט מען, די תורה ברענגט ארויס אז דאס וואס די כהנים האבן זוכה געווען אז זייער קדושה בלייבט אויף שטענדיג, דאס קומט צוליב דעם וואס זיי זענען 'בני אהרן', און אהרן הכהן האט דאס זוכה געווען צוליב זיין געוואלדיגע יראת שמים, (אזוי ווי עס שטייט אין די אויבנדערמאנטע מדרש **מיראה שנתיירא אהרן** וכו'). (פרשתינו אות א')

פארוואס איז משמע אז אפילו ביי תקיעת שופר איז דא די לשון אלוקים וואס איז מדת הדין

דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ יִהְיֶה לָכֶם שַׁבָּתוֹן זִכְרוֹן תְּרוּעָה מִקְרָא קֹדֶשׁ (כג, כד): עס שטייט אין מדרש (ויק"ר כט, ג) **עלה אלוקים בתרועה, בשעה שהקב"ה עולה, בדין הוא עולה שנאמר עלה אלוקים בתרועה, ובשעה שישראל נוטלין שופרותיהן ותוקעים לפני, הקב"ה עומד מכסא דין ויושב על כסא רחמים דכתיב ה' בקול שופר** - ווען די אייבישטער גייט משפט'ן די וועלט פאנגט ער אן צו משפט'ן מיט מדת הדין, און ווען די יודען בלאזן שופר גייט די אייבישטער אריבער פון מדת הדין צו מדת הרחמים.

פרעגט די וועלט אויף די מדרש, אז אויב ווען די יודען בלאזן שופר גייט די אייבישטער אריבער פון מדת הדין צו מדת הרחמים, אויב אזוי פארוואס שטייט אין פסוק **עלה אלוקים בתרועה**, וואס איז משמע אז אפילו ביי תקיעת שופר איז דא די לשון **אלוקים** וואס איז מדת הדין.

ונראה, מ'קען עס מסביר זיין ע"פ מש"כ הרב גלאנטי (ספר קול בוכים

לומדים
בחודשי הקיץ
ספר תולדות שמשון
על מסכת אבות
ספרו הראשון של רבינו

תורמים
לזרע שמשון
ורואים ישועות
02-80-80-500
347-496-5657
www.zerashimshon.co.il
הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.

• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

לברכה והצלחה	לברכה והצלחה	לברכה והצלחה	לרפואה שלימה	לזיווג הגון
מרדכי בן שיינדל לישועה גדולה והצלחה מרובה בקרוב ממש	דניאל אודי בן דג'ינה מלכה להצלחה גדולה בלי גבול ומדה	צבי יצחק דוב בן גיטל חיה זוג' מרים סאבל בת אסתר ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל העניינים	משה יונתן שמואל בן קרן לרפואה שלימה ובריאות איתנה וחזרה מהירה ללימודים	אור בת טליה לזיווג הגון בקרוב

איכה ב, כא) עה"פ (איכה שם) **הרגת ביום אפך וגו'**, אז אויבן אין הימל איז דא דריי סארטן גבורות וואס מען משפט מיט דעם די וועלט, והיינו עס איז דא **גבורה חיצונית** וואס גייט מיט אכזריות אן קיין שום רחמים, און העכער פון דעם איז דא **גבורות קדושות** דאס איז דורך די ע"ב סנהדרין וואס זענען און די היכל הזכות, און נאכדעם איז דא א בעסערע דין וואס הייסט **גבורה שבאצילות** וואס האט אין זיך רחמים וחסדים, און דאס האט דוד המלך ע"ה מתפלל געווען "ובגבורתך תדיננו", דאס הייסט ובגבורתך - דיין גבורה וואס איז פונעם באשעפער וואס קומט פון גבורה שבאצילות מיט דעם זאל איך ווערן גע'משפט, און אזוי אויך שטייט "מלפניך משפטי יצא".

און עס איז שטייט, אז אויב איינער איז מכוון ריכטיג בשעת'ן טוהן א מצוה, גייט די מחשבה פונעם מצוה ארויף מעלה מעלה, אבער אויב מ'איז נישט מכוון ריכטיג, אפילו מ'האט די זכות פונעם עצם מעשה המצוה, אבער עס גייט נישט ארויף אזוי הויעך.

אויב אזוי קען מען מסביר זיין, אז ווען יודען בלאזן שופר ראש השנה און זיי האבן נאר אינזינען די קיום המצוה, זענען זיי זוכה אז עס גייט אוועק די שווערע דין וואס דאס איז גבורה חיצונית און עס קומט גבורה דקדושות וואס איז נישט אזוי שווער, און דאס שטייט אין פסוק **עלה אלוקים בתרועה**, דאס הייסט אז עס גייט טאקע ארויף למעלה אבער עס איז מיט מדת הדין, אבער ווען די יודען זענען **נוטלין שופרותיהן** דאס מיינט זיי האבן די ריכטיגע כוונות אויף אלע שמות און סודות וואס זענען דא אויף תקיעת שופר, וואס דאס איז ממתיק אינגאנצען די דין, ווי עס שטייט (תהלים פא, יז) **ומצור דבש אשביעך**, "דבש" בגימ' ש"ו פון דיווארט שופר, דאן מיט די כוונות ווערט די דין איבערגעדרייט צו רחמים וחסדים גדולים. (זרע שמשון פרשתנו אות ט"ו)

קול ששון וקול שמחה בחוצות ירושלים

"איך האב מקבל געווען אויף זיך צו לערנען, און איך האב צוגעזאגט צו מפרסם זיין די וואונדערליכע סגולה פון לערנען אינעם הייליגן ספר 'זרע שמשון, און איך בין געהאלפן געווארן למעלה מדרך הטבע"

א בילד פונעם צעטל
אין די 'נוה צבי' פארק, ירושלים.

די אויבנדערמאנטע ווערטער זענען ציטירט פון א קליינעם באשיידענעם צעטל, וואס עמיצער האט אויפגעהאנגן אין א קליינע שטאטישע פארק אין די 'נוה צבי' געגנט אין ירושלים.

דאס איז א קליינע צעטעלע וואס ווייזט אסאך, דאס איז נאך א צייכן פון די צענדליגע הונדערטע אידן וואס ווערן כסדר געהאלפן בזכות דער הייליגער זרע שמשון זי"ע, דורך לערנען זיינע ספרים און תורות.

אדרבה - איבערצייגט אייך אליין - נעמט אייך אויך אונטער צו לערנען דעם הייליגן ספר 'זרע שמשון', און זייט אייך מקבל בל"נ צו מפרסם זיין די ישועה, און בס"ד וועט איר געהאלפן ווערן מיט וואס איר דארפט ברוחניות ובגשמיות, בזכות די גרויסע הבטחה פונעם מחבר זי"ע.

דאס ענין פון ד' מינים בדרך רמז וואס מ'קען ארויס לערנען דערפון מוסר און עבודת ה'

***וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן פְּרִי עֵץ הָדָר כַּפֹּת תְּמָרִים וַעֲנַף עֵץ עָבֹת וְעַרְבֵי נָחַל וּשְׂמַחְתֶּם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם שִׁבְעַת יָמִים* (כג, מ):** דער זרע שמשון טוט ערקלערן בדרך רמז דאס גאנצע ענין פון ד' מינים ארויס צו לערנען פון דעם מוסר און עבודת ה'.

פרי עץ הדר - אתרוג: ביי אתרוג געפונען מיר דער הלכה 'ניקב כל שהוא פסול', אויב דער אתרוג האט א קליין לעכל איז דאס גאנצע אתרוג פסול. דאס קומט מרמז זיין אויב א מענטש האט ח"ו אין זיין מח א קליין פארדארבענע מחשבה (פון עבודה זרה אדער כפירה ח"ו), איז דאס פוגם אין דער גאנצע מענטש און ער זאל דאס נישט נעמען פאר לייכט טראכטנדיג אז דאס נאר א קליין מחשבה'לע, נאר ער זאל זאָפאָרט תשובה טוהן אויף דעם וויבאלד דאס איז פוגם אין די גאנצע מענטש.

כפות תמרים - לולב: דער לולב פארמאגט א טעם אבער נישט קיין ריח, דאס איז מרמז אויף איינער וואס האט ח"ו געזינדיגט און פארלוירן זיין ריח, (ווי עס שטייט אין חז"ל אויפן פסוק אין שיר השירים 'הדודאים נתנו ריח' דאס גייט ארויף אויף די בחורי ישראל וואס האבן נאכנישט געזינדיגט און פארמאגן נאך דעם ריח, אבער אויב מען זינדיגט פארלירט מען דאס). דערצו איז דער לולב גלייך צו דער שדרה (רוקן-ביין), וואס ווייזט אויף דער כוחות פון א מענטש, און די תורה איז מרמז מיט דעם, א מענטש זאל תשובה טוהן ווי פריער ווען ער איז נאך יונג און פריש ווען ער פארמאגט נאך די כוחות. אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (ע"ז יט.), **'אשרי מי שעושה תשובה בעודו איש'** וואויל איז דער מענטש וואס טוט תשובה ווען ער האט נאך די כוחות און איז שטארק (רש"י).

ענף עץ עבות - הדס: ביי הדס געפונען מיר א הלכה עס דארף זיין 'שלשה עלין בקנה אחד' דריי בלעטער אויף יעדע שורה, דאס איז מרמז אויף דאס וואס שטייט אין חז"ל (קידושין ל.), א מענטש דארף צוטיילן זיינע יארן אין דריי חלקים צו לערנען מקרא (חומש), משנה (משניות), און תלמוד (גמרא).

ערבי נחל - ערבה: ערבות איז דומה לשפתיים (ליפן - מויל), דאס גייט ארויף א מענטש וואס לערנט תורה. און מיר געפונען א הלכה, 'ערבה כמושה פסולה' א פארפוילטע ערבה איז פסול. דאס איז מרמז א מענטש דארף לערנען תורה מיט א פרישקייט אין חיות נישט טרוקענערהייט. און מ'זאל לערנען תורה מיט'ן קול, ווי עס ווערט געברענגט אין גמרא (עירובין נג:), דורכדעם וואס מ'לערנט תורה אויפן קול פארבלייבט דער תורה אינעם מענטש און עס ווערט נישט פארגעסן. (ווי די גמרא פארציילט איבער ברוריא די פרוי פון ר' מאיר וועלכע האט געזעהן א תלמיד וואס לערנט תורה שטילערהייט, האט זי אים פארגעהאלטן און געזאגט עס שטייט אין פסוק (שמואל ב' כ"ז), **ערוכה בכל ושמורה**, דרש'נט מען פון דעם, אויב לערנט מען תורה מיט אלע רמ"ח אברים, דאן איז 'תורה משתמרת' (מלשון שמורה), די תורה האלט זיך אין די מענטש, אבער אויב לערנט מען דאס נישט מיטן גאנצע קנאק דאן האלט זיך נישט די תורה אינעם מענטש). (זרע שמשון פרשתנו אות י')

ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.
צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450
אמעריקע הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204 mbpaskesz@gmail.com
צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657
אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'
ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי
זרע שמשון ע"ר 580624120
וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו

פרשת
אמור
תש"פ

גליון עוללות הכרם

א אוצר פון דברי תורה און דערציילונגען פון צדיקים

שנה ה' - גליון רל"ב

מכון כרם בית שמואל אלכסנדר

יו"ל בס"ד ע"י
מכון כרם בית שמואל
שע"י חסידי אלכסנדר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

מכרם רבותינו

פון אונזער הייליגער ווייגאָרטען

אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים... וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם

תשובה אפילו אויף קליינע עבירות

רש"י זאגט אויפן פסוק אמור אל הכהנים "להזהיר גדולים על הקטנים". אין **ספה"ק נועם אלימלך** שטייט די כוונה אז מען דארף אָנוואָרענען די 'גדולים' די גרויסע צדיקים, "על הקטנים" אויף די קליינע עבירות, די זאכן וואס זענען לייכט אין א מענטש'ס אויגן און ער אַנערקענט נישט אז ער איז עוֹבֵר דערמיט אן עבירה ח"ו.

מרן דער **ישמח ישראל זי"ע** איז מסביר, אז אויבן אין הימל איז מען מדקדק אפילו אויף א 'כחוט השערה' גאר קליינע און לייכטע פְּגָמִים וואס א מענטש זינדיגט, אויף אלעם איז דא א פונקטליכער חשבון. פונקט ווי למשל ווען איינער שטייט אונטער די שיין פונעם זון, דארט באמערקט מען אפילו די קלענסטע פלעקן וואס געפונען זיך אויף א קלייד, צוליב די גרויס לעכטיגקייט. און אויב א מענטש איז זוכה, דאן ווייזט מען איהם פון הימל אז ער זאל זעהן און 'באמערקן' אויך זיינע קליינע פלעקן און ער טוט תשובה אויף זיי און איז זיי מתקן.

און כאטש מיר זענען בכלל נישט אין די מדריגה, און הלואי מיר זאלן באמערקן און תשובה טוהן אויף אונזערע גרויסע עבירות, דאָך דארף א איד מתפלל זיין און בעטן השי"ת אז ער זאל איהם לעכטיג מאכן די אויגן און ווייזן אלע עבירות, אויך די גאר קליינע, אז ער זאל זיי קענען פאררעכטן. און דאס בעטן מיר "להזהיר גדולים" אז די גרויסע מענטשן און די צדיקים זאלן ארייגשיינען (להזהיר א לשון פון 'זָהֳרֵי' חַמָּה) און העלפן אידן תשובה טוהן אפילו "על הקטנים" אויף די גאר קליינע און דַקוּת'דיגע עבירות אויך.

(ספה"ק ישמח ישראל, ו')

שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת תְּמִימֹת תִּהְיֶינָה

באלייכטן די הייליגע מידות

מיר ווייסן אז די ימי הספירה זענען געאייגענט אז אידישע קינדער זאלן אין די טעג מתקן זיין אלע מידות, (ווי די זיבן וואכן זענען טאקע צוטיילט לויט די זיבן מידות פון חסד, גבורה, תפארת, וכו'). און די תורה הק' זאגט אונז די עצה דערצו, וויאזוי א איד זאל זיך פירן און זוכה זיין מְתַקֵּן צו זיין די מידות און די ענינים פון די געהויבענע טעג, דורכדעם וואס ער פירט זיך מיט די מידה פון תמימות, מיט הכנעה און ענוה, אפילו אויב ער איז זוכה צו טוהן דעם רצון השי"ת, דאָך האלט ער זיך נישט גרויס מיט זיינע מעשים, און ער גייט ווייטער אָן מיט א תמימות און א באשיידנקייט.

און דאס איז מרומז אינעם פסוק "וּסְפַרְתֶּם לָכֶם... שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת" איר זאלט באלייכטן די זיבן מידות, וספרתם איז א לשון פון 'סַפִּיר' - א דיימאנט שטיין וואס שיינט און לייכט, און וויאזוי טוט מען באלייכטן און מתקן זיין די מידות, דאס איז דורך "תְּמִימֹת תִּהְיֶינָה" אז דער מענטש זאל זיך פירן בתמימות און מיט עניוות.

און דאס לייגט צו דער **מדרש** וואס זאגט אויפן פסוק תְּמִימֹת תִּהְיֶינָה - אימתי הן תמימות בזמן שעושין רצונו של מקום, דאס הייסט אז דער עיקר תמימות און ענוה פון א איד איז דווקא דעמאלטס ווען ער איז א "עושה רצונו של מקום" ער פירט זיך ערליך און וואויל און טוט דער רצון השי"ת, און דאָך קומט ער נישט צו צו קיין גיאות און האלט זיך ווייטער קליין און ערליך, דאס איז די תמימות וואס די תורה פארלאנגט פון אונז.

(ספה"ק תפארת שמואל ח')

בְּיוֹם הַשַּׁבָּת בְּיוֹם הַשַּׁבָּת יַעַרְכֶנּוּ לִפְנֵי ה'

דע מאין באת ולאן אתה הולך

אין פסוק שטייט בְּיוֹם הַשַּׁבָּת בְּיוֹם הַשַּׁבָּת יַעַרְכֶנּוּ לִפְנֵי ה', און די **מפרשים** שטעלן זיך שוין וואס איז דער פשט פונעם דאפלטע לשון אז ס'שטייט צוויי מאל "בְּיוֹם הַשַּׁבָּת". און עס ווערט געברענגט, אז די נשמה פון א מענטש ווען זי געפונט זיך אויפן עולם העליון איידער זי קומט אראפ אויף די וועלט, דארט איז איר ריכטיגע מנוחה און צופרידנהייט, און עס איז ביי די נשמה ווי א בחינה פון 'שבת'. דאס זעלבע איז אויך נאכדעם וואס די נשמה גייט צוריק ארויף אויף יענער וועלט נאך די פטירה פונעם מענטש, און זי קומט אָן צו איר רוה אין גן עדן, איז ווייטער פאר איר א בחינה פון שבת און מנוחה. דאס זאגט דא די תרה, "בְּיוֹם הַשַּׁבָּת בְּיוֹם הַשַּׁבָּת יַעַרְכֶנּוּ" אז א איד וועט שטענדיג געדענקן און שעצן די צוויי שבתות, וויסן פון זיין נשמה קומט, און ווי זי וועט גיין נאך זיין שטארבן, אזא איינער וועט שטענדיג זיין "לִפְנֵי ה'" און ער וועט זיך פירן ערליך. ווי דער תנא זאגט הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה, דע מאין באת ולאן אתה הולך.

(ספה"ק תפארת שמואל י')

די שמחה פון ל"ג בעומר

עס איז באקאנט וואס ווערט געברענגט פון **צדיקים**, אז די ניין און פערציג טעג פון ספירה באטרעפט כמנין 'לב טוב' און דאס זענען די טעג וואס כלל ישראל זענען מתקן די מידות און גרייטן זיך מיט א שמחה און השתוקקות צו קבלת התורה אינעם יום טוב שבועות הבא עלינו לטובה. און טאקע אין אט דעם הייליגן טאג פון ל"ג בעומר גייען מיר ארויף א שטאַפּל, וויבאלד אין דעם טאג האבן מיר שוין געענדיגט דעם ערשטן טייל פון 'לב' אין די פארגאנגענע צוויי און דרייסיג טעג, און מיר טרעטן אריין אין די פארבליבענע טעג פון ספירה וואס זענען די טעג פון 'טוב'.

עטליכע מאל אין ש"ס געפונען מיר די שיטה פון **רבי שמעון בר יוחאי** וועלכער האַלט אז "כָּל הָעוֹמֵד לִזְרוֹק כְּזָרוּק דָמִי", דאס ווערט געזאגט ביי די בלוט פון א קרבן וואס דארף געשפריצט ווערן אויפן מזבח, אז כאטש מ'האט עס נאכנישט געשפריצט בפועל אויפן מזבח, דאָך ווערט דאס פאררעכנט (לגבי פארשידענע דינים וואו ס'איז נוֹגֵעַ) כאילו מ'האט שוין געשפריצט די בלוט, וויבאלד ס'שטייט דאָך אויף צום שפריצן, און מ'פּלאַנט עס צו שפריצן, דעריבער ווערט עס גערעכנט כאילו עס איז שוין געטוהן געווארן.

מיט דעם ערקלערט **דער בענדינער רב - הגה"צ רבי חנוך הכהן לעווין זצללה"ה** אז דערפאר איז די שמחה אזוי גרויס אינעם טאג פון ל"ג בעומר, וויבאלד די טעג פון ספירה זענען דאָך די הכנה צו קבלת התורה, און ווי געזאגט פון ל"ג בעומר ביז שבועות טרעט מען שוין אריין אין די לעצטע זיבעצן טעג פון ספירה - וואס איז בגימטריא 'טוב' און ווייזט אויף די שלימות און תכלית פון די הכנה צו קבלת התורה, "אֵין **טוב** אלא תורה". און בפרט לויט שיטת התנא האלקי רשב"י וואס ער האלט אז יעדער זאך וואס מ'גייט טוהן אין די צוקונפט, ווערט שוין גערעכנט פון פריער כאילו ס'איז געטוהן געווארן, אויב אזוי איז כאילו די הכנה איז שוין אינגאנצן געענדיגט און מיר האלטן שוין טאקע ביי קבלת התורה.

און דער בענדינער רב לייגט צו א סברא נפלאה, אז טאקע צוליב די גרויסע קדושה פון רשב"י האט ער אזוי געהאלטן אז יעדער זאך וואס א איד וויל און גרייט זיך צו טוהן איז כאילו ער האט עס שוין צוגעענדיגט, וויבאלד מיט זיין גרויסע קדושה, האט רשב"י באמת זוכה געווען אויסצופירן יעדע דבר בקדושה, און גארנישט איז איהם נישט געשטאנען אין וועג, און דעריבער ווען מ'גייט נאר צו צו א מצוה, איז שוין געווען פאררעכנט ביי איהם ווי מ'האט דאס שוין מקיים געווען.

אוצר הכרם

אן אוצר פון ידיעות וענינים, בענינא דיומא ובפרשת השבוע

די השתוקקות צו קבלת התורה

אין אונזער פרשה געפונען מיר אין די תורה די מצוה פון ספירת העומר, וואס מיר זענען באפוילן געווארן צו ציילן פונעם צווייטן טאג פסח ביז שבועות ניין און פערציג טעג.

אין **ספר החינוך** (מצוה ש"ו) ווערט מבואר דער טעם המצוה, וויבאלד דער עיקר פון כלל ישראל איז נאר די תורה, און נאר צוליב די תורה הק' איז די גאנצע וועלט באשאפן געווארן. און דאס איז דאָך געווען די הויפט סיבה פארוואס די אידן זענען אויסגעלייזט געווארן פון מצרים, נאר כדי צו קענען מקבל זיין די תורה, ווי דער אייבישטער האט געזאגט פאר משה רבינו "בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה" אז דאס איז די גאנצע מטרה און תכלית פון יציאת מצרים. און ביי אונז אידן איז די חלק פון 'קבלת התורה' אסאך א גרעסערע זאך ווי די עצם פרייהייט וואס מיר זענען באפרייט געווארן פון מצרים, ווייל אזוי האט דער אייבישטער געזאגט אז די תכלית פון יציאת מצרים איז צוצוקומען צו קבלת התורה, און אויב אזוי איז יציאת מצרים בלויז דער טפל, און קבלת התורה דער עיקר.

און דאס איז דער ענין פארוואס מיר שטייען און ציילן די טעג און וואכן ביז צום גרויסן זמן פון קבלת התורה, ווי א פארשקלאַפטער קנעכט שטייט און לעכצט און קוקט שוין ארויס מיט השתוקקות ווען וועט קומען זיין באפרייאונג און ער וועט מער נישט דארפן ארבעטן שווער און ביטער, ער ציילט די טעג און קען קוים ווארטן אויף דעם געהויבענעם זמן. דאס זעלבע זענען מיר משתוקק און קוקן ארויס צום יום טוב שבועות פון קבלת התורה.

און דער חינוך לייגט צו, אז דעריבער ציילט מען יעדן טאג וויפיל טעג עס זענען שוין פארביי, מ'הייבט אָן מיט איינס, דערנאך צוויי, דריי א.א.וו. (און נישט פארקערט וויפיל טעג ס'זענען נאך געבליבן ביז צום לאנג ערווארטעטן ציל) **ווייל מיר ווילן נישט ארויסזאגן באלד אין אנהייב אז ס'איז נאך פאראן אזא לאנגע צייט פון ניין און פערציג טעג ביז שבועות, ממש ווי איינער וואס ווארט שוין אזוי שטארק אז עפעס א גוטע זאך זאל אנקומען, וועט ער נישט וועלן ארויסברענגען מיט זיין מויל אז ער דארף נאך ווארטן אזוי לאנג,** ער וועט בעסער ציילן די טעג וואס זענען שוין אדורך, ווי איידער די טעג וואס זענען נאך געבליבן, דאס איז אלס צו ווייזן די חביבות צו קבלת התורה.

א זכר צו די ספירה פון כלל ישראל

אין **שו"ת הרשב"א** (ח"ג סימן רפ"ד) ווערט געברענגט בשם דער **בעל העיטור ז"ל** אז ווען משה רבינו האט געזאגט פאר די אידן אז ווען מ'גייט ארויסגיין פון מצרים גייט מען מקבל זיין די תורה ביים בארג סיני, האבן די אידן געפרעגט "משה, ווען וועט דאס פאָרקומען", און משה רבינו האט זיי געזאגט אז אין פופציג טעג ארום גייט זיין קבלת התורה. ווי נאר די אידן האבן דאס געהערט, האט יעדער אנגעהויבן צו ציילן פאר זיך אליין די טעג צו קבלת התורה. און אלס א זכר צו יענער ציילן וואס די אידן האבן געציילט פון גרויס השתוקקות און פרייד, דערפאר האבן די חכמים באשטימט אז אויך היינטיגע צייטן זאלן מיר ציילן ספירה (כאטש מיר האבן שוין נישט דער קרבן עומר, און מן התורה איז נישט דא קיין מצוה פון ציילן) אלס א זכר צו די שמחה פון קבלת התורה.

פירותיך מתוקים

דברי תורה אויף פרשת השבוע און ענינא דיומא

אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן

די טעם פארוואס די תורה הקדושה פאַנגט אָן די פרשה מיט'ן אנרופען די כהנים "בְּנֵי אַהֲרֹן". וויבאלד אין די פרשה האבן די כהנים באקומען פארשידענע מצוות און באזונדערע ענינים פון קדושה וטהרה וואס זענען נישט געגעבן געווארן פאר אלע אידן, קענען זיי ח"ו צוקומען זיך גרויס צו האלטן און טראכטן ביי זיך אז זיי האבן באקומען די מצוות צוליב דעם וואס זיי זענען בעצם מער ווערד און חשוב ווי אנדערע אידן. דערפאר הייבט אָן די תורה "אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן" אז זיי זאלן וויסן און אנערקענען אז זייער גאנצע קדושה קומט נאר פון זייער זיידע אהרן הכהן, און ממילא האבן זיי נישט זיך גרויס צו האלטן מיט א זאך וואס קומט נישט פון זיי.

(אגרא דכלה)

וּמַכֵּה נֶפֶשׁ בְּהֵמָה יְשַׁלְּמֶנָּה

דער יונגער ווארקער רבי - הרה"ק רבי מנחם מענדל זי"ע, האט געטייטשט דעם פסוק אזוי, מיר ווייסן אז יעדער מענטש האט אין זיך א 'נפש הבהמיות' א גשמיות'דיגע חלק וואס ציהט איהם צו תאוות און צו הבלי עולם הזה, און די עבודה פון א איד איז מלחמה צו האלטן און זיך שטארקן איבער זיינע תאוות און זיין נפש הבהמיות, און אזוי קען מען שטייגן אין רוחניות און אין עבודת השי"ת.

און דאס איז מרומז דא אין פסוק "וּמַכֵּה נֶפֶשׁ בְּהֵמָה" נאר דורכדעם וואס א מענטש שלאגט און האלט מלחמה מיט זיין נפש הבהמיות, "יְשַׁלְּמֶנָּה" קען א איד צוקומען צו 'שלימות' אין עבודת השי"ת.

(בית יצחק)

וְאִשָּׁה גְּרוּשָׁה מֵאִישָׁהּ לֹא יִקָּחוּ

אין די שטאט פראג האט געוואוינט א איד אן עושר וואס האט געהאט גאר א גרויסע פארמעגן, און צווישן אנדערע האט ער אויך געטוהן אסאך געשעפטן מיט פארשידענע רייכע גויים און שָׂרִים פון די געגנט, און זיין נאמען איז געווען ברייט באקאנט צווישן די הויכע פענסטער אין לאנד. ויהי היום, און דער עושר האט באשלאסן אז ער וויל חתונה האבן מיט א געוויסע פרוי פון פראג, אבער דער פראבלעם איז געווען אז ער איז געווען א כהן, און די 'מְדוּבֶּרֶת' מיט וועמען ער האט געוואלט חתונה האבן איז געווען א פרוי וואס איז גע'גֶט געווארן פון איר מאן, און על פי תורה טאר דאָך א כהן נישט חתונה האבן מיט א גרושה. בימים ההם האט געדינט אלס רב אין פראג **הגאון הגדול רבי יחזקאל הלוי לאנדא - דער נודע ביהודה זי"ע** (יארצייט י"ז אייר) און ווויסענדיג אז דער רב וועט אודאי נישט צולאזן אזא חתונה וואס איז קעגן די תורה, האט דער עושר אנגעהויבן צו לייגן פארשידענע סארטן דרוק אויפן רב אז ער זאל באוויליגן ח"ו צו ערלויבן זיין חתונה און אפילו זיין דער מסדר קידושין אונטער זיין חופה.

אנגעהויבן האט ער מיט שיינעם, ער האט צוגעזאגט גרויסע סכומים געלט פאר די קהילה און דאס גלייכן, אבער ווען דאס האט נישט געווירקט איז ער אריבערגעגאנגען צו סטראַשערייען, און ער האט אנגעהויבן באדראען דעם נודע ביהודה מיט פארשידענע שלעכטע זאכן וואס ער וועט איהם טוהן אויב וועט ער נישט געבן זיין הסכמה צו די חתונה. אבער פארשטייט זיך אז ס'האט גארנישט געהאלפן, און דער נודע ביהודה איז געבליבן שטיין פעלזן פעסט ביי זיין מיינונג אז ער וועט זיך נישט רירן קעגן די תורה, און אז אט די חתונה וואס איז אן עבירה - וועט נישט פארקומען.

דער עושר האט זיך נישט אפגעשטעלט בי דעם, נאר האבנדיג זיינע נאנטע באציאונגען ביז צום קענגליכן הויף, איז איהם געלונגען ארויסצובאקומען א פערזענליכע באפעל פון די בארימטע קעניגן וואס האט דעמאלטס געהערשט איבער עסטרייך און מעהרן - די קעניגן מאריע טערעזא, און זי בכבודה ובעצמה האט געשיקט זאגן פארן פראגער בית דין אין שפיץ פונעם נודע ביהודה זי"ע אז זיי וועלן מוזן מסדר קידושין זיין און באשטעטיגן די חתונה פון דעם עושר מיט זיין כלה די גרושה.

הערנדיג אז די קעניגן אליין פאָדערט אז דער רב זאל קומען און זיין דער מסדר קידושין פון די חתונה, האט דער נודע ביהודה מודיע געווען אז ער וועט פאלגן און גיין זיין דער מסדר קידושין ביי די חתונה.

דער עושר האט אנגעגרייט א קעניגליכע חתונה ווי עס פּאַסט פאר אזא חשוב'ער מענטש ווי ער, און דאס פלאץ איז געווען איבערגעפילט מיט אנשים מכובדים, פילע שָׂרִים און מיניסטאָרן מיט וועלכע ער פלעגט פירן געשעפטן, ווי אויך להבדיל פילע פון זיינע אידישע פריינט וואס זענען געקומען זיך מיטפרייען מיט זיין גרויסע שמחה. ווען מ'איז געגאנגען צו די חופה, איז טאקע אנגעקומען דער רב דער נודע ביהודה זי"ע, און ווען דער חתן האט גענומען דעם רינגל אין זיינע הענט כדי מקדש צו זיין די כלה, האט איהם דער נודע ביהודה געזאגט, "איך וועל זאגן די ווערטער, און דו זאלסט מיר נאכזאגן וואָרט ביי וואָרט", און דער נודע ביהודה האט אנגעהויבן צו זאגן מיט א קלארע הויכע שטימע "הרי את מקודשת לי בטבעת זו" ווען דער חתן זאגט איהם נאך יעדעס וואָרט, און צום סוף גיבט ער א זאג "כְּדַת הַמַּלְכָּה מאריע טערעזא".

תיכף ומיד האט זיך אנגעהויבן א רודעריי צווישן די פארזאמלטע, און דער עולם האט געוואלט פארשטיין וואס עס קומט דא פאָר, פארוואס דער רב מאכט נישט קיין געהעריגע קידושין ווי עס פּאַסט פאר א אידישע פּאָרפאָלק. אבער דער רב האט זיך געהאלטן ביי זיינס און אויסגערופן הויעך "וואס ווילט איר?, כדת משה וישראל קען מען דאָך נישט מאכן אזא קידושין, איז די איינציגסטע סארט קידושין וואס מ'קען דא אדורכפירן איז בלויז 'כדת מאריע טערעזא' וואס זי האט באפוילן אז איך מוז אהערקומען מסדר קידושין זיין. ווען די אידישע אנוועזנדע האבן דאס געהערט, האבן זיי אלע אנגעהויבן צו פאַרלאָזן דאס פלאץ, פארשטייענדיג דעם חומר הענין, און אויך דער חתן האט דערהערט די שרעקליכע עוולה וואס ער טוט דא, און האט באשלאסן צוריקצוציען פון די חתונה, און די שידוך איז בטל געווארן.

(שלמי משה)

א נקודה...

הרה"ק בעל בית אהרן פון קארלין זי"ע האט געזאגט:

פונקט ווי השי"ת איז פאר יעדער איד, אזוי אויך איז אין רבי שמעון בר יוחאי פאר יעדער איד (מ'קען האבן שייכות און געהאלפן ווערן דורך איהם) **אפילו פאר די וואס זענען אין א שוואכע מדריגה.**

הרה"ק רבי חיים מאיר יחיאל זי"ע איז געבוירן געווארן אין יאר תקמ"ט צו זיין פאטער **דער גרעניצער רב – הרה"ק רבי אבי עזרא זעליג שפירא זצוקללה"ה**, און צו זיין מאמע די רעביצין די צדיקת מרת פערל ע"ה וועלכע איז געווען א טאכטער פונעם **קאזניצער מגיד – דער עבודת ישראל זי"ע**.

אין זיינע יונגע יארן האט איהם זיין זיידע דער קאזניצער מגיד גערופן צו זיך און געזאגט "קום וועל איך לערנען מיט דיר קבלה", אבער דאס קינד האט געענטפערט פארן זיידן אז ער דארף נאך דערווייל א רבי וואס זאל לערנען מיט איהם גמרא תוספות בעיון, דעריבער איז בעסער אויב ער וויל לערנען מיט איהם גמרא מיט תוספות. דער זיידע האט מסכים געווען, און זיי האבן באשטימט א שיעור יעדן טאג אויף בערך פיר שעה, פון אכט ביז צוועלף אזייגער אין אָוונט, און אינאיינעם האבן געלערנט גמרא. **דער מאגלניצער זי"ע** האט שפעטער דערציילט ווי שטארק ער האט פארדינט דערפון, זאגענדיג "ער האט מיר געגעבען א 'שְׁנִיט' (א דרך הלימוד) אין גמרא מיט תוספת, אבער קבלה האב איך נישט בעדארפען, פון וואַנען ער האט גענומען, קען איך אויך נעמען", זאגענדיג אז קבלה וועט ער שוין אליין קענען זוכה זיין צו לערנען דארט פון ווי דער זיידע האט געלערנט.

און טאקע נאך אלס קינד האט דער קליינער חיים מאיר יחיאל זוכה געווען צו זעהן געוואלדיגע גילויים און השגות, עס ווערט דערציילט אז ער האט געזעהן **אליהו הנביא** ווי אויך פילע אנדערע צדיקי הדורות וואס פלעגן קומען פונעם עולם העליון צו זיין זיידן דער קאזניצער מגיד זי"ע, צווישן זיי דער **תנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי**, דער **בעל שם טוב הק'**, און דער **מעזריטשער מגיד זי"ע**.

גרויס איז געווען דער כוח פונעם **שָׂרָף פון מאגלניצא זי"ע** מיט'ן פועל'ן ישועות פאר אידישע קינדער, פילע חולים זענען אויסגעהיילט געווארן דורך איהם, און אידן זענען אויפגעראכטן געווארן מיט כל מיני ישועות און רפואות וואס מען האט געדארפט.

געווען איז א חסיד מיט'ן נאמען ר' יוסף פון קאבלינצע, וועלכער פלעגט האנדלן מיט'ן פריץ, דורכ'ן קויפן פון איהם פארשידענע סארטן סחורה. ויהי היום און פאר אונזער ר' יוסף האט זיך אנגעזאמלט א שווערע חוב פארן פריץ, די פרנסה איז געגאנגען שוואך, און א קורצע איבערבליק אין די חשבונות האט געוויזן אז ער איז שולדיג פארן פריץ גאנצע פופצן הונדערט גילדן, וואס איז געווען א הון רב אפילו אין די גוטע צייטן, און כל שכן ווען די טאש איז ליידיג און ס'איז נישט דא קיין איין פרוטה. די אמאָליגע פריצים כידוע האבן דאָך געקענט טוהן מיט זייערע מענטשן וואס זייער הארץ האט נאר באגערט, און קיינער איז זיי נישט געשטאנען אין וועג אויסצופירן זייערע בייזוויליגע פלענער, און דער פריץ האט געשיקט זאגן פארן איד אז אויב ביז דריי טעג וועט ער נישט קומען זיך פאררעכנען מיט איהם און אפצאָלן זיין גאנצע חוב, דאן וועט ער זיך נוקם זיין אין איהם און ביטער וועט זיין זיין סוף ח"ו.

זעענדיג אז די צרה איז גרויס, איז דער חסיד ר' יוסף אין איילעניש געפארן קיין **מאגלניצא**, צו זיין רבי **דער שרף זי"ע**, און ער האט זיך אויסגעוויינט פאר איהם איבער זיין שווערן גורל. האט דער צדיק געפרעגט פון ר' יוסף אויב דער פריץ איז אפשר איהם נישט שולדיג עפעס געלט פון סחורה וואס דער פריץ האט גענומען פון איהם. ר' יוסף האט געענטפערט אז יא, דער פריץ פלעגט נעמען פון איהם פון צייט צו צייט א פאַס זאלץ, און האט נישט תיכף באצאלט דעראויף, נאר מ'האט פארשריבן דעם חוב אויף א וועקסל, א שְׁטַר וואס איז געווען כתוב וחתום אונטער גע'חַתמ'עט מיט'ן חתימה פונעם פריץ געגוי וואס ער האט גענומען און וויפיל ער איז שולדיג דערפאר. אט די צעטלעך האט מען גערופן 'קוויטלעך', און ר' יוסף האט טאקע פאַרמאָגט איינעגע אזעלכע קוויטלעך וואו ס'איז געשטאנען אפגעשריבן די קליינע חובות וואס דער פריץ האט געהאט צו איהם.

האט דער שרף פון מאגלניצא זי"ע באפוילן פאר זיין חסיד ר' יוסף אז ער זאל ברענגן אלע זיינע קוויטלעך וואס ער האט פונעם פריץ, און ער וועט זיי אדורכטוהן, און לויט דעם וועט ער איהם הייסן וואס צו טוהן. דער חסיד האט אזוי געטוהן, און איז געקומען צו גיין מיט זיינע קוויטלעך, וואס האבן ענהאטלן אין זיך גאר א קליינע סכום געלט, א סך הכל פון בלויז פופציג גילדן וואס דער פריץ איז איהם שולדיג, און ער דערלאנגט זיי צום רבי'ן. ווען דער שרף האט אדורכגעקוקט אלע קוויטלעך וואס ר' יוסף האט איהם געברענגט, רופט ער זיך אָן צו ר' יוסף און ער זאגט "פאָר אהיים, און גיי צום פריץ און מאך מיט איהם א חשבון וויפיל ער איז דיר שולדיג פון די אלע קוויטלעך דא, און כ'זאג דיר אז נישט נאר וואס דו דארפסט איהם גארנישט באצאלן, נאר ס'קומט גאר אויס אז ער איז דיר שולדיג 'רעשט' פון וויפיל זיין חוב צו דיר - איז מער ווי דיין חוב צו איהם"... און דער צדיק האט צוגעלייגט מיט תחנונים, **"איך בעהט דיר למען השם אז דו זאלסט נעמען וויפיל רעשט ס'וועט דיר נאר קומען, זאלסט נישט איבערלאזן ביי איהם קיין איין פרוטה!"**. ביז אהער זענען געווען די וואונדערליכע דיבורים פונעם צדיק וואס האט איהם געזאגט מיט א זיכערקייט אז ער איז גארנישט שולדיג פארן פריץ.

ר' יוסף איז אהיימגעפארן פיל מיט האפענונג און אמונת צדיקים, כאטש ער האט גאנץ גוט געוואוסט אז דער רבי קען אפילו נישט קיין פויליש, און ער האט זיכער נישט געקענט ליינען וואס שטייט געשריבן אין די קוויטלעך וואס זענען געווען געשריבן אויפן פוילישן שפראך, אבער ער האט געוואוסט און געגלייבט אז השי"ת וועט איהם נישט פארלאזן אין זכות פונעם צדיק.

אנקומענדיג צום פריץ, האט איהם דער פריץ מקבל פנים געווען מיט כעס און אויפברויז פרעגנדיג אויב ער האט מיט זיך די גאנצע סכום געלט צו באצאלן זיין חוב. ענטפערט ר' יוסף אז ער האט דאס געלט, מען דארף אבער קודם איבערגיין די חשבונות וואס זענען פארשריבן אין די קוויטלעך, כדי צו וויסן וויפיל אראפצורעכענען, ווייל וויפיל דער פריץ איז איהם שולדיג דאס דארף ער אודאי נישט באצאלן.

דער פריץ האט גענומען די הויפן קוויטלעך און זיי דערלאנגט פאר זיין בוכהאלטער וואס האט שטענדיג געמאכט די חשבונות פון אלע געשעפטן אינעם פריצישן הויף, און יענער האט אויסגערעכנט אלעס וואס דארט שטייט, און ס'איז אויסגעקומען אז דער פריץ איז שולדיג פארן איד פופצן הונדערט מיט נאך זעקס גולדן, און ער קומט איהם גאר רעשט די איבריגע זעקס גולדן וואס זענען מער פונעם איד'ס חוב. דער פריץ האט זיך אויפגערעגט אויף זיין בוכהאלטער און זיך גענומען איהם שלאגן אויפגערעגטערהייט, וויסענדיג אז ס'איז נישט מעגליך אז ער איז שולדיג אזויפיל געלט פארן איד, און ער האט אליינס א כאפ געטוהן די קוויטלעך כדי איבערצומאכן א פונקטליכע חשבון. אבער צו זיין שאק און וואונדער האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער בוכהאלטער איז געווען גערעכט, און די סכום פון אלע קוויטלעך זענען אנגעקומען צו פופצן הונדערט און זעקס גולדן. פון גרויס כעס האט דער פריץ גענומען אלע קוויטלעך און זיי אריינגעוואָרפן אינעם פייערל וואס האט דארט געברענט, און ער האט געשריגן אויף ר' יוסף, הייב פיס און אנטלויף פון דאנעט איידער כ'וועל אויסגעבן מיין צארן אויף דיר.

אין די אויערן פון ר' יוסף האבן נאך געקלינגן די רייד פונעם צדיק אז ער זאל שטיין אויף זיינע 'רעכטן' און נעמען וויפיל רעשט ס'וועט נאר אויסקומען, "זאלסט נישט איבערלאזן ביי איהם קיין איין פרוטה" האט דער רבי פאַרלאַנגט. אבער פון גרויס צווייפל האט ער נישט געהאט די קוראַזש זיך צו שטעלן דעראויף, ספעציעל ווען ער האט געוואוסט דעם אמת אז דער פריץ איז איהם טאקע גארנישט שולדיג, און ער האט שטארק מורא געהאט זעענדיג ווי דער פריץ פלאַמט פאר כעס, און דערפאר האט ער תיכף ומיד געהויבן פיס און אנטלאפן וואס שנעלער, אָן צו פארלאנגן די זעקס גולדן.

פון דארט איז ר' יוסף צוריקגעפארן קיין מאגלניצא וואו ער האט פארציילט פארן רבי'ן די גאנצע אנטוויקלונג וואס האט פאסירט צווישן איהם און דער פריץ. האט איהם דער מאגלניצער געפרעגט "און וואס איז מיט די רעשט? האסט באקומען די רעשט וואס איז דיר געקומען לויט'ן חשבון פונעם פריץ?", אויף וועלכע ר' יוסף האט געענטפערט אז ער האט דאס נישט גענומען. האט איהם דער צדיק געענטפערט "וואס זאל איך דיר טוהן, איך וויל דיר געבן און דו ווילסט נישט נעמען. אויב וואלסטו גענומען די רעשט אזויווי כ'האב דיר באפוילן דאן וואלסטו שפעטער געקענט אפקויפן דעם גאנצן דאָרף פונעם פריץ און ס'וואלט געבליבן אין דיין באזיץ לדורי דורות".

בס"ד

דער בלעטל

טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

הדה"נ
מוצש"ק
ר"ת

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

סוזק"ש א'	סוז"ת א'
סוזק"ש ב'	סוז"ת ב'

י צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': כט

טיב הפרשה

מבשרך אל תתעלם

אין די וואכנדיגע פרשה לערנען מיר וועגן די כהנים אז א כהן טאר זיך נישט מטמא זיין צו א מת. די תוה"ק מאכט אן אויסנאם אז צו זיבן קרובים מעג מען זיך יא מטמא זיין. אין די תוה"ק ווערט אויסגערעכענט די זיבן קרובים אז זיי זענען א טאטע, א מאמע, א זון, א טאכטער, א ברודער, א שוועסטער און א ווייב.

די גמרא אין זבחים [ק ע"א] באטאנט אז צו די זיבן קרובים מוז מען זיך מטמא זיין און אז עס איז א מצוה אז מען זאל זיך מטמא זיין צו זיי. די גמרא דערציילט דארט אז עס איז געווען א מעשה מיט רבי יוסף הכהן אז זיין ווייב איז נפטר געווארן ערב פסח און רבי יוסף האט זיך נישט געוואלט מטמא זיין און מען האט אים געצווינגען אז ער זאל זיך מטמא זיין.

פון די גמרא זעט מען א מורא'דיגע יסוד. מען זעט אז טראץ וואס די תוה"ק זאגט אָן פארן כהן אז ער זאל זיך אפהיטן פון ווערן טמא און אז עס איז א הארבער איסור זיך צו מטמא זיין צו א מת איז עס אנדערש ווען עס רעדט זיך פון די משפחה, צו די משפחה איז דא א מצוה אז דער כהן זאל זיך מטמא זיין.

די נקודה איז זייער נוגע היינטיגע צייטן. אין די היינטיגע וועלט איז די נושא פון משפחה אביסל שוואכער. מען שפירט נישט אזא נאנטקייט. אבער ווען מען זעט וויאזוי די תורה שעצט עס פארשטייט מען די חשיבות פון דעם.

איך האב אמאל געהערט אז דער בריסקער רב זצוק"ל האט זייער שטארק מקפיד געווען אויף די נושא. ווען עס איז געווען א שמחה אין די משפחה, אפילו אביסל א ווייטערע משפחה און אויך אויב זיי האבן זיך נישט געציילט אויף די חרדי'שע קרייזן, נאר אויף די מזרחי'סטישע קרייזן האט ער זיך מטריח געווען און איז געגאנגען אנטיילנעמען אין די שמחה, ווייל מיט די משפחה דארף מען זיך האלטן.

דער געדאנק האב איך אויך געזען זייער שטארק ביי מיין טאטן זצ"ל. ווען עס איז געווען א משפחה שמחה אויך אויב די שמחה איז געווען פון ווייט אוועק און די משפחה איז נישט געווען אזוי פרום און אויך אויב איז

>>> | המשך אין עמוד ב' |

טיב המערכת

- ◆ וּשְׁמַרְתֶּם מִצְוֹתַי וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם ◆ -

איז מעגליך צו זיין א ריכטער, אן צו גוט דורכלערנען אלע געזעצן? קען מען זיין א דאקטאר, אן פריער דורכלערנען די תורת הרפואה? אודאי נישט! ווייל די זאכן ווערן נישט געטון דורך געפיל, נאר לויט די כללים. און אויב וועט זיך איינער פירן פארקערט ווי די כללים, איז נישט נאר וועט ער נישט אויפטון, נאר ער וועט זייער מעגליך אויך שעדיגן און קאליע מאכן.

עס זענען דא מענטשן וואס מיינען אז מען קען מקיים זיין די מצוות אן צו לערנען די תורה, און אן גוט דורכטון די אנווייזונגען וויאזוי מען דארף מקיים זיין די מצוות. אויב ביי אנדערע זאכן זענען מיר מודה אז מען קען זיך נאר באשעפטיגן אין זיי אויב מען האט צום ערשט גוט דורכגעלערנט אלע זייערע איינצלהייטן, פארוואס מיינען מיר אז ביי קיום המצוות איז אנדערש, מעגליך איז עס ווייל עס זעט אונז אויס אז די מצוות ווערן געטון לויטן רגש, ח"ו?

זאגט די הייליגע תורה וּשְׁמַרְתֶּם מִצְוֹתַי וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם, און רש"י איז מפרש 'ושמרתם – זו המשנה, ועשיתם – זה המעשה', דאס הייסט אז עס זענען דא צוויי זאכן, די ערשטע זאך איז, אז דאס לערנען די תורה איז א חלק פון מקיים זיין די מצוות, און די צווייטע זאך, און דאס איז דאס וויכטיגסטע, אז עס איז נישט מעגליך אנצוקומען צו מקיים זיין די מצוות אויפן ריכטיגן שטייגער, אן צו לערנען די תורה און איבערהויפט די הלכות.

ווייל די תורה איז דער בוך פון די געזעצן, וואס דארט ווייזט מען אונז וויאזוי צו מקיים זיין אלע מצוות. און פונקט אזוי ווי מיר פארשטיין אז עס איז נישט מעגליך זיך צו באשעפטיגן אין קיין שום פאך אן צו פריער לערנען גרונטליך אלע אנווייזונגען און איינצלהייטן דערפון, איז דאך א קל וחומר בן בנו של קל וחומר אז עס איז נישט מעגליך געהעריג מקיים צו זיין די מצוות אן צו פריער לערנען אלע איינצלהייטן פון די הלכות. אזוי אז ווער עס לערנט עס נישט, זאל ער קלאר וויסן אז ער איז נישט מקיים די מצוות אזוי ווי עס דארף צו זיין.

עס ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים, אז די סיבה פארוואס משיח פארזוימט זיך, דאס איז וויבאלד כאטש מען געבט אסאך צדקה און מען באשעפטיגט זיך אסאך אין די תורה, פונדעסטוועגן איז מען נישט מקפיד צו טון יעדער זאך לויט די איינצלהייטן פון די הלכה, נאר יעדער איינער פירט זיך אזוי ווי עס זעט אים אליין אויס, טוענדיג די מצוות לויט זיין אייגענעם געפיל.

אצינד, יעדע מצוה וואס קומט אונז אונטער, לאמיר זיך אנשטרענגען גוט דורכצולערנען אלע אירע איינצלהייטן און דקדוקים, און דורכדעם וועלן מיר איינגיכן זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.

געלויבט דער אויבערשטער, אז מיר האבן זוכה געווען אז ביי אונזערע חבורה האט מען מתקן געווען די תקנה אז מען זאל לערנען א בלאט הלכה יעדן טאג, און וואויל איז דער וואס געבט אכטונג דערויף.

(עפ"י טיב התורה-אמור)

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

זמנים
אויף קבלת קהל
0534-100024

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

עס געווען אויסערן שטאט האט ער זיך משתתף געווען ביי די שמחה.

ווען מען האט אים אמאל געפרעגט פארוואס ער איז זיך אזוי מטריח צו פארן צו זייער שמחה האט ער מיר איבערגעזאגט די ווערטער פון די גמרא אין מכות [כד ע"א] וחרפה לא נשא על קרובו, און די גמרא זאגט אויף דעם אז עס גייט ארויף אויף דער וואס איז מקרב זיינע קרובים.

ווי געזאגט איז דא דערביי א קענטליכע שוואכקייט ביי אסאך מענטשן. די שוואכקייט איז סיי אין אנטיילנעמען ביי די שמחות אין די משפחה און אויך מיטן טון חסד אין די משפחה. אסאך מאל וועט מען טון חסד מיט די גאנצע וועלט אבער פון זיין אזוי פארנומען מיט די גאנצע וועלט וועט מען פארגעסן פון די אייגענע משפחה און זיך נישט אפגעבן מיט זיי.

עס איז שוין ליידער געווען פעלער ווען אידן וואס זענען געווען פארנומען מיטן כלל און זיי האבן פארגעסן פון די משפחה, האבן שפעטער פארלוירן זייערע קינדער. די קינדער האבן נישט געוואלט ממשיך זיין מיט די מעשים פון זייערע עלטערן שפירנדיג אויף זיך דעם טעם פון ווערן פארגעסן דורך אנדערע.

מען האט אמאל גערעדט מיטן גערער רבי דער בית ישראל זי"ע איבער א געוויסער עסקן אז ער העלפט ארויס אנדערע אידן. די מקורבים האבן אים זייער משבח געווען אבער דער בית ישראל האט געוואלט וויסן וואס מען זאגט אויף אים אין שטוב, צי זיין בני בית איז אויך אזוי מרוגש איבער די מעשי החסד און צי זיי זאגן אויך אז ער איז א געוואלדיגער בעל חסד.

איך האב געזען א שרעקעדיגע זאך אין דער ספר נהורא דאורייתא, א איד וואס איז געווען א תלמיד פון דער הייליגער בעל התניא זי"ע. ער שמועסט אויס אז מען זעט אז עס איז דא היינט אזויפיל חסד אויף די וועלט אבער דאך קומט נישט משיח? געבט ער צו פארשטיין אז דאס איז די סיבה, ווייל מען טוט טאקע חסד מיט אנדערע, אבער מען טוט נישט קיין חסד ווי די הלכה פאדערט, דהיינו אז מען געבט נישט קיין צדקה פאר די קרובים, כאטש זיי זענען די ערשטע, און פון זיי פארגעסט מען די ערשטע.

מען קען עס פארשטיין. עס איז ליידער א מציאות אז די נאנטע שעצן נישט די מעשי החסד וואס מען טוט מיט זיי. דער געבער שפירט נישט אז ער האט געטון א חסד מיט א איד ווייל דער וואס באקומט די חסד האלט אז עס קומט אים.

עס איז נישט קיין צושטעל ווען איינער געבט פאר א איד וואס שעצט זיין מעשי החסד און ער באדאנקט זיך פאר אים און באגיסט אים מיט ברכות, ווי ווען ער געבט פאר איינעם וואס שעצט בכלל נישט די מעשי החסד. אבער דאך דארף א איד וויסן אז ער דארף טון וואס ער איז מחוייב צו טון און זיך נישט רעכענען מיט וואס יענער גייט זאגן און עס שעצן, ווייל די מצוה פון צדקה איז אסאך חשוב'ער ווען מען טוט עס אנדעם וואס יענער זאל עס שעצן.

אין די כלל גייט אויך אריין די צייט און מיה וואס עלטערן דארפן אריינלייגן אין זייערע קינדער. אין די היינטיגע וועלט איז דער קשר מיט א קינד אויסטערליש חשוב און וויכטיג. דאס איז די שליסל צו קענען מגדל זיין ערליכע קינדער.

אסאך טאטעס שפירן ווי די כוחות וואס זיי לייגן אריין אין די קינדער גייט אויפן חשבון פון זייערע אייגענע צייט. אדאנק דעם יאגן זיי אן וויניגער צו לערנען און צו דאווענען, אבער ער דארף וויסן צו שעצן די זאך, צו פארשטיין ווי וויכטיג עס איז און אז דאס העלפט צו פארן יוגנד.

מען דארף געדענקען דעם יסוד און עס איינ'חזר'ן אין זיך, און לאמיר האפן אז מיר וועלן זוכה זיין צו ערציען ערליכע אידישע דורות און זען נחת ביי די קינדער און אייניקלעך.

טיב ההשגחה

מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

א צווילינג מתנה

מיט געהויבענע און לעכטיגע געפילן האב איך זיך געגרייט צו די חאלאקע פון מיינע לעכטיגע צווילינג קינדער. אזוי ווי אזא זאך קומט נישט אונטער יעדן טאג האב איך באשלאסן אז איך גיי עס אויסנוצן ביזן ענדע. אין די טאג פון ל"ג בעומר בין איך ארומגעגאנגען צו אלע צדיקי הדור און זיי מכבד געווען אז זיי זאלן שערן די האר פון די קינדער און זיי געבן ברכת קדשם.

נישט אזוי גרינג איז אנגעקומען די אונטערנעמונג. נאך פון פריער האבן מיר זיך נאכגעפרעגט ווען דער רבי נעמט אן און ווען אנדערע נעמען אן, צו קענען זיין באצייטנס ביי יעדן איינעם. מיר האבן זיך אויסגערעכענט צו קענען אריינכאפן אסאך אבער ווען מיר זענען אנגעקומען צו איין רבי האבן מיר באמערקט אז מיר האבן געשפעטיגט מיט געציילטע מינוטן, די טירן זענען שוין געווען פארשלאסן.

מיר האבן נישט מוותר געווען און פרעגנדיג פון דעם גבאי ווען מיר זאלן צוריקקומען האט ער אונז געזאגט אז מיר זאלן זיך צוריקקערן אין א שעה ארום.

מיר וואלטן געקענט אויסווארטן א שעה אבער ווען עס רעדט זיך פון צוויי קינדער איז א שעה אסאך צייט. זיי האבן זיך שווערליך געקענט האלטן רואיג, און זוכנדיג וואס צו טון מיט זיי האט ביי אונז אויפגעבליצט דער געדאנק אז אזוי ווי די קבר פון שמעון הצדיק איז דא בשכינות לאמיר אהינגיין און אריינכאפן מתפלל צו זיין ביי דעם צדיק און זיך שערן דארט אז עס זאל זיין פאר אונז א זכות.

מיר האבן טאקע אזוי געטון. מיר זענען אהינגעגאנגען און די שמחה איז געווען גרויס. נאכן טאנצן איז צוגעקומען אן עלטערע פרוי און מיר א זאג געגעבן אז זי האט מיר אזוי נאכגעקוקט און געשיינט פון התרגשות.

"ביי מיין זון איז יעצט געבוירן געווארן א צווילינג יונגעלעך. ווען איך זעה דיר טאנצן דא און איך זעה וויי שיין און ווי לעכטיג עס איז א צווילינג, ווער איך מרוגש צו טראכטן ווי אזוי עס גייט אויסזען ווען זיי גייען חאלאקענען".

די פרוי האט אזוי דערציילט און מיטגעטיילט איר טיפע התרגשות און אזוי רעדנדיג פרעגט איר מיין ווייב, צי אפשר וועט איר זון וועלן 'ירש'נען' די צווילינג קליידער וואס זי האט, עס איז אזוי שיין און אזוי גוט.

ווען מיין ווייב האט עס פארגעשלאגן איז די פרוי געווען גערירט ביז טרערן. זי האט דערציילט אז איר זון איז א ביטערע ארעמאן און ממש יעצט האט זי מתפלל געווען ביי שמעון הצדיק אז הקב"ה זאל העלפן איר זון אז כאטשיג זאל ער האבן גוטע און נייע קליידער צו קענען אויסרישן די צווילינג און דא – נאך איידער זי האט פארלאזט דעם ארט איז שוין געקומען צו גיין די ישועה.

מיר האבן געזען מיט א קלארקייט ווי אזוי הקב"ה האט עס געפירט אין אזא וועג אז מיר זאלן שפעטיגן און אהערקומען אז די תפילה פון די פרוי זאל געהערט ווערן און אז זי זאל האבן קליידער פאר די צווילינג פון איר זון עס צו קענען אנטון.

[דערציילט דורך די בעל המעשה: י.ש.ג]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

הילולא דבר יוחאי

לכבוד "ל"ג בעומר" – דעם גרויסן יומא דהילולא פון דער תנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי זיע"א, האבן מיר צוזאמגעקליבן אביסל פון די ספעציעלע "טיב המעשיות" פון רבינו שליט"א, בענינא דיומא

עס האט מיר דערציילט הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א, אז יונגערהייט האט ער אמאל זוכה געווען אנטיילצונעמען אין א נסיעה קיין מירון, אין שפיץ פונעם הייליגן צדיק הרה"ק רבי שלמה מזוועהיל זצוק"ל, וואס פון די נסיעה ליגט נאך ביי אים אין זכרון עטליכע וואונדערליכע מעשיות, וואס ער האט אליין בייגעוואוינט, מיטהאלטנדיג די עבודת קדשו פונעם דערהויבענעם צדיק כמלאך אלקים.

און איינס פון זיי, איז איבערן וויכטיגקייט פון שלאפן!

אין יענע צייטן, מיט איבער זעכציג יאר צוריק, איז די וועג געווען א גרויסע מוטשעניש. די וועג פלעגט געדויערן לאנגע שעות, און מען האט זיך געדארפט פלאגן פאר שעות לאנג איבער די שווערע וועגן.

ווען מען איז שוין ענדליך אנגעקומען קיין מירון, איז יעדער איינער געווען מיד און אויסגעמוטשעט פונעם שווערן וועג. טראצדעם פון גרויס שמחה אז מען האט שוין זוכה געווען אנצוקומען צום הייליגן תנא, און מיט געוואלדיגע בענקשאפט זיך אויסצוגיסן דאס הארץ ביים הייליגן ציון, איז יעדער אריינגעגאנגען אינעווייניג אינעם מערה, זיך אויסצוגיסן דאס הארץ, און נאר נאכדעם האט מען זיך גענומען מסדר זיין אלעס וואס מען האט געדארפט האבן, ווי עסן און טרינקען א.ד.ג.

אבער דער הייליגער רבי שלמה זי"ע, ווי מ'האט אים מיט ליבשאפט גערופן "רבי שלומקע", האט זיך אנדערש געפירט. ער איז נישט געלאפן גלייך צו מתפלל זיין ביים ציון אזוי ווי אלע אנדערע אידן, נאר צום ערשט האט ער זיך אויפגעזוכט עפעס אן אלטן מאטראץ, און האט עס דארט אוועקגעלייגט אין א זייטיגן ווינקל, און זיך אראפגעלייגט שלאפן, כדי זיך אביסל אפצורוען פונעם שווערן וועג, און זאמלען נייע כוחות.

דערנאך איז דער הייליגער רבי אויפגעשטאנען מיט א געוואלדיגן שטארקייט, זייענדיג פריש און מונטער, און זיך מטהר געווען בסילודין זיך טובלנדיג אין מקוה, און דערנאך איז ער אריינגעגאנגען מיט גרויס ליבשאפט און פארכט און א הייליגע ציטערע, צום הייליגן ציון, און זיך אויסגעגאסן דאס הארץ מיט פארכטיגע תפילות און בקשות!

פון דא זעען מיר דעם געוואלדיגן חשיבות פון שלאפן, אז מען טאר עס נישט האלטן גרינג! און נישט אזוי ווי אסאך יונגווארג פירן זיך... און מען טאר חלילה נישט ארומגיין מיד און אויסגעמוטשעט, וויבאלד דאס צושטערט דעם מנוחת הנפש!

עס ווערט דערציילט אויף איינער פון די גדולי הצדיקים נ"ע פונעם פריערדיגן דור, וועלכער פלעגט זיך שטענדיג מאכן סיגופים מיטן שלאפן, און פלעגט אראפנעמען אסאך שעות פון זיין שלאף.

איינמאל האבן זיין הויזגעזינד מורא געהאט פאר זיין געזונט, און האבן אים נישט אויפגעוועקט אום האלבע נאכט אזוי ווי זיין פארלאנג, נאר מען האט אים געלאזט שלאפן לענגער, וויבאלד די משפחה האבן שטארק מורא געהאט אז אויב וועט ער נישט שלאפן גענוג קען עס חלילה שאדן פאר זיין הייליגן קערפער. די משפחה האבן שטארק אכטונג געגעבן אז עס זאל הערשן א הערמעטישער שטילקייט ארום דעם צדיק'ס צימער, און קיין שום זאך זאל אים נישט שטערן פון זיין שלאף, וויבאלד דער צדיק פלעגט שלאפן זייער לייכט, און פונעם קלענסטן גערויש פלעגט ער זיך אויפוועקן.

עטליכע שעה שפעטער, האט זיך דער צדיק אליין אויפגעוועקט, און וויבאלד ער איז גוט געשלאפן איז זיין קערפער געווען שטארקער, אזוי אז ער האט געפילט עפעס אן אויסערגעוועהנליכער פרישקייט! זיין קאפ איז געווען מורא'דיג רואיג, און ער האט געפילט א געוואלדיגע מנוחת הנפש!

אזוי איז דער צדיק צוגעגאנגען צו די עבודה פונעם טאג מיט א וואונדערליכע שמחה און קלארע מח, און אין דעם טאג האט ער געדאווענט מיט א מורא'דיגע התלהבות און שטארקע כוונה מיט מוחין דגדלות, כאטש דאס איז געווען א געוועהנליכן וואכנטאג!

נאכן דאווענען האט דער צדיק דערציילט פאר זיינע נאנטע, אז יעצט איז אים קלאר געווארן אז די מציאות וויזט, אז דער וועג פון זיך גוט אויסרוען, איז בעסער ווי דאס פייניגן זיך מיטן שלאף!

פון דעמאלטס האט דער צדיק געטוישט זיין הייליגן דרך העבודה, און האט מער נישט גרינגעשעצט דאס שלאפן, נאר ער פלעגט שלאפן יעדן נאכט לויט וויפיל ער האט געדארפט.

[קונטרס "טיב המעשיות" ח"ד דף כ"ד]

->•<-

מיין זיידע, דער באוואוסטער גאון צדיק רבי גמליאל הכהן רבינוביץ זצוק"ל, איז געווען א באוואוסטער ראש ישיבה אין די שטאט קישינעוו, וואו ער האט מרביץ תורה געווען פאר חשוב'ע בחורים.

דארט האט מיין זיידע געהאט א ספעציעלע חבורה פון די אויסדערוועלטע תלמידים, די אריות שבחבורה, און צווישן זיי האבן זיך גערעכנט דער ריבניצער רבי זצוק"ל, דער סקווירער רבי זצוק"ל, דער סקולענער זצוק"ל, רבי משה בטלן זצ"ל, און נאך ספעציעלע תלמידים וועלכע זענען געווען זייער דָבוק אין אים.

מיט א צייט שפעטער, האט ער איבערגעלאזט זיין גאנצן גדולה און דערהויבענעם שטאנד, און איז ארויפגעפארן קיין ארץ ישראל, וויבאלד זיין נפש האט געלעכצעט צו זיין אינעם פלטרין של מלך, נאנט צו די הייליגע שכינה.

ער האט זיך באזעצט אין די הייליגע שטאט צפת, תבנה ותכונן במהרה, און דאס וואוינען אין ארץ ישראל איז אים אנגעקומען מיט שווערע יסורים, ווייל פון דעמאלטס און ווייטער האט ער געלעבט אין א שרעקליכן דחקות און ארימקייט, אבער טראצדעם איז ער אלעמאל געווען מלא שמחה אויף א געוואלדיגן אופן, פאר די געוואלדיגע זכיה וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן, צו קומען וואוינען אינעם הייליגן לאנד, און זיך באזעצן דארט וואו די צדיקים און די מקובלים האבן זיך באזעצט, און ער האט דארט עטליכע מאל זוכה געווען צו גילוי אליהו.

האט מיר זיין אייניקל, שאר־בשרי הרה"ח רבי דוד הכהן באטעלמאן זצ"ל דערציילט, אז איינמאל ווען דער גרויסער טאג ל"ג בעומר האט זיך דערנענטערט, האט מיין זיידע נישט געקענט אנטיילנעמען ביי די שמחה אין מירון צוזאמען מיט אלע אידן וואס נעמען זיך צוזאם אויפן ארט, האט ער געשיקט זיין אייניקל, דער אויבנדערמאנטער ר' דוד, אז ער זאל ארויפגיין אויפן הייליגן ציון אין זיין שליחות, און ער זאל זאגן פאר רבי שמעון בר יוחאי זי"ע, אז וויבאלד דעם יאר קען ער נישט אנקומען צו אים אין מירון, דעריבער בעט ער שטארק ביי רבי שמעון, אז ער זאל קומען צו אים קיין צפת!!!

נאך האט מיר מיין פעטער – מיין טאטע'ס ברודער – דערציילט, אז אן אנדערע יאר, ווען ער איז נאך געווען א יונגל, האט ער זיך אמאל ארויסגעלאזט אין וועג צופיס, צוזאמען מיט זיין טאטע – מיין זיידע ווי פריערדערמאנט, וועלנדיג אנקומען קיין מירון. נאר זיי האבן געמאכט א טעות מיטן וועג, און עס האט זיך פארצויגן פאר לאנגע שעות! אזוי זענען זיי געגאנגען איבער די וועגן, און האבן נישט געקענט טרעפן די ריכטיגע וועג, נישט האבנדיג וועמען צו פרעגן וויאזוי צו גיין.

פלוצלונג, גייענדיג אינמיטן פוסטע וועלדער, האט זיך א פאסטוך באוויזן צו זיי, און אן צו רעדן א ווארט, איז ער צוגעגאנגען צו זיי, און האט זיי געוויזן מיטן פינגער דעם ריכטיגן וועג, און ער איז גלייך פארשוואונדן געווארן פון זייערע אויגן. זיי זענען ווייטער געגאנגען אין וועג, לויט זיינע אנווייזונגען, און זייער שנעל האבן זיי זיך געטראפן אין מירון!

ווען מיין פעטער האט געפרעגט זיין גרויסן טאטן זצוק"ל, ווער איז געווען דער פאסטוך וואס האט זיי געוויזן דעם וועג, האט ער אים גלייך געענטפערט: דאס איז נישט געווען קיין פשוט'ער פאסטוך! דאס איז אליהו הנביא!!!

[מתוך קובץ שיחות "פרטיות" דף ע"ח ודף קל"ח]

->•<-

אן ענדליכע מעשה איז פארגעקומען מיטן באוואוסטן צדיק, מגדולי ירושלים של מעלה, מיטן נאמען "רבי אליהו מייזעס" זצוק"ל, וועמען איך האב נאך אליין זוכה געווען צו קענען. [דער רבי אליהו איז געווען זייער א דערהויבענער מענטש. זע נאך וועגן אים, אין ספר "טיב הקהילה", פרשת נצבים־וילך תשע"א].

איינמאל אין ל"ג בעומר, ווען רבי אליהו איז געווען ביים הייליגן ציון אין מירון, האט ער זיך שטארק אנגעשטרענגט מיט זיין הייליגע עבודה, צום ערשט מיט הארציגע תפילות ותחנונים מיט הייסע טרערן, אינעווייניג אינעם מערה, ממש אזוי ווי אום יום כיפור. און דערנאך, ארויסגייענדיג צום חצר פונעם מערה, האט ער זיך שטארק געפריידט, און געטאנצט מיט אלע כוחות, טאנצנדיג ווי אום שמחת תורה, גאר א לאנגע צייט, ביז כלות הנפש!

זיינע קינדער וואס זענען דארט געווען מיט אים, האבן

המשך אין עמוד ד'

אשת חיל עטרת בעלה

לעילוי נשמת הרבנית הצדקנית

מרת חנה הענא (רבינוביץ) ע"ה

בת הגה"ח רבי דוד הכהן בטלמן זצ"ל

אשת חבר בזיו"ש להגאון הגדול

רבי לוי הכהן רבינוביץ זצוק"ל

אביו של מורנו ורבינו שליט"א

\- - -

נלב"ע ביום שני י' אייר

זכתה לשמש את רבינו הגדול בעל מעדני השלחן זי"ע

כאשה כשירה במסירות ונאמנות נפלאה

ורב חלקה בתורת רבינו ועבודתו עד יומו האחרון

ת.נ.צ.ב.ה.

געזארגט פאר זיין געזונט, וויבאלד ער איז שוין געווען אויף דער עלטער, און האבן מורא געהאט אז דאס קען אים חלילה שאדן. האבן זיי אים אנגעהויבן בעטן, אז אפשר זאל ער שוין טראכטן פון אהיימפארן, אפשר האט מען שוין יוצא געווען מיט די עבודה פון מירון?

רבי אליהו האט אבער פון גארנישט געוואלט הערן! ער האט פארגעזעצט מיט די עבודת הקודש און מיט די פייערדיגע פלאקערדיגע טענץ, זייענדיג אינגאנצן דבוק מיט די הילולא קדישא דְּבַר יוֹחַאי. וויפיל זיינע קינדער האבן זיך פראבירט בעטן ביי אים, טענה'נדיג אז ער האט זיך שוין צופיל איבערגעשטרענגט, און עס איז שוין געקומען די צייט אהיימצוגיין, האט עס גארנישט געהאלפן!

ווען זיינע קינדער האבן געזען אז דער מצב איז שוין נאנט צו א סכנה, זענען זיי צוגעגאנגען בחרדת קודש צום באוואוסטן צימער פונעם הייליגן מקובל רבי אשר זעליג מרגליות זצוק"ל, וועלכער איז געזעצן פארטיפט אין סודות התורה אין זיין באשטימטן צימער אויפן העכערן שטאק איבער דעם הייליגן ציון, און האבן זיך געבעטן ביי אים בתחנונים אז ער זאל אראפגיין אונטן צום חצר, און פראבירן אפשטעלן רבי אליהו פון זיינע טענץ, און פועל'ן ביי אים אז ער זאל שוין צוריק אהיימגיין, וויבאלד ער איז שוין זייער אפגעשוואכט, און ער קען חלילה אנקומען צו א סכנה.

הערנדיג זייערע ווערטער, איז רבי אשר זעליג זצוק"ל גלייך אויפגעשטאנען, און איז גלייך אראפגעגאנגען די טרעפ וואס פירן אראפ צום חצר, און איז צוגעגאנגען גלייך צו רבי אליהו, קלאפנדיג אויף זיין פלייצע מיט ליבשאפט: רבי אליהו! – ס'זעט אויס אז דו האסט שוין יוצא געווען די עבודה פונעם היינטיגן טאג, בהידור רב! יעצט איז שוין געקומען די צייט צו טראכטן פון אהיימגיין!

צום וואונדער פון אלע פארזאמלטע, האט רבי אליהו אים געענטפערט, פארוואונדערט: וויאזוי קען איך דען פארלאזן דעם הייליגן ציון, ווען איך האב נאכנישט געזען רבי שמעון זי"ע?

האט אים רבי אשר זעליג זצוק"ל גלייך געענטפערט: דו ווייסט דאך אבער, אז רבי שמעון קען מען אויך זען אינדערהיים, און מ'דארף נישט ווארטן אויף אים דווקא דא"!

ומי יבוא בסוד קדושים.

[קונטרס "טיב מירון"]

-> • <-

הגאון המפורסם רבי פנחס עפשטיין זצ"ל, דער ראב"ד פון עיר הקודש ירושלים תובב"א, האט זיך נישט געפירט צו פארן קיין מירון אום ל"ג בעומר. איין יאר האט ער געדארפט וויכטיג פארן אין דעם טאג צו א דארף אינעם גליל העליון, כדי דארט מסדר צו זיין די השגחה פארן ארטיגן בית השחיטה, אלס זיין אמט אינעם וועד הכשרות פונעם בית דין צדק.

מטעם העדה החרדית האט מען צוגעשטעלט פארן רב מיט זיינע באגלייטער, א ספעציעלן אויטא וואס זאל זיי פירן אהין און צוריק. ווען דער אראבישער דרייווער איז געקומען צום רב, צו באשטימען דעם סדר פון די נסיעה, האט ער געוואוסט אז אין דעם טאג נעמען זיך צוזאם פילע אידן אין מירון, און ער האט געמיינט אז אוודאי וועט דער גרויסער רב אויך וועלן אנקומען קיין מירון. האט ער אים געזאגט, אז ער פון זיין זייט איז גרייט צו קומען מארגן גלייך אינדערפרי, כדי מען זאל אניאגן אנצוקומען קיין מירון, ווייל פון יענעם דארף ביז קיין מירון איז נישט זייער ווייט.

האט רבי פינחס מורא געהאט, אז אויב וועט ער זאגן פארן אראבישן דרייווער אז ער וויל נישט פארן קיין מירון, קען עס זיין א חילול השם, וויבאלד דער גוי וועט נישט פארשטיין פארוואס דער רב דרייט זיך ארויס פון א נסיעה וואס אזויפיל אידן זענען אזוי מקפיד דערויף. דעריבער האט דער רב באשלאסן, אז וויבאלד ער גייט זיך געפינען אזוי נאנט צום הייליגן ארט, וועט ער שוין פארן אויך קיין מירון.

ווען דער רב איז אנגעקומען קיין מירון, איז ער אזוי באגייסטערט געווארן פון די געוואלדיגע התעוררות אויפן ארט, סיי פון די יום־כיפור'דיגע תפילות און בכיות אינעווייניג אינעם מערה, און סיי פון די שמחת תורה'דיגע טענץ אינעם חצר, אז ער האט זיך שפעטער אנגערופן צו זיינע מקורבים: נאכדעם וואס איך האב מיט די אייגענע אויגן געזען וויאזוי מירון זעט אויס אום ל"ג בעומר, וואלט איך זיך זייער געפריידט אז עס זאל זיך מיר מאכן יעדן יאר אזא געלעגנהייט!...

[מתוך קובץ שיחות "פרטיות" דף פ"ה]

-> • <-

מורינו הרב רבי אורי שיינבערגער זצ"ל, מיקירי קרתא דשופריא, פלעגט אסאך פארן אויף די קברי צדיקים און מקומות הקדושים, און האט זייער מקפיד געווען צו קומען יעדן יאר ל"ג בעומר קיין מירון! אויך ווען אזא נסיעה איז געווען געבינדן מיט גרויסע שוועריגקייטן, פלעגט ער פארן קיין מירון מיט מסירות נפש, און האט זיך געפריידט דארט צו באגעגענען די גרויסע תלמידי חכמים און צדיקים פונעם פריערדיגן דור, מיט וועמען ער איז געווען שטארק באפריינדעט און געבינדן. [ער האט אויך זייער מקפיד געווען נישט צו פארן אהין בחינם, נאר פאר די פולע פרייז! אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין זוהר הקדוש (ח"ב דף קכח ע"א), זע טיב המעשיות ח"ג (דף ל"ח)].

האט ער מיר דערציילט, אז איינמאל, זייענדיג ל"ג בעומר אין מירון, איז ער געגאנגען כאפן א קורצן דרימל אין איינע פון די צימערן אויפן ציון, און אט זעט ער אין חלום דעם צדיק רבי הירש לייב ליפל זצ"ל [דער רבי פון רבי שמואל שפירא זצ"ל, באוואוסטער מנהיג דחסידי ברסלב אין ירושלים], ווי ער טאנצט אינעם חצר המערה אנגעטון אין ווייסע קליידער!

דאס איז שוין געווען אסאך יארן נאך די פטירה פון רבי הירש לייב, און ער איז שוין לאנג געווען אויפן עולם האמת. רבי אורי איז שטארק דערציטערט געווארן, און האט אים געפרעגט מיט פחד: וויאזוי ביסטו אנגעקומען אהער? עס איז דאך שוין אסאך יארן פון דיין פטירה?

האט אים רבי הירש לייב געענטפערט: וויסן זאלסטו, אז ווער עס האט אכטונג געגעבן ביי זיין לעבן צו קומען אויפן יומא דהילולא צום הייליגן ציון פון רבי שמעון, דער איז זוכה אויך אויפן עולם העליון צו זיין ביי רבי שמעון! און וויסן זאלסטו אז אין דעם הייליגן טאג, איז דער הייליגער ארט פול מיט די נשמות הצדיקים פון אויבן, וואס קומען זיך צוזאם לכבוד די הילולא קדישא דבר יוחאי!!!

דאס אלעס האט מיר רבי אורי אליין שפעטער דערציילט!

[מתוך קובץ שיחות "כלליות" דף קכ"א]

-> • <-

הרב הקדוש בעל "אמרי אמת", דער גערער רבי זצוק"ל, איז אמאל אנגעקומען זיך משתטח זיין אין מירון ביים הייליגן ציון פון דער תנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי זיע"א. ער איז צוגעגאנגען מיט שנעלע טריט, ווי דער שטייגער אין גער, און האט זיך פארזוימט פאר גאר א קורצע צייט ביים ציון, און נאכן בעטן א קורצע תפילה איז ער גלייך ארויסגעגאנגען פונעם מערה.

ארויסגייענדיג, האט ער באמערקט ווי די פארזאמלטע זענען פארוואונדערט פארוואס ער איז ארויסגעגאנגען גלייך נאכן אריינגיין... האט ער זיך געווענדן צו זיי און ערקלערט מיט זיין באוואוסטן חריפות, באגלייט מיט א הייליגן שמייכל: פון דא גייען מיר גלייך צו רבי שמעון אין די גמרא...

מיינענדיג דערמיט, אז דער עיקר התקשרות פון די נשמה מיטן תנא האלקי רשב"י זי"ע, דארף זיין דווקא דורכן לערנען די הייליגע גמרא! [זע אינעם הייליגן תניא, אגרת הקודש פרק כ"ו].

[קונטרס "טיב מירון"]

על הברכה יעמדו

התורמים להפצת העלון

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט

לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל סייער נלב"ע י"ג אלול תשפ"ג תנצב"ה

יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פז

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפס[ה]

[A]nyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173

פרשת אמור

ראשית קצירכם - דער אויבערשטער געפינט זיך מיט מיר און ער היט מיך

'והבאתם את עומר ראשית קצירכם אל הכהן' (כג, י).

ערקלערט דער מהר"ל מפראג זצ"ל ('אור חדש', מגילת אסתר ו, יא), דעם עומר ברענגט מען אין די טעג פון חודש ניסן, באַלד נאָך דעם ווי עס ענדיגן זיך די ווינטער-טעג, און די רעגנס וואָס קומען דעמאָלס אַראָפּ. די פרוכט און שפּראָצונגען ווערן דעמאָלס פאַרטיג אויף די פעלדער, און דער מענטש איז פיל מיט די ברכה פון דעם אויבערשטען. איז דאָך דאָ אַ חשש, אַז עס קען זיך אַריינכאַפּן אַ מחשבה אינעם מענטש צו טראַכטן, אַז די פירות און תבואות האָבן געוואַקסן און געשפּראָצט לויט די 'נאַטור' פון דער וועלט, דורך די רעגנס וואָס זענען גורם אַז די ערד זאָל אַרויסגעבן פרוכט און תבואות.

צוליב דעם האָט דער אויבערשטער באַפוילן די מצוה פון ביכורים, צו ברענגען אין בית המקדש די ערשטע תבואה וואָס איז געשניטן געוואָרן אויפ'ן פעלד, כדי איינצוואָרצלען אין אונזערע הערצער און מוחות אַז דער אויבערשטער איז דער הערשער איבער די גאַנצע נאַטור פון דער וועלט. גאָרנישט וואַקסט נישט פון די רעגנס, נאָר מיט דעם ווילן[א] פון דעם אויבערשטען ברוך הוא[ב]. ער איז דער 'משיב הרוח', און 'מוריד

א. דאָס זעלבע איז לגבי אַלע ענינים פון פרנסה ביי אַ מענטש. אפי' אויב עס דאַכט זיך איהם אַז די 'השתדלות' איז דאָס וואָס האָט פאַרגרעסערט זיין פרנסה, איז באמת אַלעס אויפ'ן באַפעל פון דעם אויבערשטען. דער מענטש זעלבסט, טוט גאָרנישט.

דער גאון בעל 'בית הלוי' זצ"ל האָט אַמאָל געפרעגט איינע פון זיינע געוועזענע תלמידים, וואָס ער טוט. האָט דער תלמיד געענטפערט, אַז ער האָט אַ געשעפט פון צוקער צוזאַמען מיט זיין שוואָגער, און פון דעם געשעפט האָט ער זיין פרנסה. האָט דער 'בית הלוי' איהם געפרעגט אַ צווייטן מאָל וואָס ער טוט, און דער תלמיד האָט ווידעראַמאָל געענטפערט אַז ער פראָדוצירט צוקער צוזאַמען מיט זיין שוואָגער. ווען דער 'בית הלוי' האָט אַ דריטן מאָל איהם געפרעגט די זעלבע פראַגע, וואָס ער טוט, און ער האָט ווידעראַמאָל געענטפערט אַז ער פראָדוצירט צוקער, האָט דער 'בית הלוי' געזאָגט:

- דו מיינסט מסתמא, אַז עס פעלט מיר דאָ עפּעס פאַרשטאַנד צו כאַפּן וואָס דו זאָגסט מיר דאָ. ניין, דו פאַרשטייסט נישט מיין פראַגע: אויב איך וואָלט דיך געפרעגט וואָס **דער אויבערשטער טוט** מיט דיר, וואָלסטו מיר געדאַרפט ענטפערן אַז דו מאַכסט פרנסה פון אַ צוקער פאַבריק, ווייל דאָס טוט דאָך דער אויבערשטער פאַר דיר... איך האָב דיך אָבער געפרעגט וואָס **'דו טוסט'**, און אויף דעם וואָלסטו מיר געדאַרפט ענטפערן וועגן ענינים פון 'יראת שמים', ווי די גמרא זאָגט (ב"מ קז:) 'הכל בידי שמים, חוץ מיראת שמים'.

ב. אַזוי זאָגן די ספרים אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער פרשה (כג, יז) 'ממושבותיכם תביאו לחם תנופה'. דאָס איז מרומז דער ענין פון פרנסה, אַז **אידן דאַרפן וויסן אַז די פרנסה ווענדעט זיך אינגאַנצן נישט אינעם מענטשן'ס אַקטיוויטעטן, נאָר ס'איז פון הימל** - 'והעושר והכבוד מלפניך'. דער מענטש וואָס וויל פאַרגרעסערן זיין קצבה פון פרנסה, וועט גאָרנישט פאַרדינען פון האַנדלען מער און פון טוהן מער השתדלות. די איינציגע עצה פאַר איהם איז, 'לבוא אל המלך ולהתחנן לו', און בעטן דעם באַשעפער ער זאָל איהם געבן פרנסה.

ס'איז דער שטייגער פון מענטשן צו זאָגן וועגן איינעם וואָס האָט געלט, 'אויף וויפיל (געלט) זיצט ער'. דאָס איז מרומז אין פסוק: **'ממושבותיכם'** בלשון שאלה. פון אייער פרנסה, **'תביאו לחם'**? וועט איר ברענגען ברויט? ניין, נאָר **'תנופה'**, אותיות **'תנו פה'** - איר זאָלט 'געבן' דאָס מויל... דאָס הייסט, איר זאָלט מתפלל זיין צו דעם אויבערשטען. אַזוי וועט איר פועל'ן אַז מ'זאָל אייך אַראָפּשיקן פון הימל פרנסה, 'לחם לאכול ובגד ללבוש'.

הגשם׳, און ער באַפעלט פאַר דער ערד אַרויסצוגעבן פון זיך אַלע שפּראָצונגען און געוויקסן[ג].

לויט דעם יסוד, טייטשט דער מהר"ל וואָס די גמרא דערציילט (מגילה טז.) אַז ווען המן איז געקומען אָנטוהן מרדכי'ן דעם 'לבוש מלכות', און איהם צו פירן אויפ'ן קייסערליכן פערד, איז ער אַריינגעגאַנגען אין בית המדרש וואו מרדכי הצדיק האָט געלערנט מיט תלמידים, און ער האָט געהערט ווי מרדכי לערנט די הלכות פון 'קמיצה'. זאָגט רש"י, מרדכי האָט גע'דרש'ענט 'בענינו של יום'. ס'איז דאָך געווען דער זעכצטענטער טאָג פון חודש ניסן, וואָס איז דער טאָג ווען מ'טוט אויפהייבן דעם 'עומר'. האָט המן געפרעגט מרדכי'ס תלמידים וואָס זיי לערנען, און זיי האָבן איהם געענטפערט, אַז ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען, איז יעדער וואָס האָט געברענגט אַ נדבה אַ קרבן מנחה, האָט ער געברענגט אַ פולן 'קומץ' מיט מעהל, און ווען ער האָט מקריב געווען דעם קומץ, האָט ער געהאַט אַ כפרה. האָט המן געזאָגט צו די תלמידים, דער פולער 'קומץ' פון אייער מעהל, איז געקומען און האָט אַוועקגעשטופט מיינע צען טויזנט זילבערנע שטיקער וואָס איך האָב געגעבן פאַר אחשוורוש.

פרעגט דער מהר"ל ז"ל, פון וואו האָט המן הרשע געוואוסט אַז דווקא די דאָזיגע מצוה פון ברענגען דעם עומר, האָט געזיגט קעגן זיין גזירה, און האָט אַוועקגעשטופט זיינע צען טויזנט זילבערנע שטיקער, און נישט די אַנדערע מצוות וואָס די אידן האָבן געטוהן?

ענטפערט דער מהר"ל, דורכ'ן ברענגען דעם עומר נעמען מיר אָן דעם אויבערשטען פאַר אונזער באשעפער, אַז ער איז דער וואָס פירט די נאַטור פון דעם וועלט און ער איז דער האַר פון די טבע. וויבאַלד המן הרשע האָט געזעהן אַז די אידן אנערקענען אַז עס איז נישט פאַרהאַן אויף דער וועלט קיין טבע, און זיי ווייסן אַז אַלעס ווערט געטוהן דורך דעם אויבערשטען, האָבן ער פאַרשטאַנען אַז דער אויבערשטער וועט זיי ווייזן אַז ער פירט טאַקע די וועלט, און ער וועט טוישן פאַר זיי די גאַנצע טבע, און בטל מאַכן די גזירות און די דינים, און אַזוי וועט אַנטפּלעקט ווערן אויף דער וועלט דעם אויבערשטען'ס כבוד.

יא, דאס איז דער מציאות, ווען דער מענטש גלייבט אין דעם אויבערשטען דאַן טוהן אַלע דינים און גלות'ן בטל ווערן 'כאין וכאפס'[ד]. אַזוי שרייבט דער 'שפת אמת' זי"ע (פ' ויחי תרל"א, ד"ה 'אא"ז') אויף די ווערטער פון חז"ל (פסחים נו.) אויפ'ן פסוק (בראשית מט, א) 'ויקרא יעקב אל בניו ויאמר האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים'. זאָגט די גמרא,

---

ג. הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט אויף די ווערטער פון חז"ל (שבת לא.) וואָס זיי דרש'ענען דעם פסוק (ישעיה לג, ו) 'והיה אמונת עתך חוסן ישועות חכמה ודעת'. זאָגט די גמרא, 'אמונת' זה סדר זרעים, 'עתך' זה סדר מועד וכו'. זאָגט תוספות (ד"ה 'אמונת') אין נאָמען פון ירושלמי, אַז דערפאַר איז 'אמונת' מרמז אויף 'סדר זרעים', ווייל 'שמאמין בחי העולמים וזורע'. דער מענטש גלייבט אין דעם באַשעפער פון דער וועלט, און ער טוט איינזייען זיינע תבואות. דאַרף מען פאַרשטיין, בפשטות וואָלט געווען מער מסתבר צו זאָגן אַז דער מענטש וואָס אַרבעט נישט איז אַ גרעסער מאמין אין דעם אויבערשטער ווי דער מענטש וואָס אַרבעט יא.

זאָגט דער 'חידושי הרי"ם', אַז 'מאמין בחי עולמים וזורע', מיינט, אַז **כאָטש ער אַרבעט אויפ'ן פעלד, ער אַקערט און ער זייט די תבואה, אָבער ער גלייבט אַז נישט זיין אַרבעט ברענגט איהם די פרנסה, נאָר דער אויבערשטער איז דער וואָס גיט איהם פרנסה.** דער באַשעפער איז זן ומפרנס 'מקרני ראמים ועד ביצי כינים'. אַזאַ **איינער וואָס אַרבעט אויפ'ן פעלד און גלייבט אַז מיט דעם אַלעם, איז דער אויבערשטער דער וואָס גיט איהם זיין פרנסה, איז מער ווי איינער וואָס אַרבעט אינגאַנצן נישט**, ער זייט נישט און אַקערט נישט דאָס פעלד, וואָס ער האָט דאָך באמת נישט אויף וועמען אָנצוהענגען זיין פרנסה, נאָר אויף דעם אויבערשטען. דאָס איז דער רמז 'אמונת זה סדר זרעים', אַז אויך דאָרט וואו ער איז זיך משתדל פאַר פרנסה, ווערט ער נישט נכשל מיט אַ היפוך אמונה, ווייל ער ווייסט אַז **די השתדלות איז נישט מער ווי אַ הכרח וואָס ער מוז טוהן, אָבער נישט אַז עס ברענגט איהם די פרנסה.** ('ספר הזכות', פ' שלח)

ד. אַ איד האָט זיך אויסגעוויינט פאַר דעם הייליגן אריז"ל, אַז ער ליידט זייער פון זיין 'אשה רעה'. זיי געבט איהם ממש 'מרורות'. האָט דער אר"י הקדוש איהם געזאָגט, אַז וויבאַלד אין פריערדיגן גלגול האָט ער איר געפייניגט,

ער איז איר ׳דערגאַנגען די יאָרן׳, און אין דעם גלגול, דאַרף זי דיך פייניגן, ווייל מיט דעם וואָס זי פייניגט דיך יעצט, ראַטעוועט מען דיך מדינה של גיהנום. ווען דער איד האָט געהערט דעם אריז״ל׳ס ווערטער, האָט ער עס אָנגענומען מיט ליבשאַפט, ווויסנדיג אַז זי ראַטעוועט איהם פון גיהנום, מיט אירע פייניגונגען. אדרבה, ער האָט געהאַט פאַר איר אַ ׳הכרת הטוב׳, אַז זי ראַטעוועט איהם פון גיהנום... עד כדי כך, אַז ער האָט איר געקויפט שיינע מתנות.

די פרוי האָט זיך זייער געוואונדערט דערויף, וואָס איז פלוצלינג געשעהן, אַז אין דער צייט ווען זי פייניגט איהם אַזוי, קויפט ער פאַר איר גאָר שיינע מתנות... לכתחילה, האָט ער איר נישט געוואָלט ענטפערן ווען זי האָט איהם געפרעגט, אָבער ווען זי האָט איהם געמוטשעט דערויף אַז ער זאָל איר אויסזאָגן דעם ׳סוד׳, האָט דער מאַן איר דערציילט וואָס דער אריז״ל האָט איהם געזאָגט, אַז זי ראַטעוועט איהם (מיט אירע פייניגונגען) פון שווערע עונשים אין גיהנום, און דעריבער, אַלס ׳הכרת הטוב׳, קויפט ער פאַר איר מתנות...

ווען זי האָט דאָס געהערט, האָט זי מיר אירע שלעכטע מדות, געטראַכט ביי זיך, ׳איך וועל דיך נישט ראַטעווען פון גיהנום!׳, און זי האָט איהם אויפגעהערט צו פייניגן. איז דער מאַן געגאַנגען מיט אַ געוויין צום אר״י הקדוש, רבי, זי האָט אויפגעהערט מיך צו פייניגן, און וואָס וועט מיך פון יעצט אָן, ראַטעווען פון גיהנום? האָט דער אריז״ל איהם געלאָזט וויסן, אַז זיין תיקון האָט זיך געענדיגט, און ער דאַרף שוין נישט אָנקומען צו די יסורים פון אירע פייניגונגען.

דאַרף מען פאַרשטיין די מעשה, ווען ער האָט זיך געפלאָגט מיט איר, האָט זיך נאָך נישט געענדיגט זיין תיקון, און פונקט ווען זי איז געוואָרן בעסער, האָט זיך געענדיגט דער תיקון?

נאָר וואָס דען, דער ׳אור החיים׳ הקדוש זי״ע איז מאריך אין פרשת ויגש, אויף די ווערטער פון די גמרא ׳סמא דיסורי קבולי׳, אַז דער **׳מעדיצין׳ וואָס נעמט אַוועק אַנדערע יסורים איז, ווען מ׳נעמט עס אָן מיט ליבשאַפט. דעריבער, אין דער מינוט וואָס דער מאַן האָט אָנגעהויבן אָננעמען די יסורים באהבה, זענען די יסורים אַוועקגעגאַנגען.**

דער ׳אַלטער׳ זצ״ל פון נאַוואַרדאָק, רעדט אַרום באריכות דאָס ענין. די יסורים וואָס אַ מענטשליידט זענען אַ כפרה אויף זיינע עבירות, אָבער אויב ער האָט אמונה און בטחון, האָט ער דאָך אַוודאי אַ כפרת עוונות, ווייל ס׳איז דאָך נישט מעגליך אַז אמונה און בטחון זאָל זיין ווייניגער חשוב אין הימל ווי דער צער...

לעניננו, **יעדער האָט דאָך עפּעס אַ ׳רודף׳ וואָס פייניגט איהם.** אַוודאי האָבן מיר נישט אַ הייליגן אריז״ל וואָס זאָל אונז זאָגן דעם סוד פון אַלעם, אָבער מיר האָבן דאָך אויך היינט די הייליגע גמרא, וואָס זאָגט אונז אַז **דער עיקר איז מקבל צו זיין באהבה, און צו גלייבן אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, און אַז מ׳דאַרף אייביג זאָגן ׳כל מה דעביד רחמנא לטב עביד׳. ס׳איז נישט געשען דורך ׳פלוני׳, און דורך ׳אלמוני׳, נאָר דער באַשעפער, ׳הוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים׳. ווען דער מענטש חזר׳ט דאָס גוט איין, און ער פאַרשטייט אַז אַלעס איז פאַר זיין טובה, קומט ער צו צום תכלית, ׳למען תדע כי אני ה׳ בקרב הארץ׳.**

מיר האָבן געהערט פון אַ גרויסן פּסיכאָלאָג אין בית שמש, אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט ביי איהם. עס זעהט אפשר אויס ווי אַ ׳ווערטל׳, אָבער ס׳איז אַ ׳מעשה שהיה׳. אַ פרוי האָט זיך באַקלאָגט פאַר דעם פּסיכאָלאָג, אַז נישט נאָר וואָס איר מאַן העלפט נישט אַרויס אין הויז, נאָר ער שעצט איר בכלל נישט. עס האָט איר זייער וויי געטוהן דער פאַקט אַז ער מאַכט זיך נישט וויסנדיג. האָט דער פּסיכאָלאָג געשיקט רופן דעם מאַן, און ער האָט איהם געזאָגט אַז ער דאַרף אַרויסווייזן שעצונג און הכרת הטוב פאַר איר. ׳דו האָסט חתונה געהאַט מיט אַ בשר ודם... דו מעגסט איר זאָגן אַמאָל אַ פּאָר גוטע ווערטער, אָדער קויף פאַר איר אַ מתנה, אויסצודרוקן דיין הכרת הטוב׳. עס האָט אויסגעזעהן אין די אויגן פון דעם פּסיכאָלאָג, אַז זיינע ׳דברים היוצאים מן הלב׳, זענען געווען ׳נכנסים אל הלב׳ פון דעם יונגערמאַן.

אַ צייט שפּעטער, איז זי צוריקגעקומען צו דעם פּסיכאָלאָג און געזאָגט אַז ער האָט נישט געטוישט זיין צוגאַנג. ער מאַכט זיך ווייטער נישט וויסנדיג... האָט דער פּסיכאָלאָג נאָך אַמאָל גערופן דעם יונגערמאַן, און איהם געפרעגט, היתכן, עס האָט זיך גאָרנישט געריררט ביי דיר?!.. זאָגט דער יונגערמאַן: וואָס הייסט, עס האָט זיך גאָרנישט גערירט? איך ווייס דאָך נישט ווען עס איז איר געבורטסטאָג, ווען עס איז דער יאָרטאָג פון אונזער חתונה, ווען זי אַרבעט שווער, און ווען זי אַרבעט לייכט... האָב איך אָנגעפילט די שאַפע מיט מתנות וואָס איך האָב איר געקויפט, און איך האָב דאָרט אויך אַריינגעלייגט בריוו פאַר יעדע געלעגנהייט. איך האָב איר געזאָגט, אַז ווען זי דאַרף, צום ביישפּיל, ווען עס וועט געבוירן ווערן ביי אונז מיט׳ן אויבערשטען׳ס הילף אַ קינד, זאָל זי נעמען די מתנה מיט דעם בריוו... צו איר יום הולדת, זאָל זי נעמען יענעם בריוו מיט די מתנה, א.א.וו.

אז יעקב אבינו ע"ה האט געוואלט אנטפלעקן פאר זיינע קינדער דעם 'קץ הימין' פון די גאולה, און די שכינה האט זיך אפגעטוהן פון איהם.

זאגט דער 'שפת אמת', יעקב האט געוואלט אנטפלעקן פאר זיינע קינדער אז דער אויבערשטער כביכול געפינט זיך מיט אונז אויך אין גלות, און אלעס איז פון זיין כוח, נאר עס איז באהאלטן. אויב זיי וואלטן משיג געווען און פארשטאנען אט די ידיעה, וואלט דאך ממילא בטל געווארן פון זיי די גזירה פון 'גלות', ווייל אויב מ'זעהט דעם אויבערשטען אין יעדן ארט, ווערט דאך דאס נישט גערעכנט אלס א גלות, ווייל ווען א מענטש ווייסט אז עס איז נישט מער ווי א הסתר און א העלם, ווערן ממילא בטל אלע דינים און הסתרים, און עס ווערט אנטפלעקט דער אור פון דעם באשעפער[ה]. צוליב דעם האט די שכינה זיך אפגעטוהן פון איהם, ווייל עס איז געווען דער רצון פון דעם אויבערשטען אז די אידן זאלן חלילה דארפן זיין אין גלות.

דער זוהר הקדוש (ח"א רלד:) זאגט אבער, אז באמת האט יעקב אבינו ע"ה יא אנטפלעקט וואס ער האט געוואלט אנטפלעקן, נאר ס'איז געווען באהאלטן אין זיינע ווערטער. זאגט דער 'שפת אמת', אז פונדעסטוועגן, דורך די אמונה וואס אידן גלייבן אז עס איז נישט דא א כח אויסער דער כח פון דעם אויבערשטען, נאר אלעס איז א 'הסתר', כאטש מ'זעהט עס נישט קלאר, פונדעסטוועגן, דורך אמונה, קען מען זעהן דעם אמת, עכל"ק.

דאס הייסט, ווען דער מענטש שטארקט זיך מיט ריינע אמונה אז אלעס איז פון דעם אויבערשטען, ווערט נתגלה דער קץ, און עס ווערט בטל דער גאנצער גלות.

להזהיר גדולים - די קינדער ווערן ערצויגן לויט די מעשים פון די עלטערן

'**אמור** אל הכהנים בני אהרן ואמרת אליהם' (כא, א). זאגט רש"י: 'אמור ואמרת - להזהיר גדולים על הקטנים'[ו].

אט אזא פנים האט א מענטש וואס האט נישט קיין געפיל פאר אנדערע מענטשן. דאס זעלבע איז 'בין אדם למקום'. דער מענטש לערנט, ער דאווענט, און ער לייגט עס אריין אין 'שאפע' צעטעלעך... היינט האב איך געלערנט, איך האב געדאווענט, און מקיים געווען די מצוות... **דער אויבערשטער וויל אבער אז ער זאל זיין נאנט צו איהם.** 'היושב ועוסק בתורה, הקדוש ברוך הוא שונה כנגדו'. ער טוט א מצוה, ווערט ער באהאפטן מיט'ן אויבערשטען כביכול ('מצוה' פון לשון 'צוותא'). **דער אויבערשטער וויל בעיקר אונז נאנטקייט צו איהם, נישט סתם מ'זאל 'אנפילן די שאפע' מיט צעטלעך וועגן די מעשים טובים וואס מ'האט געטוהן...**

ה. א יונגערמאן האט אמאל געפרעגט הגה"ח רבי גד'ל אייזנער זצ"ל, ווי אזוי ער האט זיך געהאלטן שטארק אין די צייטן פון דער צווייטער וועלט מלחמה, נאכדעם וואס ער האט גאר אסאך מיטגעמאכט, און אויך האט ער פארלוירן זיין איינציגע טאכטער הי"ד. האט רבי גד'ל אראפגענומען דאס דעקל וואס איז געווען אויף א פלעשל וואס איז געשטאנען אויפ'ן טיש, און ער האט עס באהאלטן צווישן זיינע פינגער. דאן האט ער געזאגט צו דעם יונגערמאן, 'זאג נאר, יונגערמאן, וואו איז די עפענונג פון דאזיגן פלעשל?' האט דער יונגערמאן געענטפערט, 'דער שטאפער באהאלט זיך אונטער די פינגער פון דעם משגיח'.

האט רבי גד'ל איהם ווידער געפרעגט: אויב א מענטש וועט יעצט אריינקומען דא אין שול, און ער וועט זוכן דעם שטאפער פונעם פלעשל, צי דען וועט ער עס געפינען? האט דער יונגערמאן געענטפערט, אז ניין, ער וועט נישט טרעפן דאס דעקל. האט רבי גד'ל ווידער איהם געפרעגט: און אויב ער וועט אויסגעפינען אז דאס דעקל געפינט זיך צווישן מיינע פינגער, וועט ער עס ווייטער זוכן? האט דער יונגערמאן ווידער געענטפערט אז ניין, ער וועט עס נישט זוכן, ווייל אויב ער ווייסט זיכער אז דער שטאפער באהאלט זיך אונטער דעם משגיח'ס פינגער, איז וואס האט ער עס צו זוכן? עס איז דאך דא... האט רבי גד'ל געזאגט:

- אט אזוי, האב איך אדורכגעמאכט די ביטערע צייטן פון דער מלחמה! איך האב געוואוסט אז אויך אין דעם גרויסן 'הסתר פנים', געפינט זיך דער הייליגער באשעפער: 'אכן אתה א-ל מסתתר'. דער אויבערשטער געפינט זיך מיט מיר און ער היט מיך אויף יעדן טריט און שריט, און וויבאלד איך האב געוואוסט אז ער געפינט זיך ממש נעבן מיר (כאטש ער באהאלט זיך כביכול אונטער די אלע צרות), איז ער דאך דא, ממילא, וואס האב איך איהם צו זוכן?!

ו. דא לערנען מיר נאך א 'יסוד' אין דעם ענין פון חינוך הבנים, ווייל לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס האט די תורה מרמז געווען דעם חיוב פון מחנך זיין די קינדער, פונקט דא, אין פרשת אמור, ביי דעם ענין פון טומאת

רש"י וויל אונז דאָ לערנען אַ גרויסן 'יסוד' אין דעם ענין פון חינוך הבנים, אַז דער מענטש וואָס וויל אַז זיינע קינדער זאָלן גיין אויפ'ן דרך התורה והמצוות, דאַרף ער זיך אַליין פירן מיט אַ געהעריגע הנהגה, און זיך היטן מיט די גדרים פון ערליכע אידן, און אַזוי וועט זיין התנהגות ממילא משפיע זיין אויף זיינע קינדער, אַז אויך זאָלן גיין אויפ'ן גוטן וועג אַזוי ווי ער גייט, ווייל ס'איז די נאַטור פון קינדער, צו טוהן אַלעס וואָס דער טאַטע טוט, אָן דעם וואָס דער טאַטע זאָל זיי אפילו זאָגן אַזוי צו טוהן.

כהנים? (מיר געפינען דאָך נישט אַז די תורה זאָל אָנזאָגן 'להזהיר גדולים על הקטנים' ביי אַלע מצוות אין דער תורה, כאָטש אויך דאָרט האָבן די עלטערן אַוודאי אַ חיוב מחנך צו זיין זייערע קינדער, מקיים צו זיין די מצוה).

נאָר דאָ לערנען מיר אַ גרויסן יסוד ווי אַזוי ס'דאַרף צוגיין דער 'להזהיר גדולים על הקטנים'. אויב דאָס קליינע קינד, פון די 'פרחי כהונה', וועט זאָגן צו זיין טאַטן דעם כהן, פאַרוואָס ערלויבסטו מיר נישט זיך צו שפילן מיט די אַנדערע קינדער, וואָס מעגן זיך שפילן מיט היישעריקן און אַנדערע קריכעדיגע שרצים... פאַרוואָס טאָר איך נישט טוהן זאַכן וואָס אַנדערע קינדער מעגן טוהן (זענען זיי דען גוים?...), וועט דער טאַטע איהם ענטפערן מיט ליבשאַפט און זאָגן: טייער קינד, ריכטיג טאַקע אַז זיי מעגן זיך שפילן מיט היישעריקן אָדער אַנדערע שרצים, אָבער מיר האָבן זוכה געווען אַז מיר זענען 'כהנים', און מיר זענען געהייליגט געוואָרן מיט אַ ספּעציעלע קדושה, און וויבאַלד מיר זענען אויסגעוויילט געוואָרן צו זיין דער 'שבט' פון די 'כהונה', 'משרתי א-ל', און מיר טוהען די עבודה פאַר דעם אויבערשטען, האָט דער אויבערשטער אונז אָפּגעשיידט פון יעדער טומאה, און ער האָט אונז אָנגעוואָרנט מיר זאָלן זיך דערוייטערן דערפון מיט אַלע מעגליכע גדרים און סייגים, וויבאַלד מיר האָבן אַזאַ מעלה, העכער פון אַלע אַנדערע שבטים.

דאָס קומט אונז לערנען אַ כלל אין לעבן, אַז ווען מ'וויל איבערגעבן דעם דרך התורה פאַר די קומענדיגע דורות, און מ'וויל מעורר זיין די ווייכע הערצער פון די יונגע 'צאן קדשים', זאָל מען אָנזאָגן די קינדער נאָר אויף אַן אופן וואו מ'טוט אַריינדרינגען אין זייערע הערצער דעם שכל און פאַרשטאַנד אַז ווען מיר האַלטן זיי צוריק פון אַ געוויסער 'שפּילעריי', מ'לאָזט זיי נישט גיין אין געוויסע ערטער, אָדער אַ 'כלי' וואָס 'אין רוח חכמים נוחה הימנו', און דאָס גלייכן, אפילו אויב די שכנים, די חברים און ידידים האַלטן זיך נישט אָפּ דערפון, איז דאָס **נאָר דערפאַר ווייל מיר שטייען אויף אַ העכערע מדריגה ווי זיי, און טאַקע דערפאַר, נאָר ווייל מיר זענען אַזוי חשוב, אַז מיר האָבן זוכה געווען צו זיין פון די בני עליה, טוהען מיר זיך אָפּשיידן מיט צופרידנהייט פון יעדן סרך און נדנוד צו טוהן חלילה זאַכן וואָס זענען פאַרקערט פון גורם זיין אַ נחת רוח פאַר באַשעפער ברוך הוא. מיט אַזעלכע הייליגע געפילן, וועלן אונזערע רייד זיכער אָנגענומען ווערן אין די הערצער פון די יונגע קינדער, און זוכה זיין אז זיי זאָלן זיין 'פרי קודש הילולים', וואָס גייען אויף ערליכן אידישן וועג.**

ז. אַ חשוב'ער יונגערמאַן, הרב א.ח.ש., האָט געאַרבעט אַלס אַ 'מגיד שיעור' אין אַ באַרימטע ישיבה במשך פונעם יאָר, אויסער חודש תשרי, וואָס דאַן האָט ער געהאַנדלט מיט'ן פאַרקויפן אתרוגים אויף סוכות. איין יאָר, האָט ער פאַר די ימים נוראים זיך מזכיר געווען פאַר'ן גערער רבי'ן, הרה"ק בעל 'פני מנחם' זי"ע, אַז היות ער גייט יעצט האַנדלען מיט אתרוגים, בעט ער אַ ברכה אויף הצלחה אין זיין געשעפט. האָט דער 'פני מנחם' איהם געזאָגט:

- וויסן זאָלסטו, אַז נישט נאָר אין חודש תשרי, נאָר אַ גאַנץ יאָר טוסטו זיך באַשעפטיגן מיט 'אתרוגים', דאָס הייסט, **די טייערע בחורים, ריינע נשמות, וואָס מ'דאַרף זיך אָפּגעבן מיט יעדן איינעם פון זיי מיט אַ ספּעציעלע זהירות און היטונג, נישט וויינער ווי ווען מ'גיט זיך אָפּ מיט פאַרקויפן אתרוגים...** פונקט ווי ביי אתרוגים, איז אויך ביי בחורים, ס'איז דאָ בעסערע, און ס'איז דאָ שוואַכערע... דער כלל איז, אַז אַ גוטער סוחר, וועלכער קען גוט זיין פאַך, ווען ער טרעפט אויפ'ן אתרוג אַ 'בלעטל', ווייסט ער ווי אַזוי עס אָפּצוקראַצן און אָפּטוהן דעם 'בלעטל' פונעם אתרוג. אויב ער קראַצט עס אָפּ ווי אַ מומחה, מאַכט ער פון דעם אתרוג אַ 'יופי'... אָבער איינער וואָס איז נישט באַקאַנט מיט דעם אתרוגים-האַנדל, קראַצט ער דעם אתרוג צו-שטאַרק, ביז ער פסל'ט איהם אַז מ'קען עס שוין נישט פאַררעכטן...

דער 'פני מנחם' האָט געמיינט צו זאָגן, אַז עס ליגט אַ גרויסע אחריות אויף דעם מגיד שיעור, צו פאַרוואַנדלען יעדן איינעם פון זיינע תלמידים אין אַ 'יופי', אָדער חלילה פאַרקערט, איהם צו פסל'ען ח"ו.

דאָס איז די כוונה פון די ווערטער פון רש"י, 'להזהיר גדולים על הקטנים'. די עלטערן זאָלן שיינען ('להזהיר', איז פון לשון שיינען) מיט זייער אייגענע אויפפירונג. ממילא, 'על הקטנים' וועלן אויך די קליינע קינדער שיינען מיט אַ הימלישע שיין, אַזוי ווי די עלטערן[ח].

אַזוי געפינען מיר ביי דעם טאַטן פון אידישן פאָלק - אברהם אבינו ע"ה - אַז ווען די דריי מלאכים זענען געקומען צו איהם, זאָגט דער פסוק (בראשית יח, ז) 'ואל הבקר רץ אברהם, ויקח בן בקר רך וטוב ויתן אל הנער, וימהר לעשות אותו'. זאָגט רש"י, אַז דאָס

ח. אַזוי זאָגן די ספרים אויף די ווערטער פונעם 'מגיד' אין די הגדה של פסח: 'כנגד ארבעה בנים דיברה תורה, אחד חכם, ואחד רשע, ואחד תם, ואחד שאינו יודע לשאול'. לכאורה וואָלט ער געדאַרפט זאָגן אַ 'דבר והיפוכו', און אויב ער רעדט וועגן דעם רשע, דאַרף ער פריער זאָגן 'אחד צדיק', נישט 'אחד חכם'. נאָר דער 'חכם' פון די הגדה, איז אַ רמז אויף איינעם וואָס איז 'צו-קלוג', ער טוט זיך 'איבערקליגן', און ער פרעגט דעריבער, 'מה העדות והחקים והמשפטים אשר צוה ה' אלוקינו אתכם'. וואָרנט איהם דער 'בעל הגדה', אַז אויב דער טאַטע טוט זיך 'איבערקליגן', וועט זיין זון שוין זיין 'אַזוי קלוג', אַז ער וועט אַרויסגיין לתרבות רעה רח"ל און ער וועט פאַרדינען דעם 'טיטל' 'רשע', און דאָס אייניקל (דער זון פונעם רשע) וועט שוין זיין אַ 'תם', און זיין זון נאָך איהם וועט שוין גאָרנישט וויסן פון די מסורה פון די עלטערן, ער וועט שוין גאָרנישט קענען פרעגן, ווייל אַזוי איז דער שטייגער פונעם זון, צו זיך פירן אַזוי ווי זיין טאַטע פירט זיך.

די גמרא זאָגט (ב"ק צז:) אַז די מטבע פון אברהם אבינו ע"ה איז געווען, אַ 'זקן' און אַ 'זקינה' פון איין זייט, און אַ 'בחור' און אַ 'מיידל' פון די צווייטע זייט. קען מען זאָגן על דרך רמז, אַז די זעלבע 'מטבע' פונעם דעם זקן און די זקינה, וועלן האָבן דער 'בחור' און די 'בתולה'. דאָס הייסט, די קומענדיגע דורות וועלן זיך פירן מיט די זעלבע 'מטבע' ווי דער זיידע און די באָבע. ס'איז נישט מעגליך אַז דער זיידע זאָל האָבן איין 'מטבע', דאָס הייסט איין וועג פון פירן זיך, און דער בחור - דער זון אָדער דאָס אייניקל - זאָל האָבן אַן אַנדערע 'מטבע'... **דער טאַטע און דער זיידע קענען נישט פאַרלאַנגען פון זייער זין און אייניקל זאַכן וואָס זיי אַליין טוהען עס נישט. ווי אַזוי קען דער טאַטע פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל טוהן וואָס זיין האַרץ גליסט, אבער זיינע קינדער זאָלן זיך פירן בדרך הישר...?! דער זון טוט נאָר דאָס וואָס ער זעהט מיט זיינע אויגן ביים טאַטן...**

הגה"צ רבי יעקב גאַלינסקי זצ"ל האָט געזאָגט אַ משל וועגן די וואָס פאַרלאַנגען פון זייערע קינדער צו האָבן מעלות וואָס זיי אַליין פאַרמאָגן נישט, און זיי טוהען גרינגשעצן דערין אין דער עפענטליכקייט. ס'איז געווען אַן אָרימער גוי וועלכער האָט געהאַט קנאה אויף זיינע 'קאָלעגן' (להבדיל) - די אידישע אָרימעלייט. זעהענדיג אַז טראָץ זייער אָרימקייט, האָבן די אידישע אָרימעלייט שטענדיג עטליכע פרוטות אין טאַש. האָט דער גוי זיך באַפריינדעט מיט איינע פון די אָרימע אידן, און יענער האָט ביי אַ געלעגנהייט איהם דערציילט דעם סוד, אַז זיי גייען אַרום איבער די שטיבלעך אינדערפרי און ביינאַכט, אויסשטרעקן די האַנט פאַר אַ נדבה, און פון דאָרט נעמען זיי אָט די פרוטות מיט וועלכע זיי דערהאַלטן זיך ביים לעבן...

האָט דער גוי אָנגעטוהן אידישע קליידער, און ער איז געגאַנגען אין שול, און אויסגעשטרעקט זיין האַנט. ער האָט טאַקע אָנגעפילט זיינע הענט און טאַשן מיט 'קלינגענדיגע' מטבעות. אין אַ טאָג, האָט ער געהערט ווי איינער פון די געלט-גייער רופט אויס הויך: רבותי, הערט נאָר, איך בין אַ גר צדק, און די תורה זאָגט אָן 48 מאָל, אַז מ'דאַרף ליב האָבן דעם גר. ממילא, איז אַ גרויסע מצוה מיך צו שטיצן 'בעין יפה'... ווען דער גוי האָט געהערט די ווערטער, האָט ער צומאָרגנס אויך אויסגערופן אין שול, אַז ער איז אַ 'גר צדק'. זיינע 'הכנסות' זענען טאַקע געוואַקסן אויף אַ פילפאַכיגן אופן.

צוויי וואָכן שפעטער, האָט ער געהערט ווי איינער קלאַפּט אויס אויף די 'בימה' אין שול איידער מ'האָט אָנגעהויבן 'אשרי ובא לציון', אַז ער איז אַן אייניקל פונעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע, און ס'איז אַ גרויסער זכות צו שטיצן די אייניקלעך פונעם בעל שם טוב הקדוש. האָט דער גוי באַשלאָסן אַרויפצושפּרינגען אויף 'ביידע מציאות' צוזאַם, און ער האָט אויסגערופן אין שול: 'אידן, רחמנים בני רחמנים, נישט יעדן טאָג קומט אונטער פאַר אייך אַזאַ זכות... איך בין אַ 'גר צדק', און אויך אַן אייניקל פונעם בעל שם טוב הקדוש'... איבעריג צו זאָגן, אַז די אידן זענען איהם באַפאַלן און ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון שול.

האָט רבי יאַנקעלע גאַלינסקי אויסגעפירט: די 'סתירה' וואָס דער גר האָט זיך סותר געווען, האָט גורם געווען אַז דער גאַנצער עולם זאָל אָפּלאַכן פון איהם און איהם פאַרטרייבן פון שול. אָט אַזוי ממש זעהט עס אויס ווען קינדער זעהען די פאַרשידענע 'סתירות' אין דער הנהגות פון זייערע עלטערן.

ס'איז באַקאַנט וואָס די וועלט זאָגט בדרך הלצה, אויפ'ן פסוק (בראשית יב, ג) 'ונברכו בך כל משפחות האדמה'. זאָגט רש"י, 'אדם אומר לבנו, תהא כאברהם'. אַ מענטש זאָגט צו זיין זון, דו זאָלסט זיין אַזוי ווי אברהם. זאָגט מען אַ ווערטל, אַז רש"י זאָגט דאָס לשון 'תהא כאברהם', און נישט ווי יצחק און ווי יעקב, אַז עס קומט מרמז צו זיין אויף אַ טאַטן וואָס ער אַליין וויל זיך נישט פירן ערליך און גוט, נאָר ער וויל אָבער אַז זיין זון זאָל יאָ גיין בדרך הישר. זאָגט ער איהם: 'תהא כאברהם' - דו זאָלסט זיין אַזוי ווי אברהם, וואָס אברהם'ס טאַטע האָט זיך אויפגעפירט ווי אַ תרח', און דער זון האָט זיך געפירט אַזוי ווי אברהם...

צוליב דעם טעם ווערט מסכת אבות גערופן מיט'ן נאָמען 'אבות', ווייל דער גאַנצער מהות און לימוד פון די דאָזיגע מסכתא, איז דאָך צו לערנען אידן ווי אַזוי זיך צו פירן, און דער וועג מחנך צו זיין די קינדער זיך צו פירן מיט גוטע מדות, איז **דורך 'אבות' - דער טאַטע זאָל פאַררעכטן זיינע מדות, און דאַן וועלן זיינע קינדער גיין אויפ'ן זעלבן וועג**, אַזוי ווי מיר געפינען טאַקע אַסאַך מאָל אין מסכת אבות דאָס לשון "הוא היה אומר' וואָס צדיקים האָבן עס געטייטשט: **'הוא' - זיין אייגענער מהות, וואָס ער איז. 'אומר' - דאָס זאָגט ער - פאַר זיינע קינדער...**

דער וויזשניצער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי חיים' זי"ע, האָט געטייטשט דעם פסוק אין דער הייניגער סדרה (כג, מ) 'ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר'. זאָגט רש"י, אַז דער 'פרי עץ הדר' איז דער אתרוג, וואָס 'טעם עצו ופריו שוה'. דאָס האָלץ און די פרוכט פונעם בוים האָבן דעם זעלבן טעם.

זאָגט דער 'אמרי חיים', אַז אין דעם איז מרומז, אַז ווען עס איז 'עצו ופריו שוים'. די דורות - דער טאַטע און דער זון - זאָלן זיין גלייך און ענליך אין זייער ערליכקייט. דאַן איז עס אַ 'הדר'. ענליכע ווערטער שרייבט דער מאַטערסדאָרפער רב, הגאון רבי שמואל עהרענפעלד זצ"ל פון אַמעריקע, אין ספר 'שם משמואל', אַז דער אתרוג איז מרמז אויף די קינדער, זיי זאָלן נישט פאַרלאָזן דעם דרך פון זייערע עלטערן.

דאָס איז דאָך דער נוסח פון די ברכה וואָס מיר זאָגן ביי ברכת האילנות (ברכות מג:): 'ברוך שלא חיסר בעולמו כלום וברא בו בריות טובות ואילנות טובות'. דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ שייכות האָבן די 'גוטע באַשעפענישן' (בריות טובות) צו ברכת האילנות, די ברכה וואָס מיר מאַכן אויף די ביימער, וואָס גיבן אַרויס פירות?

איז דער תירוץ, אַז דאָס קומט מרמז צו זיין פאַר דעם מענטש וואָס ער וויל פאַרשטיין דעם סוד ווי אַזוי ס'איז געוואַקסן אַזאַ שיינער בוים מיט אַזעלכע שיינע פירות, אויף דעם זאָגט מען, **וויסן זאָלסטו אַז דער בוים איז געוואַקסן אַדאַנק די 'בריות טובות'. גוטע מענטשן האָבן עס איינגעפלאַנצט און אָנגעטרינקען. זיי האָבן זיך געפלאָגט און 'געשוויצט' צו מאַכן דעם בוים וואַקסן און אַרויסגעבן גוטע פירות, און אַזוי איז אויסגעוואַקסן אַ שיינער בוים.**

דאָס זעלבע קען מען זאָגן פאַר אַלע וואָס ווילן ערציען ערליכע קינדער, אַז **די עלטערן וואָס זענען 'בריות טובות'. זיי לייגן אַריין כוחות ביים ערציען זייערע קינדער - סיי דורך מתפלל זיין פאַר זיי, און סיי מיט זייערע אייגענע גוטע מעשים, צוזאַמען מיט פעולות פון חינוך, וועלן בעזרת השי"ת אַרויסקומען פון זיי גוטע פרוכטן, לתפארת כרם בית ישראל** (אַוודאי איז נישט קיין ספק, אַז צו אַלעם דאַרף מען האָבן סייעתא דשמיא, און מ'דאַרף פאַרגיסן הייסע טרערן ביים דאַווענען, אָבער עס פאָדערט זיך פון די עלטערן צו טוהן אַלעס מעגליכעס, און דער אויבערשטער וועט העלפן).

מיר האָבן געהערט פון אַ צדיק, אַ כוונה אין די ווערטער פון רש"י, 'להזהיר גדולים על הקטנים', אַז דאָס איז דער אופן פון חינוך. די 'גדולים' - די עלטערן, אָדער די מחנכים, זאָלן באַלייכטן די וועגן פון די קטנים, **מיט'ן עצם זיין 'גדולים'**. דאָס הייסט, זיי זאָלן זיך פירן ווי ס'דאַרף צו זיין, און זאָלן זיין אַנדערש מיט זייער התנהגות, ווי די התנהגות פון די קליינע, ווייל פון איין זייט דאַרף מען טאַקע געבן פאַר די יונגע קינדער אַ געפיל פון גרויס קירבות, און פון דער צווייטער זייט, דאַרפן זיין קלאָר די גרעניצן און די חילוקים צווישן אַ 'גדול' און אַ 'קטן'.

[אגב, מ'דערציילט אַז אַמאָל ביים 'סדר' פונעם קאָצקער רבי'ן זי"ע פסח ביינאַכט, האָט איינער פון די אָנוועזענדע חסידים געוואָלט מעסטן דעם שיעור פון די האַלבע מצה, וואָס דער קאָצקער רבי האָט אָפּגעבראָכן, צו באַהאַלטן די גרעסערע העלפט פאַר'ן 'אפיקומן'. האָט דער קאָצקער רבי זי"ע איהם געזאָגט מיט זיין שאַרפן נוסח: 'אַ גדול וואָס מ'דאַרף איהם מעסטן, איז נישט אַ גדול, נאָר אַ קטן'...].

אַזוי האָט געזאָגט דער משגיח הגה"צ רבי אליהו אליעזר דעסלער זצ"ל, אַז ווען אַ מענטש וויל קומען און אַרויסנעמען זיין חבר פון אַ טיפן גרוב, זאָל ער ענדערש זיך אַוועקשטעלן אויבן ביים ברעג פונעם גרוב, און זיך

וואָרט 'הנער' גייט אַרויף אויף ישמעאל, ער איז געווען דאָס 'יונגל' וועלכן אברהם האָט געשיקט ברענגען דאָס פלייש. אברהם האָט איהם געגעבן דעם 'בן הבקר', כדי איהם צו ערציען ער זאָל מקיים זיין די מצוות.

דאַרף מען לכאורה פאַרשטיין, אויב אברהם האָט געוואָלט ערציען ישמעאל אַז ער זאָל זיך געוואוינען מקיים צו זיין אַ מצוה, פאַרוואָס איז אברהם אַליין געלאָפן נעמען 'אל הבקר'. ער האָט דאָך געקענט שיקן ישמעאל, כדי איהם צו געוואוינען מקיים צו זיין די מצוות?

איז דער תירוץ, אַז אדרבה, ווען דער טאַטע וויל אַז זיין זון זאָל נתחנך ווערן מקיים צו זיין מצוות, דאַרף ער אַליין לויפן ווען עס קומט צו אַ מצוה! מיט דעם גופא, האָט אברהם אבינו ע"ה מקיים געווען דעם ענין פון חינוך פאַר זיין זון ישמעאל, ווייל ווען אַ קינד זעהט ווי אַזוי זיין טאַטע לויפט מקיים צו זיין אַ מצוה, מיט אַ התלהבות און ליבשאַפט פאַר די מצוה, קומען אַריין אויך אין דעם קינד הייליגע געפילן, און אויך דער זון וועט זיך פירן אַזוי ווי זיין טאַטע האָט זיך געפירט[ט].

דער אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין צו מאַכן די ריכטיגע הכנה צו דעם הייליגן טאָג פון די הילולא פון רבי שמעון בר יוחאי, און דער באַשעפער זאָל עפענען פאַר אונז די טויערן פון הימל אָנצונעמען

אָנשטרענגען אַרויפצופירן דעם אַריינגעפאַלענעם צו זיך, אפילו אויב ער איז נישט זיכער אַז עס וועט איהם געלינגען איהם אַרויסצונעמען פון גרוב, ענדערש ווי אַראָפּצולאָזן זיך אונטן אינעם גרוב, כדי אַרויסצונעמען יענעם פון דאָרט, ווייל דאַן איז דאָ אַ געפאַר אַז אויך ער וועט פאַרבלייבן אינעם טיפן גרוב...

אַ יונגער בחור האָט אַמאָל געפרעגט דעם סטייפּעלער גאון זצ"ל, צי ס'איז כדאי פאַר איהם זיך אָנצושליסן אין די טעג פון 'בין הזמנים', אין דער באַקאַנטער אָרגאַניזאַציע 'פעילים', וואו מ'גיט זיך אָפּ מיט מקרב זיין צו אידישקייט דערווייטערטע פון שמירת התורה והמצוות, און זיי צורעדן צו שיקן זייערע קינדער אין ערליכע חינוך-מוסדות. דער סטייפּעלער האָט איהם אָבער נישט געגעבן רשות דערויף, זאָגנדיג אַז דאָס קען איהם שטערן אין דעם סדר פון זיינע לימודים אין די ישיבה. האָט דער בחור זיך געוואונדערט: 'איך האָב דאָך געפרעגט וועגן די טעג פון 'בין הזמנים', ווען עס גייען נישט אָן די סדרים אין ישיבה געהעריג'.

האָט דער סטייפּעלער אָנגעכאַפּט די פעדימער פון די ציצית אויף זיין 'טלית קטן', און ער האָט געוויזן פאַר דעם בחור דעם 'שמש' - דער לאַנגער פאָדים מיט וועלכן מ'דרייט די 'כריכות' אַרום די פעדימער פון די ציצית, און ער האָט געזאָגט צו דעם בחור: 'אָט זעהסטו, דער דאָזיגער פאָדים איז דאָך געווען אַסאַך לענגער ווי די אַנדערע פעדימער פון די ציצית. נאָר וויבאַלד ער האָט זיך אַסאַך געדרייט אַרום זיי, כדי זיי מזכה צו זיין, איז ער געבליבן קליין אַזוי ווי זיי...'. (אַוודאי מיינען מיר נישט דאָ צו פאַרמינערן חלילה אַפילו אויף אַ 'כהוא זה' די חשיבות פון איינעם וואָס איז עוסק אין 'קירוב רחוקים', צו דערנענטערן אַנדערע אידן צום דרך ה', אַזוי ווי דער זוהר הקדוש לויבט זיי שטאַרק אויס, אָבער למעשה, דאַרף יעדער איינער פרעגן אַ 'שאלת חכם', לויט זיין אָרט און צייט).

ט. אַזוי טייטשט כ"ק אדמו"ר מקאַלוב שליט"א לרפו"ש, דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כא, טו) **'ולא יחלל זרעו בעמיו'**, וואָס די ספרים הקדושים זאָגן, אַז **'בעמיו'**, איז פון לשון **פאַרלאָשנקייט**, אַזוי ווי 'גחלים עוממות' - קוילן וואָס האַלטן זיך ביים פאַרלעשן. **קומט דער פסוק אָנזאָגן די עלטערן פון קינדער, זיי זאָלן טוהן זייער עבודת הקודש מיט אַ התלהבות און אַ 'ברען' - נישט 'פאַרלאָשן' - ווייל נאָר אויף דעם אופן, וועט דער 'פייער' פון קדושה זיך אָנכאַפּן אויך אין די הערצער פון די קינדער.** אָבער אויב זיי וועלן זיך נישט אויפפירן אַזוי, נאָר זיי וועלן מקיים זיין די מצוות מיט 'קאַלטקייט' (עס וועט זיין אַזוי ווי 'גלחים עוממות'), וועלן די קינדער אויך נישט האָבן חשק און אַ רצון צו גיין אויפ'ן ערליכן אידישן וועג.

דאָס איז די כוונה פונעם פסוק, 'ולא יחלל זרעו בעמיו'. ער זאָל נישט חלילה פאַרשוועכן זיינע קינדער דורך דעם וואָס ער אַליין פירט זיך אויף אַן אופן פון 'פאַרלאָשנקייט' ח"ו... ווייל מיט דעם פאַרשוועכט ער זיי רח"ל, נאָר ער זאָל אָנצינדן אַ פייער פון השתוקקות און התלהבות. 'להזהיר גדולים על הקטנים'.

אַ טאַטע און זיין זון זענען אַמאָל געגאַנגען אויף די גאַסן פון ירושלים עיר הקודש. גייענדיג, זענען זיי פאַרביי געגאַנגען אַן אַראַבער וואָס האָט פאַרקויפט 'אבטיח' (מעלאָנעס), און דער אַראַבער האָט אויסגערופן (וועלנדיג צוציהען קונים): 'אבטיח... אבטיח אדום ומתוק... אבטיח בלא גרעינים... אבטיח על הסכין...' ('רויטע און זיסע מעלאָנעס... מעלאָנעס אָן קערנדלעך... מעלאָנעס אויפ'ן מעסער'...). גייענדיג ווייטער, האָט דער פאָטער געהערט ווי זיין זון שרייט נאָך וואָרט ביי

אונזערע תפילות, און מיר זאָלן זוכה זיין צו מאַכן די געהעריגע הכנה צו קבלת התורה, ולטהרינו ולקדשינו בקדושתך העליונה, מיט רפואות און ישועות לנו ולכל ישראל, אמן׳.

וואָרט, די ווערטער פון דעם אַראַבער: ׳אבטיח... אבטיח אדום ומתוק... אבטיח בלא גרעינים... אבטיח על הסכין׳...

איז דער טאַטע שפעטער געגאַנגען צו איינע פון די דעמאָלסדיגע גדולים אין ירושלים קרתא דשופריא, און זיך באַקלאָגט פאַר איהם, אַז עס זעהט איהם אויס אַז זיין זון האָט חלילה אַ געוויסן פגם אין זיין נשמה. און ער האָט זיך אויסגעשמועסט: יעדן טאָג לערן איך מיט מיין זון פרקים משניות. איך פלאָג זיך זייער שטאַרק מיט איהם, ער געדענקט נישט אַפילו איין וואָרט וואָס איך לערן מיט איהם. ווען ער זאָגט אַרויס דאָס וואָרט ׳קורין׳, האָט ער שוין לאַנג פאַרגעסן דאָס פריערדיגע וואָרט, ׳מאימתי׳. און דאָ, האָט ער קוים איינמאָל געהערט דעם אַראַבער ווי ער רופט אויס ווי גוט עס זענען זיינע מעלאָנעס, און די ווערטער פון דעם אַראַבער האָבן זיך עפּעס יאָ גוט איינגעקריצט אין זיין מוח, און ער האַלט אין איין נאָכזאָגן זיינע ווערטער, וואָרט ביי וואָרט... האָט דער גדול באַרואיגט דעם טאַטן, זאָגנדיג:

- ׳לא מיניה ולא מקצתיה׳... נאָר דער אַראַבער מאַכט זיינע אויסרופן פון די טיפענישן פון זיין האַרץ, ווייל ער דאַרף דאָך פאַרקויפן די מעלאָנעס, כדי צו פאַרדינען אַ פּאָר פרוטות צו שפייזן זיך און זיין הויז געזינד, און מיר ווייסן דאָך אז ׳דברים היוצאים מן הלב, נכנסים אל הלב׳... ווערטער וואָס קומען אַרויס פון די טיפענישן פון האַרץ, גייען אַריין אין דעם האַרץ פון צווייטן. דערפאַר האָט דיין זון איהם געקענט נאָכזאָגן וואָרט ביי וואָרט. דאָס זעלבע איז ביים לערנען (להבדיל). אויב דו וואָלסט געלערנט מיט דיין זון ׳מיט׳ן גאַנצן האַרץ׳, דו וואָלסט ׳געפלאַקערט׳ ביים אַרויסזאָגן יעדעס וואָרט פון די הייליגע תנאים אין דער משנה, און דו וואָלסט עס נישט געזאָגט ׳מן השפה ולחוץ׳, וואָלטן דיינע ווערטער געוואָרן איינגעקריצט אין האַרץ פון דיין קינד, און ער וואָלט עס געדענקט אָן שוועריגקייטן. ממילא, איז נישטאָ אַ ׳פגם׳ חלילה אין דער נשמה פון דיין זון, נאָר דער פגם איז גאָר אין דיר אַליין, אַז דו גיסט איהם נישט איבער דיינע ווערטער מיט אַ ׳פלאַם׳...

לדידן ייאמר. אויב דער טאַטע איז מקיים די מצוות מיט אַ ׳פלאַם פייער׳, דאַן ווערט איינגעקריצט אין האַרץ פונעם קינד דער רצון צו דינען דעם אויבערשטען ברוך הוא, מיט׳ן גאַנצן האַרץ.

י. און דער זמן דערפאַר איז חודש אייר, ווי ס׳איז באַקאַנט וואָס צדיקים האָבן געזאָגט, אייר איז ראשי תיבות **א׳ני ה׳ ר׳ופאך.**

בס"ד

פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

אבות פרק ד'

דער סימן אז מען האט דעם אמתן ווילן ביים ברענגען א קרבן

לִרְצֹנְכֶם תָּמִים זָכָר בַּבָּקָר בַּכְּשָׂבִים וּבָעִזִּים: כֹּל אֲשֶׁר בּוֹ מוּם לֹא תַקְרִיבוּ כִּי לֹא לְרָצוֹן יִהְיֶה לָכֶם: וְאִישׁ כִּי־יַקְרִיב זֶבַח שְׁלָמִים לַה' לְפַלֵּא נֶדֶר אוֹ לִנְדָבָה בַּבָּקָר אוֹ בַצֹּאן תָּמִים יִהְיֶה לְרָצוֹן כָּל מוּם לֹא יִהְיֶה בּוֹ: (כב יט–כא) לכאורה זענען די פסוקים אביסל שוועער צו פארשטיין, ווייל אויב די כוונה איז אז מען דארף ברענגען א קרבן ווען עס איז א תמים פארשטייט זיך אז מען טאר נישט ברענגען מיט א מום, אויב אזוי פארוואס חזר'ט איבער דער פסוק כֹּל אֲשֶׁר בּוֹ מוּם לֹא תַקְרִיבוּ? און נאך איז שוועער פארוואס שטייט יִהְיֶה לָכֶם א לשון עתיד? אויך איז א פלא וואס שטייט אין (פסוק כא) תָּמִים יִהְיֶה לְרָצוֹן כָּל מוּם לֹא יִהְיֶה בּוֹ: וועגן וואס דארף דאס שטיין נאכאמאל אז מען טאר נישט מקריב זיין א בעל מום? אויך פארוואס שטייט דארט כָּל מוּם לֹא יִהְיֶה בּוֹ א לשון עתיד? נאר דער טעם פארוואס טאר מען נישט ברענגען א קרבן מיט א מום, שטייט וְכִי תַגִּשׁוּן עִוֵּר לִזְבֹּחַ אֵין רָע וְכִי תַגִּישׁוּ פִּסֵּחַ וְחֹלֶה אֵין רָע הַקְרִיבֵהוּ נָא לְפֶחָתֶךָ הֲיִרְצְךָ אוֹ הֲיִשָּׂא פָנֶיךָ (מלאכי א ח) לְפֶחָתֶךָ מיינט א מושל, וואס א מענטש וועט נישט דערוואגן געבן א מושל א בהמה מיט א מום, איז כ"ש וכ"ש טאר מען נישט מקריב זיין א קרבן פארן אויבערשטן מיט א מום, און ווען א מענטש וועט געבן א קרבן מיט א מום איז א סימן אז ער גיט דאס נישט מיט זיין פולן ווילן, ווייל ווען ער וויל באמת, וואלט ער געגעבן די שענסטע און די בעסטע, איז דאס קען מען זאגן ווען מען וויל ברענגען א קרבן מיט א מום, אבער אויב א מענטש האט מקריב געווען די שענסטע בהמה און פארן מקריב זיין דער קרבן האט דאס באקומען א מום, וואלט מען לכאורה געדארפט דאס מקריב זיין מיטן מום, ווייל ער האט געגעבן מיט זיין פולן ווילינג! מוז מען זאגן אז ווייל די בהמה האט באקומען א מום, איז א סימן אז עס האט געפעלט אין זיין ווילן, דעריבער קען מען דאס נישט מקריב זיין ווייל כדי צו מקריב זיין א קרבן דארף עס זיין לִרְצֹנְכֶם, און דאס שטייט אין פסוק אויב א מענטש וועט מקריב זיין א קרבן לִרְצֹנְכֶם, וועט דאס זיין תָּמִים, ווייל כֹּל אֲשֶׁר בּוֹ מוּם לֹא תַקְרִיבוּ, ווייל כִּי לֹא לְרָצוֹן יִהְיֶה לָכֶם, ברענגען א בהמה מיט א מום פעלט אין רצון, נאכדעם שטייט ווייטער תָּמִים יִהְיֶה לְרָצוֹן כָּל מוּם לֹא יִהְיֶה בּוֹ: אויב א מענטש ברענגט די קרבן מיטן פולן רצון, דעמאלטס תָּמִים יִהְיֶה, עס וועט בלייבן גאנץ און דאס שטייט כָּל מוּם לֹא "יִהְיֶה" בּוֹ: מיטן פולן רצון וועט נישט ווערן א מום שפעטער, און דאס איז די סימן צו עס איז געווען לִרְצֹנְכֶם, ודו"ק. (קרן לדוד סאטמאר)

דער רמז פון חנוכה און פורים אין די פסוקים

מִחוּץ לְפָרֹכֶת הָעֵדֻת בְּאֹהֶל מוֹעֵד יַעֲרֹךְ אֹתוֹ אַהֲרֹן מֵעֶרֶב עַד בֹּקֶר לִפְנֵי ה' תָּמִיד חֻקַּת עוֹלָם לְדֹרֹתֵיכֶם: עַל הַמְּנֹרָה הַטְּהֹרָה יַעֲרֹךְ אֹתוֹ אַהֲרֹן תָּמִיד: (כד ג–ד) פרעגן די מפרשים פארוואס אין (פסוק ג) שטייט יַעֲרֹךְ אֹתוֹ אַהֲרֹן, און אין (פסוק ד) שטייט יַעֲרֹךְ אֶת הַנֵּרוֹת און מען דערמאנט נישט אהרן? נאר דער הייליגער חת"ם סופר שרייבט אין ספר תורת משה (פ' אמור) אז נאכדעם וואס די תורה רעכנט אויס אלע ימים טובים, איז די תורה אויך מרמז אויף חנוכה און פורים, ווייל די פרשה פון הדלקת המנורה איז מרומז אויף חנוכה, און אין (פסוק ה') שטייט וְלָקַחְתָּ סֹלֶת וְאָפִיתָ, איז מרומז אויף סעודת פורים במאכל ובמשתה עיי"ש. יעצט רש"י אנפאנג בְּהַעֲלֹתְךָ. פרעגט לָמָּה נִסְמְכָה פָּרָשַׁת הַמְּנוֹרָה לְפָרָשַׁת הַנְּשִׂיאִים? און ענטפערט לְפִי שֶׁכְּשֶׁרָאָה אַהֲרֹן חֲנֻכַּת הַנְּשִׂיאִים חָלְשָׁה אָז דַּעְתּוֹ, וכו' אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, חַיֶּיךָ, שֶׁלְּךָ גְּדוֹלָה מִשֶּׁלָּהֶם, שֶׁאַתָּה מַדְלִיק וּמֵטִיב אֶת הַנֵּרוֹת פון מדרש אגדה עכ"ד, און עס שטייט אין רמב"ן וז"ל אבל ענין ההגדה הזו וואס רש"י ברענגט, מיינט צו ווייזן א רמז פון די פרשה אויף "חנוכה של נרות שהיתה בבית שני על ידי אהרן ובניו, רצוני לומר חשמונאי כהן גדול ובניו". שטייט ווייטער "אבל הנרות לעולם אל מול פני המנורה יאירו - וכל הברכות שנתתי לך לברך את בני אינן בטלין לעולם". און דאס מיינט די נרות חנוכה וועט שטענדיג זיין אפילו נאכן חורבן בית המקדש עיי"ש. לפי דעם הקדמה קען מען זאגן אז דאס איז מרומז אין די צוויי פסוקים ווייל לכאורה וואס דער הייליגער חת"ם סופר זאגט אז די פרשה פון מנורה איז מרומז אויף חנוכה, דארף מען פארשטיין ווייל באמת רעדט מען דא וועגן די נרות פון בית המקדש, און וואו איז דער רמז אויף נרות חנוכה? נאר דאס אליין ווייל די תורה חזרט איבער (פסוק ד') עַל הַמְּנֹרָה הַטְּהֹרָה יַעֲרֹךְ אֶת הַנֵּרוֹת לִפְנֵי ה' תָּמִיד: און דא שטייט נישט יַעֲרֹךְ אֹתוֹ אַהֲרֹן, און עס שטייט יַעֲרֹךְ אֹתוֹ אַהֲרֹן, א לשון עתיד, און אויך תָּמִיד, פון דעם פסוק איז דער רמז אויף חנוכה, אזוי ווי דער רמב"ן זאגט אז נרות חנוכה וועט שטענדיג זיין, ממילא קען זיין דרשת חז"ל (ס' מגיד מישרים פון ב"י פ' ויקהל, שו"ע או"ח סי' תרע"ו פון עטרת זקנים) "כל המועדים יהיו בטלים, חוץ מחנוכה ופורים" פון די פסוקים, און עס שטימט מיטן דברי החת"ם סופר. (שמח זבולון תשפ"ג)

א ווינקל אין הלכה

פארוואס מאכט מען נישט א "שהחיינו" אויף ספירת העומר?

עס שטייט אין ביאור הלכה (סימן תפט ד"ה לספור) א מחלוקת הראשונים צו ספירת העומר איז מדאוריתא אדער מדרבנן, די טור און שו"ע און נאך, האלטן עס איז נאר מדרבנן זכר למקדש וואס מען האט מקריב געווען די עומר, אבער אנדערע האלטן אז עס איז מדאורייתא, און וועגן דעם זאל מען נישט ציילן ספירה ביז צאת הכוכבים. און עס שטייט אין דער ר"ן ענדע מסכת **פסחים** און דער **שו"ת הרשב"א** (סימן קכו) ווייל די ציילן איז נאר זכר למקדש, איז דאס א צער פאר אונז אויף ביטול הקרבנות, און א שהחיינו מאכט מען נאר אויף א מצוה וואס האט שמחה, זאגט דער בריסקער רב (חידושי הגרי"ז מנחות סו, א ד"ה בגמרא) אויב ציילן איז זכר למקדש, איז דאס זכר לחורבן, און אויף זכר לחורבן מאכט מען נישט א שהחיינו, דער כף החיים (סימן תפט ס"ק ג) ברענגט שיטת בעל המאור וואס איז געברענגט דארט אין דער ר"ן אז א מצוה וואס איז געמאכט לְזֵכֶר מאכט מען נישט א שהחיינו, און ער ברענגט פון לבוש אז ספירת העומר איז לצורך יום טוב און מען פארלאזט זיך אויף די שהחיינו וואס מען האט געמאכט יו"ט. לפי דעם לבוש, קען מען מחדש זיין ווייל דער הייליגער **רמב"ן** (ויקרא כג לו ד"ה עצרת היא) איז מחדש אז פון יו"ט פסח ביז שבועות איז אזוי ווי איין לאנגע יו"ט, וואס פסח אין דער אנפאנג יו"ט, און שבועות איז די סוף פון יו"ט, און די טעג פון ספירה איז אזוי ווי חול המועד, און זיין ראיה איז ווייל עס שטייט נישט אין די תורה וועלכע טאג אין יאר איז שבועות, נאר עס שטייט מען דארף ציילן פופציג טעג פון פסח און נאכדעם איז יו"ט שבועות, ממילא איז די שהחיינו פון פסח חל אויך אויף ספירת העומר ווייל עס איז נאך א חלק פון יו"ט פסח, און נאכדעם איז שבועות א נייע יו"ט, מאכט מען דעמאלטס א שהחיינו אויף יו"ט. (שמח זבולון תשפ"ג)

מדור העובדות

***** הרה"ק ר' ישראל משטשארטקוב האט דערציילט דער סוד ווי אזוי דער איד איז אויסגעהיילט געווארן *****

דער הייליגער טשארטקובער רבי הרה"ק ר' ישראל פרידמאן זצוק"ל איז געבוירן געווארן (י' באייר תרי"ד) צו זיין הייליגן טאטן הרה"ק ר' דוד משה מטשארטקוב דער זון פון הייליגן ריזינער זיע"א, און ער הייסט נאכן זיידן, ער האט געוואוינט אין טשארטקוב און האט דארטן געפירט די חסידות נאך זיין טאטנ'ס הסתלקות הושענא רבא כ"א תשרי תרס"ד, ר' ישראל איז געווארן א איידעם ביי זיין פעטער הרה"ק ר' אברהם יעקב מסאדיגורא, א זון פון הייליגן ריזינער און א איידעם ביי הרה"ק ר' אהרן מקארלין דער בית אהרן, ר' ישראל האט געהאט אסאך חסידים און צענדליגע גרויסע רבנים זענען געווען זיינע חסידים, הרה"ק ר' מאיר שפירא ראש ישיבת חכמי לובלין איז געווען פון זיינע שטארקע חסידים און געפארן קיין טשארטקוב, און ר' ישראל האט געהאט א קשר מיט ר' מאיר שפירא און געזאגט א פתיחה אין ישיבת חכמי לובלין תר"ץ (געדרוקט אין קובץ יבנה לבוב תר"ץ).

ווען די ערשטע וועלט מלחמה האט זיך אויס געבראכן האט ר' ישראל זיך אריבער געצויגן קיין ווין מיט נאך צדיקים, ווייל עס איז געווען שטיל אין ווין, נאך די מלחמה האט ער מחליט געווען אז ער בלייבט שוין דארטן אין ווין און אויף ימים טובים פלעגט ער צוריק קומען קיין טשארטקוב, און די גאנצע וועג פון ווין קיין טשארטקוב האבן מענטשן געקומען צו אים פאר ברכות און עצות.

ר' ישראל איז געווען א פקח און געהאט אפענע אויגן און דעריבער פלעגט מען קומען צו אים פון אומעטום, הרה"ח ר' שבתי באלד שליט"א האט מיר דערציילט אז עס געווען א וויכוח דעמאלטס אין די בלעטער וועגן די אייפל טורעם אין פאריס אויב עס איז דא א פענצטער אין די אויבערשטער חלק פון טורעם, יעדער האט געהאלטן אנדערש, א אידישע שרייבער איז געקומען צו ר' ישראל זיך דורכרעדן וועגן דעם און האט געפרעגט ר' ישראל צו ער ווייסט עפעס וועגן דעם? און ר' ישראל האט געענטפערט אז עס איז דא א פענסטער אויבן אין טורעם. דער שרייבער האט אים געדאנקט און געוואוסט אז דער רבי רעדט נישט סתם און האט מחליט געווען אז ער גייט טאן אלעם דאס צו מברר זיין, און איז אהין געפארן און געבעטן רשות אז ער אליין שרייבער זאל קענען ארופגיין אויפן העכסטן חלק פון טורעם, און מען האט אים ערלויבט און צו זיין וואונדער האט ער געזען אז עס איז דא א פענסטער!

ווען ער איז צוריק געקומען קיין ווין האט ער דערציילט דעם רבין אז עס איז דא א פענסטער אין טורעם, אבער ער וויל וויסן צו דער רבי איז אמאל געווען דארטן? האט דער רבי געענטפערט יעדן אינדערפרי זענען מיר ממליך דער אויבערשטער אויף די גאנצע וועלט ממילא קוק איך ארום די גאנצע וועלט און איך האב געזען אז עס איז דא א פענסטער דארטן!

דערציילט ר' שבתי שליט"א ווייטער, אז איינע פון די חסידים האט געהאט א פארבינדונג און געמאכט אסאך געשעפטן מיט א אנדערן סוחר אין טשארטקוב און ביידע האבן מצליח געווען, דער חסיד איז מיט געפארן מיטן רבין קיין ווין און געטראפן אנדערע סוחרים צו האנדלען, איין טאג טרעפט ער זיין חבר אין ווין און פרעגט אים וואס טוט ער דא? האט ער געענטפערט אז ל"ע איז ער זייער קראנק און זיין דאקטאר האט אים געשיקט צו א גרויסע פראפעסער אין ווין וואס האט גערעכענט זייער אסאך געלט פאר זיין באהאנדלונג אבער ער האט גארנישט געקענט טאן און געזאגט עס איז נישטא א רפואה פאר מיר.

זאגט אים דער חסיד, אז דו ווייסט דאך אז איך בין א חסיד פון טשארטקבער רבי און ער איז א גרויסער פועל ישועות, לאמיר גיין צו אים ווייל ער איז דא אין ווין, און ער וועט דיר קענען העלפן, דער חבר זאגט אז ער וועט גיין אבער ער גלויבט נישט אז דער רבי וועט אים קענען העלפן ווייל אויב דער גרויסער דאקטער האט אים נישט געקענט העלפן, איז וועלכער דאקטער קען דער רבי דא וואס וועט מיר העלפן, אבער זיי זענען געגאנגען צום רבין און דער רבי פרעגט אים אויס שאלות און רעדט צו אים און נאכן ענדיגן זאגט אים דער רבי איך האב פאר דיר א עצה, אין עק פון שטאט אין דעם און דעם גאס איז דא א דאקטער, גיי צו אים און ער וועט האבן א רפואה פאר דיר, און דער איד דאנקט דעם רבין און מיט גרוים האפענונג נעמט ער א וואגן און פארט אהין צו יענעם דאקטער, דער איד שטעלט אפ דעם וואגן ביים אדרעס, און ער זעט א אלטע פארלאזטע הויז און זאגט דאס קען נישט זיין א גרויסער דאקטער! און ווען ער איז אריין אין שטוב האט ער געזען א שטוב וואס פאסט פאר דעם גרעסטן ארעמאן, מיט לעכער אין די ווענט און אלטע צובראכענער מעבל!

דער דאקטער נעמט אים אויף זייער שיין און באטראכט אים און זאגט אז ער האט פאר אים א רפואה, און פארשרייבט א רעצעפט און גיט אים דאס, דער איד באצאלט אים פאר זיין ארבעט און גייט צום אפטייק און נעמט ארויס דער מעדעצין, און ער נעמט דאס א פאר טעג און ב'ה איז ער געווארן אינגאנצען געזונט, ער איז געגאנגען צום טשארטקבער רבי און דערציילט די גוטע נייעס און באדאנקט דער רבין, אבער ער פרעגט ווי אזוי קען דאס זיין אז די גרעסטער דאקטורים האבן נישט געטראפן א רפואה און דער קליינע דאקטער האט גלייך געפונען א רפואה? האט דער רבי געענטפערט אז עס שטייט אין חז"ל: מכאן שניתן רשות לרופא לרפאות, דער איד האט נישט פארשטאנען וואס דער רבי מיינט, ווייל אויב אזוי פארוואס האבן די גרויסע דאקטורים אים נישט געקענט היילן? איז פונקט ארויס א זון פון רבין און ער פרעגט אים וואס איז פשט אין דעם רבין'ס רייד? האט דער זון געענטפערט אז עס איז פשוט: דער רבי האט דיר קלאר געזאגט "מכאן" דא ביים צדיק איז ניתן רשות לרופא לרפאות, אז דער צדיק איז גוזר איז געווארן א רפואה! דער איד איז ארויס פון התפעלות און געדאנקט דעם רבין זיע"א. דער יארצייט פון ר' ישראל איז י"ג כסלו תרצ"ד, און זיין זון הרה"ק ר' נחום מרדכי איז געווארן זיין ממלא מקום. ער איז ארויף קיין א"י תרצ"ט און זיין יארצייט איז י"ח אדר ב' תש"ו, זיע"א

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לאלפי ספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן-

ספר תורת אביגדור על או"ח ווילנא תרל"א מלא הגהות בלומדות וחסידות שהיה שייך להני גאונים ר' יעקב וויזנפעלד מאפטא וזאקליקוב, ר' מנחם מענדל כהנא מקערעסטיר והגה"צ ר' רפאל בלום מקאשוי **$2000** מכתב קודש הגה"ק ר' שאול בראך כולו כתב ידו **$2900** מכתב חתום הרה"ק ר' ישראל מטשארטקוב בן הרה"ק ר' דוד משה **$3400** בריוו 2 חתימות דמשק אליעזר וויזניץ אויף פאסט קארטל **$1000** בריוון פון וועד הצלה ראטעווען דער הייליגער בעלזער רב זצוק"ל **$5000**, לאנגע בריוו פון הגאון ר' אברהם קאלמאנאוויץ וועגן הצלה **$1000** סעט חומשים ע"ט זיטאמיר **$14000**, סעט חומשים באר מים חיים זיטאמיר **$16000**, ספר עם חתימת הרה"ק ר' נפתלי צבי הורוויץ חתן הרה"ק ר' משה מדרעש **$1200** ספר שאילת יעבץ עם חתימת הגאון ר' שלום גאלדענבערג מסוואליווא ונכדו ר' יצחק אייזיק עפשטיין אב"ד פעטרעווא **$1500** קמיע מר' ישעי' מקערעסטיר זיע"א לשמירה וליולדות **$50000**, תהלים סלאוויטא ר' משה מנ"ך חסר ב' דפים **$16500** סעט זוהר דפוס ר' משה מסלאוויטא חסר רק דף אחרון ח"א **$16500** ספר מגן אברהם טריסק דפו"ר עם הברכה גליונות רחבים **$13000** גמ' מגילה קטן דפוס זיטאמיר **$2200**, ספר נועם מגדים דפוס שני עם חתימות הגאון ר' שמואל אהרן רובין מקארטשין בעל בית אהרן ושם עולם ועוד, גם חתימת בנו וחתנו **$2500** בריוון פון אדמו"ר מתולדות אהרן זצ"ל וועגן א שידוך און ברכות, הגאון ר' חנוך אייגעש דער מרחשת, דברי מלכיאל, סעט אגרות משה עם ב' הקדשות הגאון ר' משה ואחד הקדשת ר' דוד **$2000** דער תפארת איש מנאוואמינסק, ר' שמעון שקאפ, ר' פסח פרוסקין, מהגאון ר' אברהם שפירא מקאוונא, מיר פארקויפן עכט זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און אויך אלטע געלט, עכטע געלט פון די לאגערם ליטזמענשטאדט און טערעזינשטאדט **4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500** **Store Hours are 11:55 -7:30 Fri till 1:30, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website** ***www.seforimworld.com***

ונקדשתי בתוך בני ישראל

די גרויסקייט פון ענטפערן אמן און אמן יהא שמי׳ רבא

"ונקדש תי בתוך בני ישראל" (כג,לב). השי"ת האט אונז באפוילן אז זיין נאמען זאל געהייליגט ווערן צווישן א "מנין" פון כלל ישראל, דורכ'ן זאגן 'קדיש' 'קדושה' און 'ברכו' (עי' 'בעל הטורים'). מיר ווייסן אלע איבער די געוואלדיגע ענינים וואס ווערן אויפגעטון דורכ'ן זאגן דברים שבקדושה, ווי חז"ל לערנען אונז איבער די גרויסע השפעות וואס דאס ברענגט אויף די וועלט און אויף יענע וועלט. די גמרא זאגט אין מסכת שבת (קיט:), **"אמר רבי יהושע בן לוי, כל העונה אמן יהא שמיה רבא מבורך בכל כחו קורעין לו גזר דינו"**. דער וואס זאגט "אמן יהא שמיה רבא" מיט זיין גאנצע כח צורייסט מען פאר אים זיין גזר דין. **"רב חייא בר אבא אמר רבי יוחנן, כל העונה אמן יהא שמיה רבא מבורך בכל כוחו אפילו יש בו שמץ של עבודה זרה מוחלין לו"**. בזכות פון ענטפערן "אמן יהא שמיה רבא" איז השי"ת מוחל אפילו אויף עבודה זרה. ריש לקיש זאגט: **דער וואס ענטפערט "אמן" מיט זיין גאנצע כח עפענט מען פאר אים די טויערן פון גן עדן.** רש"י און תוס' זענען מסביר אז "בכל כוחו" מיינט מיט די גאנצע כוונה. תוס' ברענגט פון 'פסיקתא', אז ווען אידן גייען אריין אין בתי כנסיות און זיי זאגן "אמן יהא שמיה רבה מבורך" בקול רם, טוט דאס מבטל זיין שווערע גזירות.

א סגולה זיך מחזק צו זיין אין אמונה

אמאל האט אן אמעריקאנער ישיבה בחור געשריבן א בריוו צו זיין חבר וועלכע האט געלערנט אין א ישיבה אין ירושלים, און ער האט זיך אויסגערעדט זיין הארץ אז אין די לעצטע תקופה איז ער געשלאגן געווארן מיט נסיונות אין אמונה, און ער דרייט זיך ליידער ארום מיט מחשבות פון כפירה רח"ל, און ער ווייסט נישט וויאזוי פטור צו ווערן פון זיי. דער חבר איז אריין צו **כ"ק אדמו"ר דער 'בית ישראל' פון גור זצוק"ל**, און ער האט אים דערציילט וועגן דעם. (דאס איז געווען שבט תשל"ז, א חודש פאר די הסתלקות פונעם 'בית ישראל' זצוק"ל). דער 'בית ישראל' האט אים געענטפערט: "שרייב צו דיין חבר אז ער זאל זאגן 'אמן יהא שמיה רבה' בקול רם, ווייל די גמרא זאגט אז אפילו מ'האט א שמץ פון עבודה זרה איז השי"ת מוחל בזכות פון ענטפערן איש"ר, איז אויב אזוי וועט דאס זיכער העלפן פאר אים אויך". דער 'בית ישראל' האט צוגעלייגט אז ער זאל שרייבן צו זיין חבר אז ער זאל דאס מפרסם זיין אויך פאר זיינע חבירים.

דאס איז געווען א גרויסע וואונדער, ווייל די דרך פונעם 'בית ישראל' איז נישט געווען צו מפרסם זיין זיינע הוראות, און דא האט ער געהייסן דאס באקאנט צו מאכן פאר אנדערע. ווען די בריוו איז אנגעקומען קיין אמעריקא איז דער 'בית ישראל' שוין מער נישט געווען בין החיים. דעמאלס האבן די חסידים פארשטאנען אז דער רבי האט דאס געהייסן מפרסם זיין כדי די עצה זאל העלפן אויך פאר אנדערע נאך זיין פטירה. (יגדיל תורה בראשית)

אדם אוכל פירותיהם בעולם הזה

אין די צייטן פון **הגה"ק דער 'בן איש חי' זי"ע** האט פאסירט א מעשה פלא, פון וואו מ'זעהט די געוואלדיגע שכר וואס הקב"ה געבט פאר דער וואס ענטפערט "אמן" און "אמן יהא שמי' רבא".

אין די שטאט באגדאד האבן געוואוינט צוויי אידן וואס פאר זייער פרנסה האבן זיי זיך באשעפטיגט מיט'ן קויפן און פארקויפן אלטע קליידער און פארשידענע אלטע ארטיקלען. אמאל האבן זיי זיך דערוואוסט אז ביי א געוויסע פלאץ קען מען קויפן אלטע חפיצים. די צוויי סוחרים האבן זיך אפגעשמועסט א צייט, און זיי זענען ארויסגעפארן אויפ'ן וועג כדי זיך איינצוהאנדלן סחורה. אונטערוועגנס זענען זיי אריבערגעפארן פארנט פון א בית המדרש וואו א איד איז געשטאנען אינדרויסן און ער האט זיי געפרעגט אויב זיי קענען אריינקומען אלס א צענטער צום מנין, כדי זיי זאלן קענען זאגן "קדיש".

איינער פון די צוויי, האט געענטפערט אז ער האט אצינד נישט קיין צייט ווייל ער איילט זיך צו גיין ווייטער אויף זיין וועג. אבער זיין חבר האט זיך פארלאזט אויפ'ן באשעפער אז ער וועט אים שוין צושיקן זיין פרנסה, און ער האט געטראכט אז ער וועט מקיים זיין וואס חז"ל זאגן "מצוה הבא לידך אל תחמיצנה" - א מצוה וואס קומט אהן צו דיין האנט זאלסטו נישט אפשטיפן. ער האט זיך געזעגנט פון זיין חבר, און ער איז אריינגעגאנגען משלים צו זיין די מנין.

ער האט געענטפערט די אמנים פון די "חצי קדיש" וואס מ'האט דארט געזאגט, און ער איז דערנאך ווייטער געגאנגען אויף זיין וועג. ווען ער איז אנגעקומען אהין, האט ער געזעהן אז זיין חבר האט שוין אלעס אפגעקויפט פאר זיך, און פאר אים איז איבערגעבליבן נישט מער ווי עטליכע אלטע ווערטלאזע שמאטעס. ער האט אבער נישט געוואלט אהיימקומען מיט ליידיגע הענט, האט ער בלית ברירה אפגעקויפט די שמאטעס און ער האט זיך געקערט צוריק אהיימצוגיין.

אונטערוועגנס האט ער זיך אפגעשטעלט און ער האט סאָרטירט זיין "סחורה", און צווישן זיי האט ער געפינען אן אלטע אויסגעריבענע קישן וועלכע איז שוין נישט געווען פאסיג צום באניצן. ער האט געטראכט צו זיך אז ער קען מעגליך פארדינען כאטש א קליינע פארדינסט פון די פעדערן פון אינעווייניג. ער האט גענומען א מעסער און ער האט אויפגעשניטן די קישן כדי ארויסצונעמען די פעדערן. אבער ווען ער האט אנגעהויבן צו באטאפן די פעדערן, האט זיין האנט זיך אנגעקלאפט אין א הארטע שטיין. ווען ער האט ארויסגענומען די שטיין האט ער גלייך דערקענט אז דאס איז נישט קיין פשוט'ע שטיין נאר גאר א טייערע פערלשטיין. ער האט זיך גלייך געאיילט צו א פערלשטיין סוחר, און ער האט אים געבעטן אפצושאצן די ווערד פון דעם שטיין. די סוחר האט גענומען די פערלשטיין אין זיין האנט און ער האט דאס באטראכט, און ער איז געווארן באגייסטערט פון איר שיינקייט. אויפ'ן פלאץ האט ער דערלאנגט פאר דעם איד פופציג גאלדענע רענדליך, און ער האט פון אים אפגעקויפט די שטיין. דער איד האט גענומען דאס געלט און ער איז פרייליכערהייט אהיימגעגאנגען. ער האט דערציילט פאר זיין ווייב און קינדער אלעס וואס ס'האט אים פאסירט אויפ'ן וועג, און וויאזוי השי"ת האט אים באגליקט מיט אזא געוואלדיגע מציאה.

אבער ווען זיין פרוי האט געהערט אז דער סוחר האט אפגעקויפט דעם שטיין פאר בלויז פופציג רענדליך האט זי אנגעהויבן צו לייגן דריק אויף אים און זי האט אים געזאגט: "ס'איז א שאד אז דו האסט דאס פארקויפט פאר בלויז פופציג רענדליך! אזא שטיין איז זיכער ווערד פיהל מער פון דעם. קער זיך שוין צוריק צום סוחר, און פארלאנג פון אים אז ער זאל דיר געבן מער געלט פאר'ן שטיין, און אויב ער וויל נישט זאל ער דיר דאס צוריק געבן, און פארקויף עס פאר א צווייטע סוחר פאר פיהל א גרעסערע סומע פון געלט". דער איד האט נישט געוואוסט וואס צו טון, ווייל ער האט נישט געוואלט צוריקציען און פארענדערן פון וואס ער האט אפגעמאכט מיט דער קונה. וויבאלד ער האט אבער נישט געקענט באשליסן וויאזוי זיך צו באגיין מיט דעם, האט ער אפגעמאכט אז ער וועט גיין צו זיין רבי דער 'בן איש חי' זי"ע און ער וועט אים פרעגן וואס ער האלט איבער דעם.

ווען דער 'בן איש חי' האט געהערט די גאנצע געשיכטע, האט ער זיך אנגערופן, און ער האט געזאגט: "דו האסט משלים געווען די 'מנין', און דו האסט געענטפערט פינף אֲמֵנִים פון 'חצי קדיש', און חז"ל זאגן (עי' חולין פז., ב"ק צא:) אז די שכר בעולם הזה פון יעדע 'אמן' איז צען 'זהובים'. קומט אויס אז פאר'ן זאגן פינף אמנים האסטו באקומען פופציג 'זהובים' וואס השי"ת האט דיר געשיקט בעולם הזה. אבער געדענק אז 'הקרן קיימת לו לעולם הבא' - די עיקר שכר וועסטו באקומען אין עולם הבא". (כתר מלוכה עמ' שמ"ז)

א געוואלדיגע טובה פאר די נשמה

ווי גרויס ס'איז די טובה פאר א נשמה צו זאגן 'קדיש' און 'אמן יהא שמיה רבא', און ווי געוואלדיג עס זענען די השפעות טובות וואס ס'ברענגט אויף די וועלט, קען מען זעהן פון די פאלגענדע מעשה וואס **דער ירושלימ'ער רב הגה"ק רבי יוסף חיים זאננענפעלד זי"ע**, האט דערציילט:

אין די שטאט פרעשבורג האט געוואוינט א חשוב'ע פארמעגליכע פרוי וועלכע פלעגט שטיצן די ישיבה מיט גאר שיינע סכומים פון געלט, מיט א תנאי אז מען זאל זאגן קדיש אין די ישיבה "לעילוי ולטובת נשמת" פאר די נשמות וואס האבן נישט ווער ס'זאל זאגן קדיש נאך זיי. די ישיבה האט באשטימט א בחור וועלכע האט גוזאגט קדיש לטובת הנשמות, און אזוי איז דאס אנגעגאנגען פאר פילע יארן.

נאך א שטיק צייט איז איר מאן פריצייטיג נפטר געווארן, און די געשעפט פון וואס זיי האבן געצויגן זייער פרנסה האט זיך צוביסלעך אפגעשוואכט, ביז ווען ס'האט זיך אינגאנצן אפגעשלאסן. די מצב פון די אלמנה איז געווארן זייער ענג, נאך דערצו אז אירע צוויי עלטערע טעכטער האבן אונטערגעוואקסן, אבער זי האט נישט געוואוסט פון וואו זי וועט נעמען דאס געלט זיי חתונה צו מאכן. די אלמנה האט מקבל געווען אירע שוועריגקייטן באהבה, אבער דאס מערסטע האט איר וויי געטון דאס אז זי פארמאגט נישט קיין געלט מנדב צו זיין פאר'ן ישיבה אז זיי זאלן ווייטער זאגן קדיש נאך די עלנדע נשמות.

מיט א צובראָכן האַרץ איז זי ארויף צו די ראשי הישיבה, איז זי האט זיך זייער שטארק געבעטן ביי זיי אז טראץ דעם וואס זי קען אצינד נישט אנגיין מיט אירע ברייטהארציגע נדבות פאר די ישיבה, פונדעסטוועגן זאלן זיי ווייטער פארזעצן צו זאגן קדיש, און האפנטליך וועט השי"ת איר בקרוב אויפרעכטן און זי וועט געהאלפן ווערן מיט א פיינע פרנסה, און דאן וועט זי ווייטער געבן אירע נדבות פאר די ישיבה אזויווי פריער.

די ראשי הישיבה זענען זייער איבערגענומען געווארן פון איר ערליכקייט און פון איר ווארימע געבעט. זיי האבן איר פארזיכערט אז איר געבעט וועט ערפילט ווערן, און אז די 'קדיש זאגן' וועט ווייטער אנגיין אומגעשטערט. די צוזאג פון די ראשי הישיבות האט אריינגעבלאזן אין איר א געפיל פון גליקליכקייט, און זי האט זיך זייער געפרייט אז די קדיש זאגן איז מסודר געווארן. זי האט זיך געשטארקט מיט אמונה און בטחון אז השי"ת דער 'אבי היתומים ודיין אלמנות' וועט זי שוין צושיקן פרנסה, און ער וועט זי זיכער העלפן טרעפן שידוכים פאר אירע קינדער און אלע זייערע געברויכן.

ווען זי איז ארויסגעגאנגען פון די ישיבה, האט זי באגעגענט אין גאס א איד מיט א זעלטענע הדרת פנים, מיט א לאנגע שניי-ווייסע בארד. דער אלטער מכובד'יגער איד האט איר אפגעשטעלט און ער האט איר געפרעגט איבער איר וואוילזיין. זי איז געווארן זייער איבערגענומען פון זיינע ווארימע ווערטער, און פון זיין שטארקע אינטערעסע איבער איר לאגע. זי האט געעפענט איר הארץ פאר דעם אלטן איד, און זי האט אים דערציילט וויאזוי די רעדל האט זיך ביי איר איבערגעדרייט פון רייכקייט צו ארימקייט, און אז זי האט צוויי עלטערע מיידלעך אין שטוב און זי האט נישט קיין געלט זיי חתונה צו מאכן, וואס דאס איז אויסער די אלע אנדערע טאג-טעגליכע אויסגאבן וואס זי קען נישט דעקן.

דער אלטער איד האט איר געפרעגט: "וויפיל געלט דארפסטו האבן כדי צו קענען חתונה מאכן דיינע צוויי קינדער ברווח?" זי האט זיך זייער געוואונדערט אויף זיין שאלה, און זי האט אים געזאגט: "פארוואס איז וויכטיג פאר אייך דאס צו וויסן? מען רעדט פון בערך פופציג טויזענט דאלער!"

אויפ'ן אָרט האט דער איד ארויסגעצויגן א פאפיר פון זיין טאַש, און ער האט אפגעשריבן א בריוו צום באנקיר פון שטאט מיט די ווערטער: "געב איבער פינף טויזענט דאלער פאר די פרוי וואס קומט פאר דיר מיט דעם צעטל". איידער ער האט גע'חתמ'עט אויף די בריוו, האט ער איר געזאגט אז זי זאל גיין צום ישיבה און רופן צוויי בחורים וואס זאלן דינען אלס עדות אז ער האט געשריבן און איר איבערגעגעבן דעם בריוו. די פרוי איז שנעל אריין אינעם ישיבה געביידע, און זי האט ארויסגערופן צוויי בחורים. פאָרנט פון די צוויי עדים, האט דער איד אונטערגעשריבן זיין נאמען אויפ'ן שטר, און דערנאך האבן די צוויי בחורים אונטערגעשריבן. ער האט איר דערלאנגט די בריוו, און ער האט איר געזאגט: "די ערשטע זאך מארגן צופרי, זאלסטו אריינגיין אין די שטאָטישע באַנק און געב איבער דעם בריוו פאר'ן באנקיר. ער וועט דיר שוין געבן די גאנצע סומע פון געלט וואס דו דארפסט".

די גאנצע געשיכטע האט אויסגעזעהן פאר'ן פרוי צו זיין נישט מער ווי א חלום. זי האט געטראכט צו זיך: "ווער איז דער מיסטעריעזער פערזאן וואס איך האב קיינמאל פריער נישט געזעהן? און פארוואס איז ער געווארן אזוי איבערגענומען פון מיין לאגע, אז ער איז גרייט געווען מיר צו שענקען אזא פאנטאסטישע סומע פון געלט אהן דעם וואס ער זאל מיר אפילו פרעגן וויאזוי איך הייס?" דאס האט איר אבער נישט אפגעשטעלט פון צו גיין צום באנק און אויסלייזן דאס געלט. זי האט געטראכט צו זיך: "למעשה האב איך די חתימות פון צוויי עדים, און ווער ווייסט? עפעס קען נאך ווערן דערפון!"

די קומענדיגע צופרי האט זי זיך געאײלט צום באנק, און זי האט איבערגעגעבן די צעטל צו אן ארבעטער אינעם באנק. דער ארבעטער האט גענומען די צעטל אין זיין האנט, און נאכ'ן ליינען זיין אינהאלט האט ער איר אנגעקוקט מיט א פארדעכטיגטער בליק. ער האט נאכאמאל געליינט דעם בריוו, און ער האט איר נאכאמאל באטראכט. דערנאך האט ער איר געזאגט אז זי זאלווארטן אויף אים, און ער וועט דאס איבערגעבן פאר'ן באנקיר. דער ארבעטער האט איבערגעגעבן די בריוו צום באנקיר, און ווען דער באנקיר האט דאס געליינט איז ער גלייך צאמגעפאלן און גע'חלש'ט...

עס איז אנשטאנען א טומל אינעם באנק, און נישט וואוסנדיג וואס דא האט פאסירט האבן די באנק איינגעשטעלטע אריינגעפירט די פרוי אין א זייטיגע שטוב ביז זיי וועלן דערגיין פון וואס דא האנדלט זיך. ווען דער באנקיר איז דערמונטערט געווארן, האט ער געבעטן אז מ'זאל אריינברענגען די פרוי וועלכע האט געברענגט דעם בריוו.

ווען זי איז געקומען האט ער איר געפרעגט: "וויאזוי האסטו באקומען דעם בריוו? און ווער האט דיר דאס געגעבן"? די פרוי האט געענטפערט: "נעכטן האב איך באגעגענט א איד מיט לאנגע ווייסע בארד, און ער האט מיר דאס געגעבן. די צוויי בחורים וואס האבן אונטערגעשריבן אויף די בריוו, קענען קומען עדות זאגן אויף דעם". דער באנקיר האט געפרעגט: "דו געדענקסט אפשר וויאזוי דער עלטערע איד האט אויסגעזעהן? אויב דו וועסט זעהן א בילד פון אים וועסטו אים דערקענען?", "זיכער" - האט זי געענטפערט - "איך בין זיכער אז אויך די בחורים געדענקען גוט וויאזוי ער זעהט אויס".

דער באנקיר האט געהייסן אז מ'זאל אים ברענגען א בילד פון זיין טאטן וועלכע האט געהאנגען אויף די וואנט פון זיין אפיס. ווען מ'האט איר געוויזן דעם בילד, האט זי גלייך פעסטגעשטעלט אז דאס איז דער אלטער איד וואס האט איר געגעבן דעם בריוו.

דער באנקיר האט באפוילן אז מ'זאל איר געבן די גאנצע סומע פון געלט, און ער האט איר אהיימגעשיקט. ווען זי איז ארויס פונעם באנק, האט דער באנקיר געזאגט פאר די באַנק איינגעשטעלטע: "איך וועל אייך ערקלערן וואס ס'האט זיך דא אפגעשפילט. דער אלטער איד וועלכע האט איר געגעבן דעם בריוו, איז נישט קיין אנדערע ווי מיין טאטע וועלכע איז נפטר געווארן פאר צען יאר צוריק. נעכטן נאכט איז ער געקומען צו מיר אין חלום, און ער האט מיר געזאגט: 'זייט ווען דו האסט זיך אפגעקערט פונעם אידיש'ן וועג, און דו היטסט נישט אפ קיין תורה און מצוות רח"ל, און דו זאגסט נישט קיין קדיש נאך מיר, האט מיין נשמה נישט געהאט קיין רוה אויבן אין גן עדן. ביז ווען ס'איז געקומען א פרוי, און זי האט מנדב געווען געלט פאר די ישיבה אז מ'זאל זאגן קדיש פאר די נשמות וואס האבן נישט ווער ס'זאל זאגן קדיש נאך זיי. פון דעמאלס האט מיין נשמה געהאט מנוחה. מארגן וועט די דאזיגע פרוי קומען צו דיר אין באנק מיט א בריוו אז דו זאלסט איר אויסצאלן די אויסגאבן פון די חתונות פון אירע צוויי טעכטער'. איך בין אויפגעשטאנען פון מיין שלאף צוטרייסלט פון די חלום, און איך האב דאס דערציילט פאר מיין פרוי, און זי האט אָפּגעשפעט פון דעם. אבער ווען די פרוי איז ערשינען מיט'ן בריוו אין איר האנט, האב איך געזעהן אז די חלום איז טאקע געווען אן אמת'ע חלום".

הגה"ק רבי יוסף חיים זאננענפעלד זי"ע האט צוגעענדיגט די מעשה און ער האט געזאגט: "ווער זענען געווען די צוויי בחורים וועלכע האבן אונטערגע'חתמ'עט אויף די בריוו? דאס זענען געווען **איך, מיט מיין חבר רבי יהודה גרינוואלד**".

אדאנק די וואונדערליכע געשיכטע, איז דער באנקיר געווארן א פולקאמע בעל תשובה, און זיין גאנצע שטוב האט זיך איבערגעקערט צו א פרומע און ערליכע שטוב, און ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל. (האיש על החומה ח"א. כתר מלוכה עמ' שכ"א)

היכי דמי קידוש השם?

ישראל אשר בך אתפאר

די תורה הקדושה לערנט אונז די וואך אין די פרשה (כב,לב): **"ולא תחללו את שם קדשי ונקדשתי בתוך בני ישראל"**. די 'מצות לא תעשה' פון נישט פארשוועכן די נאמען פון השי"ת, און די 'מצות עשה' פון הייליגן זיין נאמען.

די גמרא אין מסכת יומא (פו.) פרעגט **"היכי דמי חילול השם?"** - וואס מיינט א חילול השם? אביי איז מסביר לויט וואס חז"ל זאגן אויפ'ן פסוק (דברים ו, ה) "ואהבת את ה' אלקיך": די נאמען פון השי"ת זאל באליבט ווערן ביי אנדערע דורך דיר. זאלסט לערנען און באדינען תלמידי חכמים, און האנדלן ערליך און רוהיג מיט מענטשן. וואס זאגן מענטשן אויף אזא איינער? גליקליך איז זיין טאטע, וואס האט אים געלערנט תורה! גליקליך איז זיין רבי, וואס האט אים געלערנט תורה! ווי פאר דער וואס לערנט נישט תורה. דער מענטש האט געלערנט תורה, און זיינע וועגן זענען אזוי שיין, און זיינע מעשים זענען אזוי פיין. אויף אזא איינער זאגט די פסוק (ישעי' מט, ג) **"ויאמר לי עבדי אתה ישראל אשר בך אתפאר"**. הקב"ה זאגט אויף אים: "דו ביסט מיין קנעכט, א איד וואס מיט דיר טו איך מיר בארימען".

זאגן חז"ל ווייטער: אבער דער וואס לערנט תורה, און באדינט תלמידי חכמים, אבער ער האנדלט נישט ערליך, און ער רעדט נישט שיין מיט מענטשן, וואס זאגן מענטשן אויף אים? ווי פאר דער וואס לערנט תורה! ווי פאר זיין טאטע, און פאר זיין רבי, וואס האבן אים געלערנט תורה. קוקט ווי פארקרומט ס'זענען זיינע מעשים, און ווי מיאוס ס'זענען זיינע וועגן.

זיי פירן זיך אויף אזוי שיין!

די מצוה פון מאכן א "קידוש השם" באגלייט אונז שטענדיג טאג טעגליך, אויף יעדע טריט און שריט. מיר האבן די געלעגנהייט מקיים צו זיין די מצוה מיט'ן זיך אויפפירן וויאזוי ס'פאסט זיך פאר א איד, אז ווער ס'זעהט אונז זאָל ארויפקוקן און שעצן א אידיש קינד, די תורה וואס ער לערנט, און אונזער הייליגער באשעפער.

הגה"צ רבי משה אהרן שטערן זצ"ל האט דערציילט: אין יאר תשכ"א ווען מ'האט אויפגעשטעלט א נייע גרויסע בנין פאר די ישיבה פון גייטסהעד אין ענגלאנד, האבן עטליכע גוי'שע שכינים זיך אקעגן געשטעלט. זיי האבן באשלאסן צו זאמלען אינטערשריפטן פון שכינים וואס זענען אקעגן דאס בויען די נייע געביידע, און זיי ווילן דאס אריינגעבן צו די רעגירונג, כדי זיי זאלן נישט געבן ערלויבעניש צו בויען די בנין הישיבה.

די ערשטע צו וועמען זיי האבן זיך געוואָנדן, איז געווען א גלח וואס האט געוואוינט אין די געגנט. צו זייער גרויסע וואונדער, האט די גלח זיי געבעטן צו צושטערן זייער פלאן, און ער האט זיי ערלקערט זאגנדיג: "איך האב זייער ליב די תלמידים פון די ישיבה. איך בין זייער באגייסטערט פון זיי. אלע יארן וואס איך וואוין דא אין געגנט, זעה איך ווי זיי זענען אריינגעטון אין זייער לערנען. איך האב קיינמאל נישט באגעגנט אזאנס אז איין בחור זאל אויפהייבן זיין האנט אויף זיין חבר. אדער קיין שום אנדערע ווילדע זאכן. זייער אויפפירונג איז זייער שיין! איך בין זיי מקנא, מיר האבן נישט אזא פיינע יוגנט...!" פארשטייט זיך אז די 'קידוש השם' וואס איז ארויסגעקומען דורך די בחורים איז געווען גאר גרויס.

אלעס כדי איך זאל נישט צוברענגען א חילול השם

א תלמיד פון תלמוד תורה "עץ חיים" אין ירושלים עיה"ק האט דערציילט: ווען איך בין געווען א קינד און איך האב געלערנט אין חדר, האט אמאל פאסירט אז עטליכע קינדער האבן זיך געקריגט ביים אריינגאנג צום תלמוד תורה. ווען דער מנהל, **הצדיק רבי אריה לעווין זצ"ל** האט דאס געזעהן, האט ער אריינגערופן די קינדער אין חדר. ער האט ארויסגענומען פון די ספרים שאפע א גמרא מסכת יומא, און ער האט אויפגעמישט צו דף פ"ו עמוד א', און ער האט אנגעהויבן פארצולייגען די גמרא וואס רעדט וועגן די עבירה פון חילול ה'. אינמיטן פארלייגען די גמרא, האט רבי אריה אנגעהויבן שרייען, באגלייט מיט הייסע טרערן : "איך בין גרייט אפילו אוועק צו גיין פון די וועלט, אלעס כדי איך זאל נישט צוברענגען א חילול השם!"

ס'איז איבריג צו זאגן - האט דער תלמיד צוגעענדיגט - אז זיינע ווערטער וואס זענען געזאגט געווארן פון טיפן הארצן, האבן איבער געלאזט אויף אונז אלע א שטארקע איינדרוק, און מיר אלע האבן מיטגעוויינט מיט אים... (איש לרעהו)

נישט פארגעסן שטענדיג צו מאכן א קידוש השם

די משנה זאגט די וואך אין פרקי אבות (פ"ד מ"ד): **"רבי יוחנן בן ברוקא אומר, כל המחלל שם שמים בסתר נפרעין ממנו בגלוי. אחד שוגג ואחד מזיד בחילול השם". הגה"ק דער חפץ חיים זי"ע** האט געגעבן צו פארשטיין די הארבקייט פון די עבירה פון "חילול השם", מער פון אנדערע עבירות, מיט א משל.

אמאל איז געווען א קעניג וואס זיין באליבטע זוהן איז אוועק געפארן צו א ווייטע מדינה, און ער האט זיך דאָרט אויפגעהאלטן פאר עטליכע יאר. די קעניג האט זיך זייער שטארק געבענקט נאך זיין זוהן, און ער האט שטענדיג געהאָפט אז ס'זאל שוין קומען די טאג וואס ער וועט זיך נאָכאַמאָל טרעפן מיט זיין באליבטע זוהן.

איין שיינע טאג האט דער זוהן געלאזט וויסן פאר דער קעניג, אז ער גרייט זיך אהיים צו קומען די קומעדיגע וואך. פארשטייט זיך אז דער קעניג'ס שמחה איז געווען גאר גרויס, און מ'האט געמאכט גרויסע הכנות ביים קעניגליכן פאלאץ צו ענטפאנגען די באליבטע "בן מלך". ווען ס'איז אנגעקומען די פרייליכע טאג וואס דער זוהן איז געווען ערווארטעט, האט דער קעניג געשיקט א שיינע פמליא פון זיינע קנעכט און משרתים צום ברעג ים וואו די שיפן קומען אהן, און ער האט זיי באפוילן צו אפנעמען זיין זוהן און אים אהיים ברענגן צום קעניגליכן פאלאץ מיט גרויס כבוד און פראכט, ווי ס'פאסט זיך פאר א בן מלך.

די קעניג האט צוגעלייגט א באפעהל פאר זיינע קנעכט, און ער האט זיי געזאגט: "איינוועגס וויל איך אייך זאגן, אז אויף די זעלבע שיף וואו מיין זוהן געפינט זיך איז פארהאן א זעקל וואס איינער פון מיינע באקאנטע האבן מיר געשיקט. נעמט אפ די זעקל, און ברענגט'ס עס צו מיר".

ווען די באדינער'ס האבן זיך צוריק געקערט צום קעניג, האבן זיי געזאגט: "טייערע קעניג! מיר האבן אויסגעפירט דיין באפעהל. מיר האבן דיר געברענגט די זעקל וואס מ'האט דיר געשיקט פון די ווייטע מדינה".

האט דער קעניג זיי געפרעגט: "און וואו איז מיין זוהן?"

האבן זיי געזאגט: "אוי וויי! דיין זוהן האבן מיר פארגעסן צו ברענגען. אבער מיר האבן כאטש געברענגט די זעקל..."

דער קעניג איז געווארן מלא כעס אויף זיי. ער האט זיך גענומען שרייען קולות: "וויאזוי האט איר געקענט פארגעסן אהיים צו ברענגען מיין זוהן, וואס דאס איז דאך די עיקר וואס איך האב אייך באפוילן?! אויב וואלט איר געברענגט מיין זוהן, און פארגעסן צו ברענגען דעם זעקל, וואלט איך אייך געקענט מוחל זיין. אבער אז איר האט פארגעסן די עיקר, זענט איר זינדיגערס און ווידערשפעניגערס, און איר זענט 'מורדים במלכות'. איר האט גארנישט אויפגעטון מיט'ן ברענגען די זעקל וואס מ'האט מיר געשיקט..."

מיר ווייסן אז הקב"ה האט באשאפן די וועלט, אז ס'זאל ארויס קומען א כבוד שמים פון יעדע זאך, אזויווי די פסוק זאגט (ישעי' מג,ז) **"כל הנקרא בשמי, ולכבודי בראתיו יצרתיו אף עשיתיו"**. שטענדיג דארפן מיר זוכן וועגן, ווי אזוי צו פארמערן כבוד שמים אויף די וועלט, און דאס איז דאך די עיקר וואס מיר דארפן טון אויף די וועלט. דערפאר ווערט נישט אנגענומען קיינע תירוצים ווי, "אוי! איך האב נישט געכאפט", "אוי! איך האב פארגעסן". ווייל מיר זענען אראפגעשיקט געווארן אויף די וועלט צו מאכן א קידוש השם, און נישט ח"ו פארקערט.

א חשבון פון די פארדינסטן און די פארלוסטן

רבי ישראל לוי ע"ה איז געווען פון די גרויסע עשירים אין ירושלים עיה"ק. ער האט מנדב געווען א טייערע ספר תורה צום בית הכנסת פון 'בתיווארשא' אין ירושלים. איין טאג ווען מ'האט געעפענט דעם ארון הקודש, האט מען געזעהן

אז דער טייערע ספר תורה וואס ר' ישראל האט מנדב געווען, געפינט זיך נישט דארט. עס איז ווארשיינליך גע'גנב'עט געווארן.

די משפחה פון ר' ישראל לוי האט שטילערהייט אנגעפירט אן אויספארשונג, מיט'ן ציהל צו דערגיין ווער דער גנב איז, כדי צו קענען צוריק קערן די ספר תורה צו איר הייליגע ארט. נאך א שטיק צייט זענען זיי געקומען אויף די שפירן פונ'ם גנב, און זיי זענען געוואויר געווארן ווער ס'האט אויסגעפירט דער שרעקליכע גניבה.

יעצט אז זיי זענען שוין דערגאנגען ווער דער שולדיגער איז, האבן זיי געפלאנט איבער צו געבן זייערע אינפארמאציע פאר די טערקישע פאליציי – וואס אין יענע צייט האבן זיי געהערשט אין ארץ ישראל – כדי זיי זאלן לייגן א יד אויפ'ן גנב, און אים ברענגען צו גערעכטיגקייט.

ווען די משפחה מיטגלידער האבן איבער געגעבן זייער געדאנק פאר'ן ראש המשפחה רבי ישראל, האט ער נישט מסכים געווען דאס צו טון, אהן דעם וואס מ'וועט פריער פרעגן פון **דער ירושלים'ער רב, הגאון רבי יוסף חיים זוננפלד זצוק"ל**, און הערן זיין הייליגע מיינונג איבער דעם.

עטליכע פון די בני המשפחה זענען אריבער געגאנגען צום ירושלים'ער רב, און זיי האבן אים איבער געגעבן אז זיי ווייסן שוין מיט א זיכערקייט ווער דער גנב איז, און זיי פילן פאר וויכטיג אים איבער צו געבן פאר די פאליציי, ווייל אויב דאס וועט פארשוויגן ווערן, וועט דער גנב באקומען מוט און שטארקייט פארצוזעצן מיט ענליכע גניבות.

הגאון רבי יוסף חיים האט זיך צוגעהערט צו אלע פרטים פון די מעשה, און נאכ'ן זיך איבער טראכטן האט ער זיך אנגערופן צו זיי און געזאגט: "לאמיר אינאיינעם מאכן א חשבון פון די פארדינסטן, און די פארלוסטן פונעם גאנצן געשעפט. אויב מיר וועלן נישט איבער געבן די גנב פאר די פאליציי, וואס וועט פאסירן? ער וועט אוודאי גיין, און פארקויפן די ספר תורה צו איינער וואס איז אינטערעסירט אין דעם. ער אליינס האט דאך נישט וואס צו טון מיט דעם. די ספר תורה וועט אנקומען צו א צווייטע שוהל, און דארט וועט מען מעגליך לייענען אין דער ס"ת, מער ווי מ'האט געלייענט אין דעם אין די 'בתי ווארשא' שוהל וואס איז ב"ה געבענטשט מיט פילע ספרי תורה.

פון די אנדערע זייט, אויב וועט מען איבער געבן די גנב פאר די פאליציי, קען ארויס קומען פון דעם א שרעקליכע חילול השם. ווייל די גוים, און די אנדערע וואס זוכן שלעכטס אויף אונז, וועלן מיט דעם מאכן מטעמים. זיי וועלן ח"ו פארשמירן די נאמען פון אידישע קינדער. און ווער קען דען נעמען אחריות פון די גרויסע חילול השם".

"נאך מער פון דעם" – האט דער ירושלים'ער רב פארגעזעצט – "די טערקן זענען דאך פארדעכטיגט אויף שפיכת דמים ממש. ווער ווייסט אויב דער איד וועט זוכה זיין ארויסצוגיין לעבעדיג פון אונטער זייערע הענט. און דאס וואס איר האט מורא אז אויב מ'וועט מאכן א שווייג, וועט דער גנב ווייטער אנגיין מיט די גניבות - אויף דעם האב איך אן עצה! איך האלט אז מ'זאל שטילערהייט דערציילן פאר'ן גנב, אז מ'איז געקומען אויף זיינע שפירן. עס איז גענוג מיט דעם, אים צוברענגען צו ווערן דערשראקן און ער זאל חרטה האבן. ס'איז מעגליך אז אזוי וועט ער אפילו צוריק קערן די ספר תורה".

פארשטייט זיך אז די בני המשפחה האבן פונקטליך אויסגעפאלגט, און געטון ווי אזוי דער רב האט זיי מייעץ געווען. און אזוי ווי דער רב האט געזאגט, האט טאקע פאסירט: נאך עטליכע וואכן האט דער גנב שטילערהייט צוריק געקערט די ספר תורה צום פלאץ. אהן דעם וואס מ'זאל ח"ו גורם זיין א חילול ה'! (חכמת חיים)

משלים געווען די מנין, און פאַרפאַסט די באן

אמאל האט **הגה"ק דער חפץ חיים זי"ע** זיך זייער געאיילט ארויס צו פארן אויפ'ן וועג. ער האט געדאַרפט אנקומען צום באן סטאנציע וואס פארט קיין ווילנא, וואו ער האט זייער וויכטיג געדארפט אנקומען פאר זייער א וויכטיגע צוועק. אויפ'ן וועג צום באן סטאנציע, האט זיך איינער געקערט צו אים און ער האט אים געבעטן אריינצוקומען משלים צו זיין א מנין צו דאווענען מנחה. דער חפץ חיים האט שוין געהאט געדאווענט מנחה, און די באן האט שוין אט אט געהאלטן ביים ארויספארן.

דער חפץ חיים האט געטראכט: "אויב איך וועל נישט אריינגיין, וועט מען זאגן אז צוליב מיר איז נישט געווען קיין מנין, און דאס וועט ח"ו זיין א חילול ה'".

דער חפץ חיים איז אריינגעגאנגען און משלים געווען די מנין, און ער האט טאקע פארשפעטיגט די באן. דערנאך האט ער געדארפט וואַרטן אין די קעלט פאר עטליכע שעה ביז די קומעדיגע באן איז אנגעקומען. אלעס איז אים ווערד געווען, כדי עס זאל ח"ו נישט ארויסקומען דורך אים א חילול ה'.

ובכל נפשך!

"מסור עצמך וקדש שמי" (רש"י). אין **'תולדות'** פרשת בא (ד"ה בפסוק דבר) שטייט: איך האב געהערט אז א פרוי פון קהלה קדושה מעזיבוז האט געזאגט אין די רוסישע שפראך, "מיר האבן זיך גוט אויסגעוועהלט אונזער גאט. אבער אויך השי"ת האט גוט אויסגעוועהלט אונז אידן, ווייל 'פייבוש קַל', א שוואכער איד, האט געהייליגט די נאמען פון השי"ת", עכ"ל. איך האב געהערט אז די דאזיגע פרוי וועלכע האט געזאגט די מליצה ישרה איז געווען די צדיקת אדל, טאכטער פון **דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע.**

אין ספר 'שמועות טובות' ווערט געברענגט די מעשה פון יענע פייבוש, אז ער איז געווען זייער א פראסטער מענטש, אן איש קל. ער האט געדינט אלס א באדינער ביי א פריץ, און ער איז געווארן זיין "מאשקע". איינמאל זענען עטליכע פריצים געזעצן ביי א באַל, און אינמיטן האט זיך דער פריץ אנגערופן, און ער האט געזאגט: "מיין מאשקע איז אזוי שטארק איבערגעגעבן פאר מיר, אז ס'איז נישט פארהאן זיינס גלייכן אין די גאנצע וועלט. וואס איך וועל אים נאר בעטן, וועט ער מיר נישט אפזאגן. ס'זאל זיין וואס ס'זאל נאר זיין". און אזוי האט ער ווייטער גערעדט און אויסגעלויבט זיין מאשקע, דער 'פייבוש קל'.

זיינע חבירים, די פריצים האבן אים אויף דעם געזאגט: "דו קענסט נאך נישט די נאטור פון די אידן! ווייל אלעס וואס דו וועסט אים בעטן וועט ער דיר טאקע נאכגעבן און פאלגן. אבער אויב דו וועסט אים באפעלן צו בייטן זיין גלויבונג און זיך שמד'ן, וועט ער דיר נישט פאלגן, נאר ער וועט דיר אפזאגן". האט דער פריץ גלייך גערופן פייבוש, און ער האט אים באפוילן אז ער זאל זיך שמד'ן רח"ל. אבער פייבוש האט אים טאקע געענטפערט אז דער זאך קען ער אים נישט פאלגן. האט אים דער פריץ געזאגט אז אויב ער וועט נישט אויספירן זיין באפעל, וועט ער אים הרג'ענען, און ער וועט אים אויפהענגען אויף א בוים. אבער פייבוש האט זיך געהאלטן ביי זיינס אז וואס ס'וועט נאר זיין וועט ער זיך נישט שמד'ן ח"ו, און ער איז געגאנגען צום תלי' בשמחה רבה, און ער האט מקדש געווען שם שמים. און אויף דעם האט די פרוי פון מעזיבוז געזאגט אז 'פייבוש קל' האט מקדש געווען שם שמים. (אמרות טהורות לפ' וארא עמ' פ')

שנראה מעלת חברינו ולא חסרונם

די תורה לערנט אונז די וואך אין די פרשה (כד,כ) **"כאשר יתן מום באדם כן ינתן בו"**. דער **'ברית אברם'** זאגט אז די פסוק איז מרמז וואס חז"ל זאגן (קידושין ע.) 'כל הפוסל במומו פוסל'. און די פסוק זאגט **"כאשר יתן מום באדם"**, די מום וואס א מענטש פסל'ט דערמיט זיין חבר, **"כן ינתן בו"**, דער מום אליינס קען מען געבן אויף אים, ווייל אויב ער פסל'ט איינעם מיט דעם מום, איז זיכער אז ער האט אויך דעם מום.

נאך זאגט דער 'ברית אברם' "א שארפע שמועס", אז א מענטש דארף וויסן אז ווען ער זעהט ביי זיין חבר א נישט גוטע הנהגה און ער פסק'נט אים אפ זאגנדיג אז ס'קומט אים אן עונש אזוי צו אזוי, איז דורך דעם טוט ער מעורר זיין א דין אויף זיך אליינס, אויף דעם פעלער וואס ער אליינס האט. "דאס שאדט אויף צוריק". דערפאר זאל מען זיין געווארנט נישט צו רעדן וועגן די שאנדע פון א צווייטן און נישט אפ'פסק'נען זיין דין.

דאס זאגט די פסוק **"כאשר יתן מום באדם"**, דער עונש וואס ער פסק'נט אפ פאר זיין חבר אז ס'קומט אים פאר דעם פעלער אזוי און אזוי, **"כן ינתן בו"**, אזוי

ווערט ער געשטראָפט ווערן מיט דעם פסק. (אמרות טהורות)

טרעפן די גוט'ס פון יעדן איד ברענגט צו תשובה

אמאל ווען **הגה"ק דער 'חפץ חיים' זצוק"ל** איז ארומגעפארן פארקויפן זיינע ספרים, האט ער זיך באגעגנט אין זיין אכסניא מיט זייער א מגושמ'דיגער איד. דער איד האט געגעסן און געטרינקען ווי א זולל וסובא און נישט געמאכט קיין ברכה, און ער האט זיך אויפגעפירט צו אלע זיינע ארומיגע מיט א פאַרגרעבטקייט. אלע מענטשן האבן זיך זייער דערוויטערט פון אים, וויל זיי האבן נישט געקענט פארטראגן צו זיצן אין זיינע ד' אמות. אבער דער 'חפץ חיים' האט געארבעט צו טרעפן די גוטע חלק אפילו ביי אזא סארט איד. ווען דער 'חפץ חיים' האט זיך נאכגעפרעגט ביים בעל אכסניא, האט ער זיך דערוואוסט אז דער איד איז א קאנטוניסט וועלכע איז פארכאפט געווארן פון זיין משפחה זייענדיג א קליין קינד, און ער האט געדינט אין די מיליטער פון דער צאר ניקאליי פאר צענדליגע יארן.

מיט א שמייכלדיגע פנים האט דער 'חפץ חיים' זיך געקערט צו דעם איד, ער האט אים אויסגעשטרעקט זיין האנט, און ער האט אים געזאגט: "צו דען איז ריכטיג וואס איך האב געהערט אז דו ביסט אויפגעוואקסן צווישן גויים, און דו האסט נישט זוכה געווען צו לערנען אפילו אן אות אחת פון אונזער הייליגע תורה?! די רשעים האבן זיך געשטעלט - נישט איינמאל - דיר אפצוקערן פון די אידישע גלויבונג! דו האסט געליטן פון פייניגונגען און רדיפות, און פונדעסטוועגן ביסטו געבליבן א גלויביגער איד, און דו האסט זיך נישט גע'שמד'ט! דאס איז דאך א גרעסערע נסיון ווי די ניסיון פון חנניא מישאל ועזריה...! גליקלעך וואלט איך געווען, ווען איך וואלט געהאט אזאנע גרויסע זכותים ווי דיר, און איך וואלט געווען א בן עולם הבא אזוי ווי דיר. דיין הערליכע פלאץ אינעם 'עולם האמת' וועט זיכער זיין צווישן די גרויסע הייליגע צדיקים און גאוני עולם..."

ווען דער איד האט זיך דערוואוסט ווער ס'שטייט און רעדט צו אים, האט ער אויסגעבראכן אין א שטארקע געוויין. דער 'חפץ חיים' האט פארגעזעצט: "א מענטש אזויווי דיר, וואס האט זוכה געווען צו גערעכנט ווערן צווישן די קדושים וועלכע האבן זיך מוסר נפש געווען על קידוש השם, אויב דו וואלסט מקבל געווען אויף דיר אז פון יעצט און ווייטער וועסטו אפרעכטן די איבריגע טייל פון דיין לעבן ווי אן ערליכער איד, וואלט נישט געווען קיין גליקליכער מענטש אויף די וועלט מער ווי דיר..."

דער אידישער קאנטוניסט האט נישט פארלאזט דעם 'חפץ חיים' ביז ווען ער איז געווארן אן אמת'ער בעל תשובה און א צדיק גמור.

ביי מיר איז דאס פיקוח נפש!

אמאל האט פאסירט ביי **הגאון רבי איסר זלמן מעלצער זצ"ל ראש ישיבת 'עץ חיים' בירושלים עיה"ק**, אז אמאל אין איינע פון די 'חול המועד' טעג האט ער געבעטן פון זיין תלמיד רבי דוד פינקל אז ער זאל אים ברענגען א פעדער מיט טינט כדי עפעס צו שרייבן. ר' דוד האט פארשטאנען אז אויב דער ראש ישיבה וויל שרייבן אין חול המועד איז דאס זיכער א וויכטיגע זאך, אבער ווייבאלד ר' דוד האט פארשטאנען אז פון יעדע הנהגה פון דער ראש ישיבה קען מען זיך עפעס לערנען, האט ער געגעבן א זאג: "חול המועד"!

"איך האב נישט פארגעסן אז היינט איז חול המועד" - האט דער ראש ישיבה זצ"ל געענטפערט - "אבער איך דארף עפעס שרייבן. זארג דיר נישט, ס'איז גארנישט".

"שרייבן אין חול המועד?" - האט ר' דוד נישט נאכגעלאזט - "צו דען איז עס א 'דָבָר הָאָבֵד'?"

רבי איסר זלמן זצ"ל האט געענטפערט: **"ר' דוד ס'איז גארנישט אבער ביי מיר איז דאס פיקוח נפש...!"**

"פיקוח נפש?", איז ר' דוד ערשטוינט געווארן. "יא" - האט דער ראש ישיבה זצ"ל געענטפערט - "ביי מיר איז דאס פיקוח נפש, אבער איך האב דיר שוין געזאגט, ס'איז גארנישט... "

ר' דוד איז שנעל געגאנגען ברענגען א פעדער מיט טינט. רבי איסר זלמן זצ"ל האט גענומען די פעדער, ער האט געשריבן עטליכע ווערטער, און ער האט אריינגעלייגט די פאפיר אין זיין טאש. דערנאך האט ער געזאגט צו זיין תלמיד: "אצינד קענען מיר ווייטער לערנען".

די גאנצע זאך האט אויסגעזעהן זייער מאָדנע אין די אויגן פון ר' דוד. דער ראש ישיבה האט דאך נאַרוואַס געזאגט אז זיין שרייבן איז פאר די צוועק פון 'פיקוח נפש', איז וויאזוי קען דער ראש ישיבה - אצינד נאכ'ן שרייבן עטליכע ווערטער - פארזעצן צו לערנען כאילו ס'וואלט גארנישט פאסירט?

רבי איסר זלמן האט פארשטאנען אז ר' דוד וואונדערט זיך, און ער האט אים ערקלערט: "דו ווייסט דאך, אז פיהלע אידן קומען דא אריין אין חול המועד כדי מיר צו וואונטשן א גוט יום טוב. ביי אזא סארט געלעגנהייט קען אמאל אויסקומען אז מען זאל זעהן עפעס א פעלער ביי איינע פון די באזוכער. אבער דער אמת איז, אז אויב א איד שטרענגט זיך אָהן און ער קומט מיר באזוכן, און ער וואונטשט מיר אָהן, דאַרף איך דען זעהן זיינע פעלערן? האב איך געקלערט, וואס פאר אן עצה קען איך טון כדי נישט צו טראכטן פון אנדערע מענטשן'ס חסרונות?"

"איז דא א פסוק (משלי ד, כה) **עֵינֶיךָ לְנֹכַח יַבִּיטוּ וְעַפְעַפֶּיךָ יַיְשִׁרוּ נֶגְדֶּךָ**, [דיינע אויגן זאלן קוקן אקעגן דיר אויף'ן ריכטיגן וועג, און דיינע אויגן וועלן דיר פירן אויף'ן גראַדן וועג]. זאגט אויף דעם דער "נתיבות", אז ווי באקאנט איז די טבע פון מענטשן צו באמערקן און זעהן די חסרונות פון אנדערע מענטשן, און די מעלות פון זיך אליינס. זאגט די פסוק: **"עֵינֶיךָ לְנֹכַח יַבִּיטוּ"** - ווען דו קוקסט אקעגן דיר, און דו זעהסט די חסרונות פון דער וואס שטייט פאַרנט פון דיר, זאלסטו גלייך טון וואס די פסוק זאגט ווייטער: **"וְעַפְעַפֶּיךָ יַיְשִׁרוּ נֶגְדֶּךָ"** - דיינע אויגן זאלן קוקן אקעגן דיר אליינס. טראכט אריין 'ווער ביסטו', 'וואס ביסטו', און אז דו וועסט גוט אריינקוקן אין דיר, וועסטו זעהן דיינע אייגענע חסרונות, און דאַן וועסטו מער נישט זעהן און באמערקן די חסרונות און פעלערן פון אנדערע".

"דער פסוק - האט הגאון רבי איסר זלמן זצ"ל אויסגעפירט - "שרייב איך אַראָפּ אויף א צעטל, און איך לייג אריין דעם צעטל אין מיין טאַש. פון צייט צו צייט נעם איך ארויס דעם צעטל, און איך קלער אריין אין דעם, און איך טראכט וועגן מיינע חסרונות. בדרך כלל שרייב איך אַראָפּ דעם פסוק בעפאר יום טוב, אבער דאָסמאָל איז מיר דאס ארויס פון קאָפּ. דערפאר האב איך דאס געמוזט שרייבן היינט. ביי מיר איז דאס אן ענין פון פיקוח נפש". (איש לרעהו)

ענינא דיומא

כבוד הבריות

דער **"בני יששכר"** שרייבט אז די ניין און פערציג טעג פון ספירת העומר זענען אקעגן "לב טוב" וואס באטרעפט 49. די טעג זענען געווידמעט אויף די עבודה פון תיקון המידות, און מתקן זיין דאס וואס תלמידי רבי עקיבא לא נהגו כבוד זה בזה. די משנה זאגט אין פרקי אבות **"איזהו מכובד המכבד את הבריות"**. עס ווערט דערציילט אויף **הגאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל בעל "אגרות משה"** אז אין זיין געגנט האט געוואוינט א איד א שניידער וואס איז נישט געווען אזוי געלונגען מיט זיין ארבעט, און צוליב דעם איז זיין פרנסה געווען זייער שוואך. קיין סאך ידידים האט דער איד אויך נישט געהאט.

ווען ס'האט זיך דערנענטערט זיין זוהן'ס 'בר מצוה', האט דער איד געפלאנט אפצוריכטן די שמחה מיט גרויס פראכט אין א שיינע גרויסע זאַל. זיינע שטוב מענטשן האבן דאס אבער אפגעווארפן, און צונישט געמאכט זיין פלאן. זיי האבן געזאגט אז ער האט נישט קיין ידידים וואס וועלן קומען אנטייל נעמען אין זיין שמחה, אויב אזוי פארוואס זאל ער באשטעלן א גרויסע זאַל וואס מערסטנס דערפון וועט בלייבן ליידיג. בלית ברירה און מיט א פארוויטאגט הארץ האט ער באשטעלט א קליינע זאַל, וואס ווייניג מענטשן האבן דארט געמאכט שמחות.

די נאכט בעפאר די בר מצוה, איז דער בעל שמחה געגאנגען אויפצוהענגען די בר מצוה הזמנה אין שוהל. אויף'ן וועג האט ער באגעגנט הגאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל, און רבי משה האט אים באגריסט. ביי די געלעגנהייט האט דער שניידער זיך אויסגערעדט זיין שווער הארץ, און ער האט דערציילט פאר'ן רב אז

המשך בעמוד הבא >>>>

פרקי אבות

הוי גולה למקום תורה

(פרק ד׳ משנה י״ד)

ס׳איז ברייט באקאנט אין די וועלט די גוואלדיגע התמדה בתורה פון **הגאון רבי יוסף שלום אלישיב זצ״ל**. פאר צענדליגע יארן האט ער געהארעוועט אויף תורה יומם ולילה פאר שעות ארוכות בלי הפסק אין בית המדרש ׳אהל שרה׳ אין די מאה שערים געגנט פון ירושלים עיה״ק. יעדע מינוט איז ביי אים געווען אויסגערעכנט און אויסגעניצט אויף לימוד התורה.

איינע פון זיינע אייניקלעך האט דערציילט:

אמאל מוצאי שבת איז אפגעראכטן געווארן די שמחת בר מצוה פון איינע פון זיינע אייניקלעך. מ׳האט אפגערעדט אז דער זיידע וועט גיין צום בר מצוה אום אכט דרייסיג. אבער אכט פופצן האב איך געזעהן אז דער זיידע טוט זיך אהן זיין מאנטל. האב איך אים דערמאנט אז מ׳האט אפגעשמועסט אז מ׳וועט הערשט גיין צום בר מצוה אכט דרייסיג. אבער דער זיידע האט געשאקלט מיטן קאפ, און ער האט געזאגט: ״איך גיי צו ׳אהל שרה׳ צו לערנען״.

״אבער ס׳איז שוין אכט פופצן״, האב איך געזאגט פארוואונדערט.

״גערעכט״ - האט דער זיידע געענטפערט - ״פינף מינוט גדויערט די וועג ביז ׳אהל שרה׳, פינף מינוט די וועג צוריק. און פינף מינוט וועל איך זיצן און לערנען״.

דער אייניקל האט אויסגעפירט: ״איך האב געמיינט אז איינמאל ער איז שוין אהין געגאנגען וועט ער זיך דארט זיכער אויפהאלטן כאטש א האלבע שעה. אבער ניין! אכט דרייסיג האט ער זיך צוריק געקערט, און מיר זענען אינאיינעם ארויס צום בר מצוה״. (בית אמי)

ענינא דיומא - המשך מעמוד שעבר

ער האט באמת געוואלט פראווען די בר מצוה אין א גרויסע שיינע זאַל, אבער וויבאלד זיינע שטוב מענטשן מאכן אים אוועק, און זיי טענה׳ן אז ער האט נישט קיין סאך גוטע פריינט, דערפאר איז ער געווען געצווינגען צו מאכן די בר מצוה אין א קליינע פארשטיפטע זאל. רבי משה האט אים אויסגעהערט מיט געדולד, און ער האט אים געשטארקט זאגנדיג אז ער זאל נישט נתפעל ווערן פון די וואס מאכן אים אוועק. דערנאך איז רבי משה ווייטער געגאנגען אויף זיין וועג.

די קומדיגע נאכט, איז דער שניידער געזעצן אויבנאן ביים בר מצוה, און ארום אים זענען געזעצן א קליינע צאל פון מענטשן וואס זענען געקומען אנטייל נעמען אין זיין שמחה. אפילו די קליינע זאל וואס ער האט געדינגען איז געווען האלב ליידיג.

אינמיטן די שמחה זענען די באטייליגטע מכובד געווארן מיט די פערזענליכע השתתפות פון הגאון רבי משה פיינשטיין וואס איז ספעציעל געקומען אנטייל צו נעמען ביי די בר מצוה. דאס איז געווען א ספעציעלע כבוד פאר דער איד וויבאלד רבי משה פלעגט זיך קיינמאל נישט משתתף זיין ביי בר מצוה׳ס, נאר ער איז דאס מאל ספעציעל געקומען כדי משמח צו זיין דער איד און דערקוויקן זיין הארץ.

אינאיינעם מיט רבי משה זענען מיטגעקומען פיהלע מענטשן מתפללים פון זיין בית המדרש, און די זאַל האט זיך שיין אנגעפילט, און ס׳איז געווען לשם ולתפארת. די מעמד הבר מצוה האט איבער געלאזט א טיפע איינדרוק אויפ׳ן בעל שמחה און זיין משפחה, וואס זיי האבן געהאט די זכיה אז אזא גדול בתורה האט זיך משתתף געווען ביי זייער שמחה, און דערצו איז די שמחת הבר מצוה געפראוועט געווארן ברוב עם. (מפי ספרים וסופרים פ״ד מ״א)

ענינים נחמדים
מתורת התנ״א רבי שמעון בר יוחאי

אמאל האט פאסירט אז א תלמיד פון רבי שמעון בן יוחאי איז ארויסגעגאנגען פון ארץ ישראל קיין חוץ לארץ און ער איז צוריק געקומען רייך. ווען די תלמידים האבן דאס געזעהן האבן זיי אים מקנא געווען, און זיי האבן אויך געוואלט גיין קיין חוץ לארץ. רבי שמעון האט געוואוסט פון דעם, האט ער זיי ארויסגענומען צו א טאָהל פון ׳פגי מדון׳, און ער האט געדאוונט: ״טאָהל טאָהל פוהל זיך אהן מיט גאלדענע דינרים״. ס׳האט אנגעהויבן זיך צו ציהען גאלדענע דינרים אינעם טאָהל. האט רשב״י זיי געזאגט: ״אויב איר ווילט גאלד, דא האט איר גאלד, נעמט! אבער איר זאלט וויסן אז דער וואס נעמט יעצט, נעמט זיין טייל אין עולם הבא, ווייל די שכר פאר תורה איז נאר אין עולם הבא. אזוי ווי די פסוק זאגט ״ותשחק ליום אחרון״. (שמות רבה נב,ג)

*

רבא האט געזאגט: דער וואס זיין מאמע געבוירט א קינד זאל זי בעטן: ״יהי רצון אז דאס קינד זאל זיין אזוי ווי רבי שמעון״. (מכות יז:)

*

רבי שמעון בן יוחאי האט געזאגט: אויב דו זעהסט אז מענטשן זענען זיך זייער מייאש פון די תורה, שטיי אויף און שטארק דיר מיט די תורה, און דו וועסט באקומען די שכר פון זיי אלע. (ירושלמי ברכות סח.)

*

רשב״י האט געזאגט: די מדה פון ״שלום״ איז אזוי גרויס אז אלע ברכות זענען אריינגערעכנט אין דעם, אזוי ווי די פסוק זאגט ״ה׳ עוז לעמו יתן ה׳ יברך את עמו בשלום״. (ויקרא רבה ט,ט)

*

רבי יוחנן האט געזאגט אין די נאמען פון רשב״י: ס׳איז בעסער פאר א מענטש אז ער זאל זיך אריינווארפן אין א קאלעך אויוון, און ער זאל נישט פארשעמען זיין חבר ברבים. (ברכות מ״ג:)

*

רבי חנינא האט געזאגט אין די נאמען פון רשב״י: הקב״ה האט נישט אין זיינע באהעלטענישן נאר אַן אוצר פון יראת שמים, אזוי ווי ס׳שטייט אין פסוק ״יראת ה׳ היא אוצרו״. (ברכות ל״ג:)

*

רשב״י האט געזאגט: דער וואס האט א זוהן וואס איז זיך מייגע אויף תורה איז אזוי ווי ער איז נישט געשטאָרבן. אזוי ווי ס׳שטייט אין פסוק ״למען הביא ה׳ על אברהם את אשר דבר עליו״. ס׳שטייט נישט ״אליו״. נאר ״עליו״. די ברכות וועלן קומען אויף אברהם אבינו אליינס. (ב״ר מ״ט,ד)

*

רבי יוחנן האט געזאגט אין די נאמען פון רשב״י: פארוואס האט מען מתקן געווען אז מ׳זאל דאווענען (שמונה עשרה) שטילערהייט, כדי נישט צו פארשעמען די וואס האבן געטון עבירות (וואס זאגן וידוי אויף זייערע עבירות – רש״י) (סוטה לב:)

*

רבי יוחנן האט געזאגט אין די נאמען פון רשב״י: די עבירה פון ׳אונאת דברים׳ (טשעפענען מיט רייד) איז גרעסער ווי די עבירה פון ׳אונאת ממון׳ (אפנארן מיט געלט). ווייל ביי ׳אונאת דברים׳ שטייט ׳ויראת מאלקיך׳, און ביי ׳אונאת ממון׳ שטייט נישט ׳ויראת מאלקיך׳. (ב״מ נח: אין שולחן ערוך חו״מ ריש סימן רכ״ח שטייט די טעם ווייל ביי אונאת ממון קען מען צוריק קערן די געלט, אבער ביי אונאת דברים איז דאס נישט שייך)

יומא דהילולא

הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימאנוב זי"ע

יומא דהילולא ל"ד בעומר

נשמתו הקדושה

הרה"ק משינאווא זי"ע האט געזאגט אז **הרה"ק רבי מענדל'ע פון רימאנוב זי"ע** האט עדות געזאגט אויף זיך אז ער איז שוין געווען אויף די וועלט הונדערט מאל, און בזמן שבית המקדש הי' קיים איז ער געווען א כהן גדול און ער האט משמש געווען בכהונה גדולה, און צוליב דעם פלעגט ער זאגן ביי די סדר העבודה פון יום הקדוש די לשון **"וכך הייתי אומר"**, (און נישט "וכך היה אומר"). און איינמאל איז ער געווען די נשמה פון דער רי"ף זצ"ל. (עטרת מנחם אות קמג, דברי יחזקאל הליכות והלכות)

אין א שטאט דיטש נעבן ריישא האט געוואוינט א צדיק וועמען מ'האט גערופן "דער תהלים זאגער". ער האט געהאט א מורא'דיגע מדריגה אז א מלאך וואס איז באשאפן געווארן פון זיין תהלים זאגן האט זיך אנטפלעקט צו אים (אזוי ווי דער הייליגער בית יוסף זצ"ל האט געהאט א מלאך פון די משניות וואס ער האט געלערנט). אמאל ווען ער האט געזעהן הרה"ק מרימנוב זי"ע האט ער געזאגט **"דער אלפס גייט"**. און מ'האט געזאגט אז הרה"ק מרימנוב האט געהאט די נשמה פון דער רי"ף זצ"ל. (ממכתב כ"ק אדמו"ר מהר"י מפשעווארסק זצוק"ל)

הגה"ק דער שם שלמה פון מונקאטש זי"ע האט געזאגט בשם צדיקים אויף די גרויסע נשמה פון הרה"ק מרימנוב זי"ע, אז הקב"ה האט כביכול גענומען ד' פיר אותיות פון די שם הוי"ה, און ער האט עס איינגעהילט אין לבוש פון א זשיפיצ"ע און א ספאדי"ק, און פון דעם איז געווארן דער רבי ר' מענדלע פון רימנוב זי"ע. (דרכי חיים ושלום)

בלתי לה' לבדו

כ"ק אדמו"ר מפשעווארסק שליט"א האט דערציילט א מעשה פלא וואס ער האט געהערט פון זיין זיידן **הרה"ק רבי איציקל זצוק"ל**, וואס ער האט דאס געהערט פון **הרה"ק משינאווא זי"ע**:

ס'איז געווען א שוחט וועלכע פלעגט פארן קיין רימנוב צו הרה"ק דער רבי ר' מענדלע זי"ע. איינמאל האט זיך געמאכט אז ער האט געבלאנדשזעט אין די וואלד, און ער איז געגאנגען אין די פינסטערניש, און ער האט נישט געזעהן קיין ענדע פאר זיינע אויגן. פלוצלינג האט ער באמערקט אז ווייט אוועק געפינט זיך א הויז פון וואו ס'שיינט ארויס א ליכטיגקייט. ער האט אבער מורא געהאט אהינצוגיין, ווייל ס'זענען מעגליך דא דארט רויבערס און מערדערס חלילה. ער האט אבער נישט געהאט קיין אנדערע ברירה, און ער האט זיך זייער געפריידט אז ער זעהט כאטש עפעס ליכטיגקייט, דערפאר איז ער אהין אריינגעגאנגען.

ווען ער איז אריינגעקומען אין די הויז, האט ער געזעהן אז עס זיצט דארט א רבי און פון ארום שטייען חסידים. ווען דער רבי האט אים געזעהן האט ער אים ענטפאנגען מיט א ווארימע 'ברוך הבא', און ער האט אים זייער מקרב געווען. דערנאך האט דער 'רבי' אנגעהויבן צו זאגן תורה, און ער האט געזאגט וואונדערליכע ווערטער אזוי ווי א מגיד. נאך די 'תורה' האט אים דער רבי געפרעגט אויב ער האט שוין אמאל געהערט אזא שיינע תורה, און דער שוחט האט געענטפערט אז נישט...

פלוצלינג האט דער שוחט נישט געזעהן פאר זיך קיין שום מענטשן, און קיין שום הויז, נאר ער איז געליבן שטיין איינער אין די פונסטערע וואלד...

ער איז געגאנגען ווייטער ביז ער איז אנגעקומען נאנט צו די שטאט רימאנוב, און דאן איז ארויסגעקומען אקעגן אים א מענטש בשליחות פון הרה"ק מרימאנוב מיט א ווארענונג אז ער זאל זיך נישט דערוויגן אריינצוקומען אין די שטאט. דער שוחט האט אנגעהויבן זייער צו וויינען, (ער האט פארשטאנען אז די גאנצע געשעהעניש וואס ער האט בייגעוואוינט איז נישט געווען גוט...). ער האט געזאגט פארן שליח אז ער זאל איבערגעבן פאר'ן רבי'ן בשליחותו אז ער האט באמת חרטה, און ער איז גרייט מקבל צו זיין אויף זיך וואס דער רבי וועט אים הייסן טון. דער שליח איז געגאנגען צום רבי'ן, און ער האט אים איבערגעגעבן וואס דער שליח האט געזאגט.

ווען הרה"ק מרימנוב האט דאס געהערט, האט ער אים געגעבן רשות צו קומען צו אים, און ער האט אים געזאגט: "וויסן זאלסטו אז דאס איז געווען די 'סטרא אחרא' (פון די כוחות הטומאה), און מיט דעם וואס דו האסט מסכים געווען אז אזא שיינע תורה האסטו נאכנישט געהערט, האסטו געגעבן כח פאר די סט"א. דעריבער איז נישט פארהאן פאר דיר קיין שום אנדערע עצה נאר אהין צו גיין נאכאמאל, און דו וועסט טרעפן דאס הויז, און ווען דו וועסט הערן תורה זאלסטו זיך אויפשטעלן און שרייען "רשע טמא..." אא"וו. אבער זאלסט וויסן אז דער זאך איז אנגעהאנגען מיט סכנת נפשות, און זאלסט זיין גרייט אויף דעם".

דער שוחט האט מקבל געווען אויף זיך צו טון אלעס וואס דער רבי האט אים באפוילן, און ער האט זיך געזעגנט פון דער רבי. אויפ'ן וועג האט ער געטראפן אלעס אזוי ווי פריער, און ווען ער האט געהערט די 'תורה', האט ער זיך אויפגעשטעלט און ער האט זיך גענומען שרייען "רשע... טמא...!", און ער האט אוועק געמאכט די גאנצע תורה. די מענטשן וועלכע זענען געשטאנען פון ארום, ווען זיי האבן דאס געהערט האבן זיי אים געוואלט צורייסן ווי א פיש, אבער זייער רבי האט געזאגט: "איין רגע! איך וויל וויסן פון וואו ס'נעמט זיך צו אים אזויפיל דרייסטקייט און חוצפה". האט ער געפרעגט פונעם שוחט: "צו וועלכע רבי פארסטו?", האט ער אים געזאגט אז ער פארט צו דער רבי ר' מענדלע. האט 'דער רבי' געהייסן אז מ'זאל אים ברענגען א גרויסע ספר, און ער האט געזאגט: "אויב וועל איך טרעפן אז ס'שטייט דא עפעס פון דיין רבי, דאן וועסטו פון דא נישט ארויסגיין..." - און אויב ס'איז געווען עפעס א מעשה, אדער א דיבור, אדער אפילו א מחשבה וואס איז געטון געווארן מיט פניות (נישט אינגאנצען לשם שמים) איז עס דארט געשטאנען. און ער האט אנגעהויבן צו בלעטערן אין דעם ספר.

און דער שוחט האט דערציילט אז ווען ער האט געזעהן אז ס'שטייען דארט געשריבן נעמען פון רבי'ס פון זיינע צייטן "איז אים טונקעל געווארן פאר די אויגן", אבער למעשה האט ער גארנישט געפינען פון הרה"ק דער רבי ר' מענדלע זי"ע, און ער האט אים געלאזט גיין פריי. (שיח זקנים)

התקרבותו לחסידות

אין זיינע יונגע יארן ווען ער איז נאך געווען אין דייטשלאנד האט הרה"ק מרימנוב אדורך געלערנט הונדערט מאל די ספר רי"ף אויף גאנץ ש"ס, און ווען ער האט געענדיגט לערנען די הונדערטסטע מאל, האט ער געוויינט און ער האט געזאגט: "רי"ף רי"ף! איך האב דיר דאך אויסגעלערנט הונדערט מאל, וואס האסטו מיך אויסגעלערנט...?", און אזוי וויינענדיג איז ער אנטשלאפן געווארן, און דער רי"ף אליינס האט זיך אנטפלעקט צו אים אין חלום און ער האט אים געהייסן פארן צו **הרה"ק דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע.**

הרה"ק דער רבי ר' אלימלך זי"ע האט זייער מקפיד געווען אז ס'זאלן נישט אריינקומען צו אים קיין מענטשן וואס טראגן קורצע דייטשע קליידער (אדער קליידער פון וואל), און זיין זוהן **הרה"ק רבי אלעזר** פלעגט אויפפאסן אויף דעם, און ער פלעגט אנטון פאר די דייטשע אידן א לענגערע מלבוש. ווען הרה"ק מרימנוב איז אנגעקומען פון דייטשלאנד דאס ערשטע מאל קיין ליזענסק, איז דעמאלס הרה"ק רבי אלעזר נישט געשטאנען ביים טיר, און ער איז אריין אינעווייניג צום שטוב פון דער רבי ר' אלימלך אזוי ווי ער איז געווען אנגעטון. ווען הרה"ק רבי אלעזר האט זיך דערוואוסט דערפון האט ער געהאט גרויס עגמת נפש און ער האט מורא געהאט פון די הקפדה פון זיין הייליגן טאטן. אבער ווען הרה"ק מרימנוב איז ארויס פון שטוב האט אים דער רבי ר' אלימלך ארויס באגלייט, און פון דעם האט הרה"ק רבי אלעזר פארשטאנען אז דער רבי ר' אלימלך האט הנאה געהאט פון אים און ער איז צופרידן. (מהר"י מפשעווארסק)

הרה"ק רבי אהרן ראטה זצוק"ל בעל שומר אמונים האט דערציילט אז אין די צייט ווען הרה"ק מרימנוב איז געשטאנען אינעם שטוב פון הרה"ק דער רבי ר' אלימלך איז הרה"ק רבי אלעזר אנגעקומען, און ער האט געזעהן וויאזוי זיין טאטע געבט א ברכה פאר עפעס א בחור וועלכע איז אנגעקליידעט מיט בגדי צמר, און ער האט זיך אנגערופן צו זיין טאטן: "דו בענטשסט דאך נישט דער וואס גייט אנגעקליידעט מיט בגדי צמר". האט אים רבי ר' אלימלך געזאגט: "וואס רעדסטו וועגן דעם בחור, איך ווארט שוין לאנג אויף די נשמה, פונקען פייער שפריצט דאך פון זיין שטערן". (אוצר ישראל)

הרה"ק הרמ"מ מרימאנוב זי"ע ווערט פארעכנט אלס איינער פון די הויפט תלמידים פון זיין הייליגע רבי הרה"ק דער רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע, אינאיינעם מיט **הרה"ק מקאזניץ, דער חוזה פון לובלין, און דער אוהב ישראל זכותם יגן עלינו.**

לבשי בגדי תפארתך עמי

הרה"ק הרמ"מ מרימנוב זי"ע האט מתקן געווען און איינגעפירט עטליכע 'תקנות טובות' צווישן אידן. איינס פון זיי איז אז מען זאל גיין אנגעטון די קליידער פון **רעכטס אויף לינקס**, און ער האט אויף דעם מרעיש עולמות געווען. בכלל האט ער פיהל מעורר געווען אויף די ענין פון די אופן המלבושים ביי אידן, אז מען זאל ח"ו נישט נאך גיין נאך די 'מאדעס' און די וועגן פון די גוים.

אין א בריוו פון יום ג' תצוה תקע"ב שרייבט ער ווי פאלגענד:

"גלייבטס דאס באמונה שלימה, אז אלע שלעכטס וואס ווערט נתעורר אויף אידן בזמנינו רחמנא ליצלן, איז נאר צוליב די שלעכטע יצר הרע וואס נייגט דעם מענטש צו די הנאה און תאוה נאכצוגיין די חוקות הגויים און נאכמאכן די קליידונג פון די גויים וואס די תורה אסר'ט אויף אונז, און דורך דעם ווערט אנגעצינדן א פייער פון קנאה אויף אונזער פאלק - די עם ישראל. און בפרט אויף נשים וואס טוהן זיך אנקליידן מיט מלבושי הפריצות וכו'. נאך איז מען געקומען מיט א נייע מנהג פון די גויים אז מען דרייט איבער און מען לייגט די לינקע זייט פון די בגד אויף די רעכטע זייט, צו צי קנעפלין, און מיט דעם טוט מען אויפהייבן די לינקע אויף די רעכטע בעוונותינו הרבים, דאס איז אויך נישט גוט". (נדפס בסוף ס' ילקוט מנחם)

וראו כל עמי הארץ

נאך א תקנה האט ער איינגעפירט אז **די קאפל זאל זיך ארויסשטעקן פון אונטער די הוט**, דהיינו אז מ'זאל זעהן פון אינדרויסן אז אויסער די הוט גייט מען אויך אנגעטון מיט א קאפל. **כ"ק אדמו"ר מהר"י מפשעווארסק זצוק"ל** האט דאס ערקלערט, ווייל די גוים פלעגן רעדן אויף די אידן אז זיי ליידן פון קרעץ און פון אנדערע פארשידענע קראנקהייטן, און א ראי' אויף דעם איז ווייל די אידן האלטן שטענדיג זייערע קעפ באדעקט, און דאס איז צוליב דעם וואס זיי שעמען זיך פון זייערע קרעץ. און דערפאר איז דעמאלס געווארן א נייע מאדע צווישן אידן אז זיי האבן אינגאנצען באהאלטן זייער קאפל אונטער די הוט. און אויף דעם האט הרה"ק מרימנוב שטארק מעורר געווען, ווייל אדרבה! מיר אידן זאלן טאקע זיין פאר'מיאוס'ט ביי זיי, און די גויים זאלן זאגן אז דערפאר איז אונזער קאפ צוגעדעקט וויבאלד מיר האבן זייער גרויסע קרעץ אויף די גאנצע קאפ... (מפיהם ומפי כתבם)

להביא לימות המשיח

די הייליגע פעולות פן הרה"ק מרימנוב זי"ע און אנדערע הייליגע צדיקים מקרב צו זיין די גאולה שלימה

הרה"ק רבי מענדל פון רימנוב זי"ע האט פאראַרבעט פיהלע כוחות אינאיינעם מיט די חבריא קדושה תלמידי הרר"א מליזענסק זי"ע מקרב צו זיין ביאת משיח צדקינו, און צדיקים האבן געזאגט אויף הרה"ק מרימנוב אז זיין שורש נשמה איז פון די נשמה פון משיח. ומעשה שהי' כך הי':

הרה"ק רבי וועלוולע פון זבאריז זי"ע איז אמאל געפארן צו הרה"ק הרמ"מ מרימנוב זי"ע, און הרה"ק מרימנוב האט אים געפרעגט: "וואס האט דעם רבי'ן רבי מיכליי'ס א זוהן צו טוהן ביי מיר"? האט רבי וועלוועלע געענטפערט מיט א תמימות: "איך האב געהערט אין הימל אז איר זענט משיח, בין איך געקומען צו האבן פאר אייך הכנעה". האט דער רבי ר' מענדלע געענטפערט אויף דעם: "איך בין נישט משיח, נאר יעדער יוד האט אין זיך א חלק משיח, איך האב מיין חלק משיח אויס געהאריוועט".

*

עס איז באקאנט בשם פריערדיגע צדיקים אז **הרה"ק רבי מענדלע פון רימנוב זי"ע** האט זיך ממש מוסר נפש געווען און געטון פארשידענע פעולות אויף גאר א שטארקע פארנעם כדי צו דערנענטערן די גאולה שלימה. ויהי היום, האט ער זיך שטארק פארטיפט און אריינגעטראכט אין דעם ענין, און ער איז געווארן זייער צובראכן וועגן די שווערע גלות וואס ציהט זיך שוין אזוי לאנג, און ס'נעמט נישט קיין עק, און די שכינה הקדושה געפינט זיך אין גלות, ואין קול ואין עונה. דעריבער האט דער צדיק באשלאסן צו פאררופן אן אסיפה פון צדיקים און גדולי הדור מיט'ן ציהל אז זיי זאלן אלע אינאיינעם טראכטן אן עצה וואס מ'קען טון כדי מקרב צו זיין די גאולה שלימה אז משיח צדקינו זאל שוין קומען ווי שנעלער. אזוי האט ער טאקע געטון, און ער האט באשטימט א צייט ווען אלע צדיקים זאלן זיך פארזאמלען ביי אים.

צו דעם באשטימטן טאג זענען זיך צוזאמגעקומען די הייליגע צדיקים, סיי פון יענע לאנד און סיי פון אנדערע לענדער, אלע זענען געקומען צום הייליגן הויף אין רימנוב, און זיי זענען געזעצן אינאיינעם און זיי האבן ארויפגעברענגט פארשידענע פלענער איבער דעם דערהויבענעם ענין, און זיי האבן זיך באשעפטיגט אין דעם ענין פאר צוויי טעג. אין דעם דריטן טאג זענען זיי שוין געווען נאנט צו קומען צו אן אפמאך און א באשלוס וואס צו טון, אבער דער בעל דבר האט געזעהן אז די מצב טויג נישט און זיין ענדע דערנענטערט זיך, און דאן איז פלוצלינג איבערגעגעבן געווארן א גרויסע מסירה אין דעם קעניגליכן פאלאץ איבער די גאנצע ענין פון די אסיפה, און ווי די מוסרים האבן גע'טענה'ט זענען געקומען מענטשן פון אנדערע לענדער כדי צו שפיאנירן אקעגן דעם לאנד, און כדי צו וועבן פלענער אונטערצוגראבן די קעניגרייך און מאכן אן אויפשטאנד אקעגן דעם קעניג אא"וו.

פון די קעניגליכע פאלאץ האט מען גלייך געשיקט עטליכע הויכראנגיקע הארן און גענעראלן אויסצופארשן ווער ס'איז די הויפט פון דעם אסיפה, וואס ער האט געהאט די העזה צו פאררופן און אנפירן אזא אסיפה. נאך א גרונטליכע אויספארשונג זענען זיי דערגאנגען אז הרה"ק מרימנוב איז דער וואס שטייט בראש פון דעם אסיפה. ליידער איז דורך דעם שרעקליכן מסירה צושטערט געווארן די גאנצע אסיפה, און די הייליגע צדיקים זענען אלע אנטלאפן יעדער צו זיין פלאץ.

אבער נאר דעם הייליגן רבי'ן רבי מענדלע פון רימנוב זי"ע האבן די גענערלאן יא עספיעט צו כאפן, און זיי האבן אים אריינגעזעצט אין תפיסה, און דארט האבן זיי אים אויסגעפרעגט מיט פיהלע דרישות וחקירות אזויווי זייער שטייגער. (שפעטער ווען ער איז ארויס אויף די פריי האט ער זיך אויסגעדריקט, און ער האט געזאגט: "איך האב באמת נישט געוואוסט וויאזוי צו ענטפערן און ערקלערן פאר די ערלים די ענין פון גלות השכינה...")

אינצווישן האבן די תלמידים איינגעריסן וועלטן און געטון השתדלות אז מ'זאל זיי כאטש געבן ערלויבעניש אריינצוגיין באזוכן דעם רבי'ן און רעדן מיט אים כדי זיי זאלן וויסן וואס אים צו ברענגען אין תפיסה, אבער די וועכטער האבן זיי בשום אופן נישט געלאזט האבן קיין שום צוטריט און פארבינדונג מיט דעם צדיק.

נאך עטליכע טעג איז געווארן א שינוי לטובה און די תלמידים האבן באקומען ערלויבעניש אריינצוגיין צו אים, און זיי האבן אים געפרעגט אויב ס'איז דא עפעס א וויכטיגע זאך וואס ער וויל אז מ'זאל אים ברענגען אין תפיסה. יענע טאג איז געווען איינע פון די גאר הייסע זוממער טעג פון חודש תמוז און ווען מ'איז אריין פרעגן וועלכע וויכטיגע זאכן ער וויל מ'זאל אים ברענגען אין תפיסה, האט הרה"ק מרימנוב זיך אנגערופן און ער האט געזאגט: "איך דארף יעצט גארנישט האבן, נאר איין זאך בעהט איך, ברענגט מיר דא שנעל א כשר'ע מגילת אסתר".

די תלמידים זענען געבליבן שטיין פארוואונדערט ביז גאר הערנדיג דעם אינטערעסאנטן געבעט. זיי האבן נישט פארשטאנען פארוואס זייער רבי דארף האבן א מגילה אין תפיסה יעצט אינמיטן פון די זוממער. פונדעסטוועגן האבן זיי אבער געוואלט ערפילן זיין געבעט און אויספירן רצון קדשו און אים ברענגען א מגילה. אבער צווישן זיי האט זיך אויך געפינען הרה"ק מראפשיץ זי"ע, און ער האט געזאגט: "חלילה וחלילה זאלט איר דאס נישט טון! בשום אופן זאלט איר אים נישט ברענגען א מגילה". און די אנדערע תלמידים האבן אנגענומען זיינע רייד.

נאך עטליכע טעג פון פיהלע חקירות ודרישות, און נאך אסאך השתדלות איז הרה"ק מרימנוב ארויסגעלאזט געווארן אויף די פריי צום גרויסן פרייד פון אלע חסידים און תלמידים. דאן האט הרה"ק מראפשיץ אנטפלעקט זיין טעם, און ער האט געזאגט אז אויב וואלט מען געברענגט א כשר'ע מגילה צו הרה"ק מרימנוב וואלט ער חרוב געמאכט א האלבע וועלט...

הגה"ק דער מנחת אלעזר פון מונקאטש זי"ע פלעגט דערציילן דעם מעשה פורים ביים טיש, און דורכאויס די גאנצע מעשה האבן גערינען טרערן פון זיינע הייליגע אויגן. ווען ער האט געענדיגט דערציילן די מעשה פלעגט ער אויספירן: "מיין הייליגע טאטע (דער דרכי תשובה זי"ע) האט געהערט פון **הרה"ק מצאנז זי"ע** אז ער האט זיך אויסגעדריקט אויף דעם מעשה: "ס'איז באקאנט אז "חביבה מצוה בשעתה". א מצוה וואס ווערט געטון אין איר צייט איז באליבט. ס'איז אויך באקאנט אז "מדה טובה מרובה ממדת פורעניות". די מדה פון גוטס און באלוינונג, איז פיהל מער ווי די מדה פון שלעכטס און שטראפונגען. אויב אזוי איז א קל וחומר וויפיל עולמות אן א שיעור און אן א עק ווערן געבויעט דורכ'ן ליינען די מגילה אין די הייליגע יום טוב פורים". (זמירות חיים ושלום)

*

כ"ק אדמו"ר מהר"י מפשעווארסק זצוק"ל האט דערציילט: **הרה"ק מראפשיץ זי"ע** איז אויך גערופן געווארן צו דעם אסיפה וואס **הרה"ק רבי מענדלע מרימנוב זי"ע** האט פאררופן, ער האט זיך אבער למעשה נישט באטייליגט ביי דעם אסיפה. ווען ער האט זיך דערוואוסט אז מ'האט איינגעשפארט זיין רבי'ן הרה"ק מרימנוב, איז ער געפארן קיין לעמבערג, און ער האט געבעטן פון **הגה"ק דער ישועות יעקב זצוק"ל דער לעמבערגער רב**, אז ער זאל גיין מיט אים צו די רעגירונג באאמטע, און ער זאל פועל'ן פאר זיין באפרייאונג.

דער ישועות יעקב האט מסכים געווען צו גיין נאר בתנאי אז ער זאל נישט אנטפלעקן פאר די באאמטע אז ער האט א פארבינדונג צו די חסידים, ווייל ער שעהמט זיך צו גיין מיט איינער פון זיי. אבער ווען הרה"ק מראפשיץ איז דארט אנגעקומען האט ער גלייך געזאגט אז ער געהער אויך צו די חסידים. די שליחות האט מצליח געווען און די באפרייאונג איז צושטאנד געקומען.

שפעטער האט דער ישועות יעקב זיך געקערט צו הרה"ק מראפשיץ און ער האט אים פארגעהאלטן: "איך האב זיך דאך אויסגענומען מיט אייך אז איר וועט נישט זאגן ווער איר זענט?!"

האט אים הרה"ק מראפשיץ געענטפערט אז ער האט דאס געזאגט בכוונה, ווייל זיי האבן געמיינט אז די חסידים זענען מאדנע און מסוכנ'דיגע מענטשן אזויווי די מסירה האט געלויטעט, דערפאר האט ער זיי געזאגט אז ער איז אויך א טייל פון זיי, און אזוי האבן זיי איינגעזעהן אז זיי זענען ארנטליכע מענטשן, און דורך דעם איז ארויסגעקומען א גרויסע טובה, און ס'האט גאר געהאלפן פאר די השתדלות. (י"ג אורות ח"ב)

כל הזכויות שמורות * להערות והארות נא לפנות אל הרב אליעזר זאב קליין: 917-474-5119

”דער באשעפער בארימט זיך מיט אים”

צום יארצייט פון הרה”ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זצ”ל וואס פאלט אויס ל”ד בעומר - י”ט אייר וואס הרה”ק רבי ר’ אלימלך זי”ע האט זיך אויף אים אויסגעדריקט אז דער באשעפער בארימט זיך מיט אים, ברענגען מיר אייך א שלל פון אינטערעסאנטע סיפורים און עובדות - וואס האבן פאסירט בחייו און לאחר מותו.

ער וויל דינען השי"ת מיט אן אמת!

הרה"ק רבי מנחם מענדל פון רימנוב איז געבוירן געווארן אין יאר תק"ה צו זיין פאטער ר' יוסף וועלכער איז געווען א פשוט'ער אבער ערליכער איד. זיין טאטע איז נפטר געווארן נאך איידער ער איז געבוירן געווארן. זייענדיג אלט קוים צוויי יאר איז ער ל"ע פארבליבן א קיילעכיגער יתום, ווען זיין מאמע איז אויך נפטר געווארן. ער איז אויפגעוואקסן און געלערנט מיט גרויס התמדה אין שטאט האמבורג.

צדיקים האבן געזאגט אז זיין נשמה האט א ניצוץ פון דעם הייליגן "רי"ף" - רבי יצחק אלפסי זי"ע. רבי מנחם מענדל האט טאקע פון זיין יוגנט-אן אסאך געלערנט רי"ף. שפעטער איז ער נתקרב געווארן צום רבי'ן ר' שמעלקא, און ער האט ביי אים געלערנט אין זיין ישיבה אין ניקלשבורג. דער רבי ר' שמעלקא האט אים מקרב געווען צום דרך החסידות און ער איז געווארן פון די הייליגע תלמידים פון רבי'ן ר' אלימלך זצ"ל.

נאך זיין חתונה האט ער געוואוינט אין פריסטיק און שפעטער אין רימנוב. נאך די הסתלקות פון רבי'ן ר' אלימלך האבן זיך די גרויסע תלמידים צעטיילט מיט זיינע הייליגע מדריגות און אויפ'ן רבי'ן רבי מענדעלע האט מען געזאגט אז ער האט גע'ירש'נט דעם הייליגן מח פון רבי'ן ר' אלימלך.

ער האט געהאט יעדן טאג א שיעור קבוע פון ח"י (אכצן) בלאט גמ' רש"י תוס! ער האט געפירט אינעם שטאט רימנוב ביז'ן טאג פון זיין פטירה י"ט אייר תקע"ה, און פון זיינע דברי תורה איז איבערגעבליבן די ספרים מנחם ציון, תורת מנחם און דברי מנחם און נאך.

ווי געשריבן איז דער רבי ר' מענדעלע געווען א תלמיד מובהק פון רבי'ן רבי אלימלך זי"ע. וויאזוי איז ער דערנענטערט געווארן צום רבי'ן ר' אלימלך? דאס האט אמאל דערציילט דער מאגלניצער רבי הגה"ק רבי חיים מאיר יחיאל זי"ע ("דער שרף") ווי פאלגנד: דער רבי ר' מענדעלע איז געווען אין זיין יוגנט א למדן און גרויסער ירא שמים, קיין חסיד איז ער נאך נישט געווען, און איז נישט געפארן צו קיין רבי'ן, נאר איז געזעסן און געלערנט טעג און נעכט בהתמדה גדולה ועצומה.

איינמאל איז ער געזעסן אינמיטן די נאכט און זיך געפלאגט צו פארשטיין א שווערן רי"ף. ער האט זיך לאנג געמוטשעט און נישט געקענט טרעפן דעם ריכטיגן פשט, ער האט זיך דערפון זייער שטארק מצער געווען, ביז ער האט אויסגעבראכן אין א געוויין, און האט זייער שטארק געוויינט פארוואס ער האט נישט די זכי' צו פארשטיין די ווערטער פון רי"ף.

אזוי וויינענדיג האט ער איינגעדרימלט. ער האט זיך גע'חלומ'ט, ווי ער זעט דעם בעל הרי"ף אליין. האט ער געבעטן דעם רי"ף ער זאל אים זאגן פשט אין זיינע ווערטער אין ספר הרי"ף אויף וואס ער פלאגט זיך שוין אזוי לאנג.

האט אים דער ר"ף געענטפערט: "איך בין דיר מייעץ, דו זאלסט פארן צום רבי'ן ר' אלימלך קיין ליזענסק, און אז דו וועסט דיך אין אים מדבק זיין, וועט דיר שוין גארנישט שווער זיין אין מיין ספר."

ווען רבי מענדעלע האט זיך אויפגעכאפט פון זיין שלאף, האט ער זיך גלייך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג צו פארן קיין ליזענסק. איידער ער איז אנגעקומען קיין ליזענסק, האט דער רבי ר' אלימלך געזאגט צו זיינע תלמידים: "יעצט גייט קומען צו מיר א בחור וואס השי"ת בארימט זיך מיט אים! ווייל ער וויל דינען השי"ת מיט אן אמת!"

אנפאנג ווען רבי מענדעלע איז אנגעקומען קיין ליזענסק האט אים דער רבי ר' אלימלך אביסל מרחק געווען, אבער שפעטער האט ער אים גענומען זייער שטארק מקרב זיין ביז ער איז געווען פון די גאר נאנטע מקורבים צום רבין רבי אלימלך זי"ע.

(די מעשה שטייט אין ספר שיחות חיים וואס דער מחבר האט געהערט מפה קדשו פון דער הייליגער מאגלניצער זי"ע)

דייטשע תורה זאלן זיי לערנען?!

מען פארציילט, אז ווען דער רבי ר' מענדעלע איז געקומען צום הייליגן רבי'ן ר' אלימלך, האט רבי אלימלך מכבד געווען רבי מענדעלע צו זיין דער מלמד פון זיינע אייניקלעך.

דער הייליגער רבי ר' אלימלך האט אנגעזאגט פאר די אייניקלעך צו בורדענען ביים לערנען, און נישט געהעריג מיטהאלטן, און פארשטייט זיך אז זיי האבן געפאלגט, און זיי זענען געווען שווערע תלמידים.

איז רבי ר' מענדעלע געקומען צו רבי ר' אלימלך און זיי אויסגעזאגט אז זיי לערנען נישט. האט אים רבי ר' אלימלך געפרעגט "נו וואס ווילסטו, דייטשע תורה זאלן זיי לערנען?! (וויבאלד רבי ר' מענדעלע איז דאך געקומען פון דייטשלאנד) קודם דארפסטו פארגעסן די גאנצע תורה וואס דו האסט געלערנט אין דייטשלאנד, און אנפאנגען פון פריש.

רבי ר' מענדעלע האט צוגעשטימט, און ער האט פארגעסן זיין גאנצע געלערנעכטס פון אמאל. דערנאך האט רבי ר' אלימלך געזאגט פאר זיינע אייניקלעך אז זיי זאלן שוין אויפהערן צו רודערן ביים לערנען. און דער רבי ר' מענדעלע איז געבליבן זייער מלמד.

צדיקים האבן נאכגעזאגט אז פאר זיין פטירה האט ער געזאגט "איך האב געוואלט ברענגען משיח בדורינו, אבער זיי האבן נישט געוואלט, אויב אזוי האב איך מורא אז מ'וועט נאך זען גרינע ווערים מיט קופערנע פיסקעס ביז דער גואל צדק וועט קומען." (דאס מיינט, אז עס וועלן נאך חלילה זיין גרויסע צרות ויסורים ביז משיח וועט קומען).

"גיי ארויס פון דא!"

דער ציון המצוינת פון הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זצ"ל געפינט זיך אינעם בית החיים פון שטאט רימנוב. אין די מלחמה-יארן איז דער גאנצער ביה"ח געווען תוהו-ובוהו. די דייטשע רשעים ימש"ו האבן אפגעמעקט יעדעס זכר פון די אור-אלטע מצבות, גענוי ווי זיי האבן געטון צו די אלע אנדערע אידישע הייליגטומער.

אויך דער הייליגער אוהל פון רבי מענדעלע איז נישט פארשוינט געווארן, אבער אין רימנוב האט זיך דאן געפונען א איד וועלכער פלעגט אין די פריערדיגע יארן כסדר גיין אויפ'ן ביה"ח, און ער האט גוט געדענקט דער פונקטליכער מקום מנוחה, וואו עס ליגט דער רבי ר' מענדעלע זי"ע.

ווען די דייטשן ימ"ש האבן צוזאמגענומען די אידישע איינוואוינער פון שטאט, זיי אפצופירן צו די טויט- לאגערן קיין אוישוויץ, האט מען זיי אריבערגעפירט דעם ביה"ח. אויך דער איד האט זיך דארט געפינען, און ער האט אנגעוויזן פאר זיינע אחים-לצרה וואו עס איז דער הייליגער קבר פון רבי ר' מענדעלע. די אומגליקליכע אידן האבן זיך פאר א

אידן ביים הייליגן אוהל פון הרה"ק רבי מנחם מענדיל מרימנוב זי"ע

ווילע אפגעשטעלט און צום לעצטן מאל פארגאסן טרערן אויפ'ן צדיק'ס קבר.

דער טראנספארט איז טאקע שפעטער אפגעפירט געווארן קיין אוישוויץ און די אידן זענען צעטיילט געווארן אין פארשידענע לאגערן. דער איד איז פלאצירט געווארן אין א קאנצענטראציע לאגער, וואו ער האט אריינגעגעבן א ביטע אז ער איז קראנק און ער קען נישט ארבעטן. ער איז באלד אריינגעשיקט געווארן אין שפיטאל און דערווייל זיך טאקע גע'פטר'ט פון די שווערע ארבעט.

איין נאכט האט זיך דער איד גע'חלומ'ט ווי ער געפינט זיך אינדערהיים אין רימנוב און ער זיצט אין ביהמ"ד אינאיינעם מיט זיינע חברים וועלכע פארברענגען אין א לחיים. אבער ווען ער האט געוואלט געבן לחיים האבן זיי געשריגן אויף אים: ניין, דו ביסט נישט פון אונזערע! א פארוואונדערטער האט ער געפרעגט: פארוואס בין איך נישט פון אייערע, כ'האב דאך צוזאמען מיט אייך געדאווענט און געלערנט! זיי האבן אבער גארנישט געוואלט הערן און האבן גע'טענה'ט: דו ביסט נישט פון אונזערע.

עס האט אים זייער געארט וואס זיי שליסן אים אויס פון די חברייא, און ער האט אנגעהויבן צו וויינען און שרייען: איך האב דאך געוויזן פאר'ן עולם וואו רבי מענדעלע ליגט, פארוואס בין איך נישט פון אייערע?

הערנדיג דעם טענה האבן זיי זיך אנגערופן: אזוי, דו האסט געוויזן וואו רבי מענדעלע ליגט, אויב אזוי קומסטו דאך נישט דא, גיי שוין ארויס פון דא! און מיט די ווערטער האט ער זיך אויפגעכאפט.

זיין הארץ האט שטארק געקלאפט, די ווערטער "גיי ארויס פון דא" האט נאך געקלינגען אין זיין מח און אים נישט צורוה-געלאזט. געפונענדיג זיך אין שאטן פון טויט האט דער איד געשפירט ווי די ווערטער רעדן צו אים און זיי ווארענען: גיי ארויס פון דא, גיי ארויס פון דא.

א דערשראקענער האט ער זיך אויפגעהויבן און מיט פחד ארויסגעלאפן צום דירעקטאר, זאגנדיג אז ער איז פולקאם געזונט און ער וויל פארלאזן דעם שפיטאל. מ'האט אים טאקע באלד ארויסגענומען פון דארט און אים איינגעשטעלט אין אן ארבעט'ס בריגאדע.

דער גרויסער נס וואס האט מיט אים פאסירט האט דער איד ערשט שפעטער געזען. עס איז אדורך קוים עטליכע שטונדן זינט ער האט פארלאזט דעם שפיטאל, ווען די עס-עס געסטאפא לייט ימ"ש זענען אנגעקומען און אוועקגענומען אלע קראנקע פון שפיטאל. די רייכענדע קוימענס וועלכע ער האט באמערקט ווי-נאר ער איז אוועקגעגאנגען פון דארט, האבן מעיד געווען וואס זייער שיקזאל איז נעבער געווען הי"ד.

דער איד האט מיט גרויסע ניסים איבערגעלעבט דעם קריג, און ווען ער פלעגט דערציילן וואס מיט אים האט פאסירט אין יענע פינסטערע טעג האט ער אויך דערציילט דעם סיפור וויאזוי ער איז ניצול געווארן ממות לחיים, אין זכות פון דעם גרויסן צדיק דער רבי ר' מענדעלע רימנוב'ער זי"ע.

געטאנצן כאחד האדם!

הרה"ח רבי בן ציון קעניג שליט"א יליד רימנוב האט אמאל דערציילט, אז ער געדענקט אז ל"ד בעומר ביים יארצייט איז געווען אזא גרויסע עולם אין רימנוב אז מ'האט גענעכטיגט אויף די דעכער.

פארציילט אונז הרה"צ רבי אברהם רייך שליט"א אבד"ק רימנוב יצ"ו. אז ער האט געהערט מפי הרה"ח רבי יוסל מרגליות ז"ל פון אנטווערפן - רימנוב, בערך פאר פינף און דרייסיג יאר צוריק (וואס ער איז דעמאלטס געווען א זקן) אז ער געדענקט מ'האט גענעכטיגט אויף די דעכער ל"ד בעומר

דער ביהכנ"ס אין רימנוב איז נאך פון די צייטן פון הרה"ק ר' מענדיל'ע מרימנוב זי"ע

דער ציון הקדוש פון הרה"ק רבי מנחם מענדיל מרימנוב זי"ע

ביים יארצייט, און איינער איז אפילו אראפגעפאלן.

און ער געדענקט אז איינמאל ל"ד בעומר ביים יארצייט איז איינער וואס האט נישט געקענט גיין מיט די פיס ל"ע געקומען מיט א וועגעלע און גענעכטיגט אין רימנוב און אויפצומארגנס, ויהי לנס ער האט אנגעהויבן צו גיין כאחד האדם!

פארציילט אונז ווייטער דער רימנוב'ער רבי שליט"א, אז מיט אפאר יאר צוריק איז געקומען א איד מיט א וועגעלע וואס האט נישט געקענט גיין מיט זיין פוס, צום ציון פונעם רבי ר' מענדעלע זיע"א אויף די יארצייט ל"ד בעומר און ער

האבן חרוב געמאכט די דאך מיט די ווייבער שול .

מיט ארום צוואנציג יאר צוריק האט דער רב שליט"א געטראפן דעם ביהמ"ד פוסט און וויסט - אן קיין דאך און פענסטערס, ער האט דאן איבערגעבויט דעם שול, און דארטן רעכט דער רב שליט"א יארצייט סעודות ברוב עם יעדע יאר ביים יארצייט פאר הונדערטער אידן במשך המעת לעת פונעם יארצייט . ער האט אויך צוגעשטעלט א ווארעמע מקוה פאר אלע וואס קומען להשתטח על ציונו הקדוש ביום ההילולא.

אידן באטראכטן דעם אלטן ביהכנ"ס אין רימנוב

דער פראכטיגער ביהכנ"ס היינט צוטאגס

האט דארט גענעכטיגט.

אויפצומארגנס ביים יארצייט סעודה אינעם שול פון רימנוב'ער רבי שליט"א, ווען דער עולם האט געטאנצן האט דער איד אנגעהויבן צו טאנצן בפני קהל ועדה כאחד האדם!!

ויהי לאות ומופת און די גאנצע עולם האט געשטוינט און גע'רעש'ט דערפון.

רבי יעקב יוסף ראזענבערג האט אים דאן געהייסן זיך צוריק זעצן אין די וועגעלע אלס עין הרע.

(דאס האט אויך פארציילט רבי יעקב יוסף ראזענבערג שיחי' פון מאנסי - ברודער פונעם באקאנטן עסקן רבי מענדל ראזנבערג - ביים יארצייט סעודה ברוב עם אין רימנוב.)

רימנובער רב שליט"א האט א קבלה ביי אים אין משפחה נכדי הרבי רבי מענדעלע זיע"א מדור דור. און אזוי האט ער אויך מקבל געווען מזקני החסידים פונעם פריערדיגן דור אז מען זעט גרויסע ישועות ביים נעכטיגן אין שטאט רימנוב ביים יארצייט.

דער רימנוב'ער רב האט טאקע איבער געבויט די שטאט שול פון רימנוב וואס איז איבער 500 יאר אלט, וואו דער הייליגער רבי ר' מענדעלע זיע"א פלעגט מפעם לפעם דאווענען און האלטן דרשות דארטן, און די דייטשן ימ"ש

געקעמפט מיט די כוחות הטומאה

הרה"ק רבי ר' מענדעלע איז אמאל געפארן אין די זומער זיך אפצורוען אין דער שטאט גרויסווארדיין. מען האט געדינגען פאר דעם גרויסן צדיק א הערליכע הויז ממש ביים עק פונעם שטאט, א שיינע פראכטפולע גארטן איז געווען ארום און ארום, עס איז געווען זייער געשמאק, מען האט זיך געקענט גוט אפרוען דארטן. און צוזאמען מיט'ן רבי'ן, פארשטייט זיך זענען מיטגעקומען חסידים. דאס האט געמאכט א גרויסע איבערקערעניש אויף די גאסן, עס האט זיך געטון פון אלע שטעט ארום זענען געקומען מענטשן מקבל פנים זיין דער גרויסער צדיק ר' מענדעלע מרימנוב, עס איז געקומען צופארן חסידים און אפילו סתם מענטשן צו כאפן א בליק אויף דער הייליגער צדיק, און באקומען א ברכה פון דעם צדיק.

אנטקעגן איבער דער רבי'ס הייליגע שטוב האט

געוואוינט א גראף, טשאַראַטאָקאַ, ער איז געווען א גרויסער גביר א ריזיגער עושר, ער וואוינט זיך רואיג אין זיין פאלאץ שוין יארן, פלוצלינג איין שיינעם טאג קומט זיך אן א ראבינער מיט צענדליגער חסידים עס האלטן אין איין קומען וועגענער עס טוט זיך אריין און ארויס, דער רבי באדינט מען ווי א גרויסער קעניג, אפילו ער דער גראף באקומט נישט אזא כבוד, זיינע קנעכט באדינען אים נישט אזוי שיין ווי מען באדינט דעם רבי'ן, וואס גייט דא פאר? זיי זענען אין מיין שטעטל, זיי קומען אייננעמען די שטאט וואס איז דאס, גרויסווארדיין איז מיינס, איך בין דער גראף דא איך בין דער גביר, מיך געבט מען נישט אזא כבוד, פאר מיך שטייט מען נישט מיט אזא פחד ווי מען שטייט פאר דער רבי מיט א יראת הכבוד, נאכ'ן קוויטל א קוש אין די האנט, איך באקום קיינמאל נישט אזא כבוד.

ער האט נישט געקענט אויסהאלטן, יעדן טאג האט ער זיך גערעגט, ער האט אנגעהויבן פשוט צו ווערן קראנקער און קראנקער. די קנאה האט אים ממש קראנק געמאכט, אז ער איז געווארן מער און מער און מער קראנק, ער איז געווארן אזוי מסוכנ'דיג אז מען האט נישט געקענט טרעפן קיין שום מעדיצין וואס קען אים היילן, מען איז געגאנגען רופן דאקטוירים, דאקטוירים האבן אונטערזוכט זיין פולס מען האט געטשעקט, אלעס ארבעט געהעריג די לונגען די נירן די קאפ, אבער ער לעשט זיך אויס ער ווערט קראנקער און קראנקער, זיי האבן נישט געוואוסט וואס דאס איז. מען האט גערופן דאקטוירים פון אלע געגענטער פון אונגארן און פון פוילן.

נאכדעם וואס אלע גרויסע פראפעסארן און דאקטוירים זענען שוין געקומען פון איבעראל, עס האט גארנישט געהאלפן, דער גראף האט קוים געקענט רעדן א ווארט, און ער רופט זיך אן, איך דארף דעם גלח! נו אז ער וויל דער גלח, האט מען גלייך געשיקט איינער פון זיינע באדינערס שנעל רופן דער גלח פידנוק.

גלח פידנוק האט געהערט אז דער גראף טשאַראַטאָקאַ איז שרעקליך קראנק, קומט ער גלייך אריבער מיט'ן גאנצן טראגע, שווארץ אנגעטוהן, ער קומט אריבער צום גראף ער קומט אריין אין שטוב, אה וואס טוסטו דא טשאַראַטאָקאַ, וואס ליגסטו אזוי ווי א וועדזשטעב״ל דא, שטעל דיך אויף פון בעט.

איך קען נישט איך קען נישט, איך בין טויט קראנק, גלח אפשר קענסטו עפעס מאכן? דער גלח הייבט אים אן אונטערזוכן, די הענט די פיס די קאפ.

דו ליידסט אויף א געוויסע מחלה וואס הייסט קנאה, איז דאס ווער???

יא, יא.

ווען ביזטו אזוי מקנא וואס פון דעם ביזטו אזוי קראנק געווארן?

דער ראבינער אקעגן איבער מיין הויז!

אה, דער ראבינער, דער רימנוב'ער ראבינער, דער וואס איז דא אריבערגעקומען, עטליכע וואכן איז ער שוין דא.

יא, אים בין איך זייער מקנא, און פארדעם בין איך שרעקליך קראנק, און איך ליג שוין אזוי א לאנגע צייט.

וואס קען מען טון? דער גלח הייבט זיך אן צו פארזינקען אין זיינע טמא'נע מחשבות, און ער פרעגט דער פריץ טשאַראַטאָקאַ, דער גראף, זאג מיר גראף, אז איך ברענג דיך דער קאפ פון דעם אידישן ראבינער וואס צאלסטו מיך?

דער קאפ, דו וועסט מיר ברענגען דער קאפ?

יא, איך ברענג דיך זיין קאפ, וואס צאלסטו מיך פאר דעם, ביי מיר איז אלס מיט געלט, דו ווייסט דאך. טשאַראַטאָקאַ זאגט אים, איך געב דיך מיין האלבע פארמעגן! אזוי? דיין האלבע פארמעגן געבסטו מיך אוועק? יא! איך גלייב עס נאכנישט אזוי שנעל, ברענג מיר דער שרייבער, ער זאל מיך עס אפשרייבן, דו געבסט מיר האלב פון דיין פארמעגן, נאכדעם וואס איך ברענג דיר דעם קאפ פון דער אידישער ראבינער. דער שרייבער קומט אריבער, אלעס ווערט אפגעשריבן, דער גלח זאגט, זארג נישט, ביז געציילטע טעג איז עס מסודר.

דער הייליגער רבי מענדעלע מרימנוב האט אפילו

> "דהנה מצינו שהצדיקים גם לאחר פטירתן מהעולם הם מתפללים להשי"ת" ואם כן יש לומר דאחר פטירת הצדיק הוא בא להתפלל במקום שהתפלל שם בחיים חיותו בזה העולם, כיון שהמקום כבר קנה קדושה להשראת שכינתו, ומועיל במקום ההוא שכבר התפלל שם לקבל תפלתו.
>
> עצי חיים
> פרשת תרומה דף קנ"ח

נישט געוואוסט, מען האט אים נישט מודיע געווען פון הימל, ער האט נישט געוואוסט וואס גייט פאר פון אונטער אים בכלל, גארנישט, אלעס איז אנגעגאנגען ווי נארמאל.

דער גלח האט זיך גענומען צו זיין טמא'נע ארבעט, ער האט גלייך געשיקט זיין באדינער זאל גיין געוואויר ווערן ווער עס ארבעט ביי ר' מענדעלע אין שטוב, צי ער האט א גוי'אישע דינסט, וואס ארבעט דארט אין שטוב. א האלבע שעה שפעטער קומט צוריק דער משרת פון דער גלח, עס ארבעט דארטן א א אלטע דינסט. נו!! ברענג איר אהער!!! ער איז שנעל געלאפן, געלאזט וויסן פאר די גוי'אישע דינסט אז דער גלח פידנוק רופט איר אריבער.

זי קומט שנעל צו לויפן, יא, הער פאטער גלח, וואס קען איך דיך העלפן? דער גלח הייבט אן, איך וועל נישט מאכן צי לאנגע מעשיות, דו ווילסט מאכן געלט?

רבי מיט די גבאים, וואס איך האב נאר געקענט ברענגען איז די קליינע שטיקל שטרוי, די שטיקל שטרוי פון זיין בעט.

דער גלח זאגט, א דאנק, א דאנק, עס איז מיר פונקט גענוג, איך דארף נישט מער ווי דאס, עס איז מיר גענוג און נאך. דא האסטו, ער גיבט איר א זעקל מיט געלט, שיין באצאלט, דו דארפסט האלטן די מויל פארמאכט, ווייל איך דארף ארבעטן אויף א מיסטעריעזע שטילע וועג וואס קיינער ווייסט נישט.

דער גלח האט אנגעהויבן מיט זיינע טריפה'נע שמייליגע ארבעט. ער האט אנגעהויבן באארבעטן כישוף.

עס איז געווען דעמאלטס חמשה עשר באב, דער הייליגער צדיק רבי מענדעלע זיצט מיט זיינע חסידים און פראווועט א טיש פול מיט חסידים פון אלע זייטן, יעדער זיצט דארטן און מען טיילט אויס פארציעס צו

דער ביהכנ"ס אין רימנוב פאר 30 יאר צוריק

דער הייליגער אוהל פון הרה"ק רבי מנחם מענדיל מרימנוב זי"ע

זאגט זי, יא אודאי, זיכער, פארדעם בין איך דאך דא.. איז אזוי, איך וויל זאלסט מיך ברענגען עפעס פון דער אידישער ראבינער וואס דו ארבעטסט דארטן, א זאך וואס טראגט אויף דעם זיין שווייס, עפעס א האָר עפעס וואס דו קענסט מיך ברענגען וואס האט אויף זיך די שווייס פון דער אידישער ראבינער, דאס איז די גאנצע וואס איך דאַרף. אזוי, זאגט די דינסט, איך ברענג עס זייער גערן.

א טאג שפעטער קלאפט זי ווידער אויף די טיר פון דער גלח. ווער איז דא? דאס בין איך די דינסט פון דער אידישער ראבינער. יא נו האסט מיך געברענגט וואס איך דארף? דער גלח זאל מיך מוחל זיין אבער איך קען נישט צוקומען צו אלע זאכן, עס דרייען זיך דארטן דער

עסן, פארשטייט זיך דער רבי צווישן יעדע זאך זאגט ער דערהויבענע ווערטער דערהויבענע זאכן, מאכט עליות נשמות, אלע חסידים יעדער איז אויף מיט גרויסע אויגן מען שלינגט מיט דארשט יעדע ווארט פון דער גרויסער הייליגער צדיק, נאך אסאך מער ווי ענק שלינגען מיט דארשט א מעשה, יעדער איינער שטייט פארגאפט נישט אראפנעמענדיג קיין אויג פון דעם צדיק.

אינצווישן אינמיטן די סעודה עס איז שטיל, דער רבי האלט אינמיטן דרש'ענען, מען האלט אינמיטן זאגן תורה, און פלוצלינג פון יענע עק בית מדרש הייבן אן איינער נאכ'ן צווייטן איינצושלאפן, עס איז געפאלן א מידקייט, איינער נאך דער אנדערער איז יעדער איינגעשלאפן.

דער הייליגער ר׳ מענדעלע מרימנוב קוקט זיך ארום, און ער זעהט ווי האלב בית מדרש שלאפט, ער פראבירט צו רעדן העכער, און זאגן העכער, די משנה זאגט אז דער טאג חמשה עשר באב איז געווען א גרויסע יו"ט ווייל, און ער הייבט אן רעדן נאך העכער ווייל ער האט געזעהן אז דער עולם שלאפט איין, און די גמרא זאגט אז עס איז געווען געוויסע שבטים וואס האבן זיך נישט משדך געווען איינער מיט די אנדערע, ער איז געגאנגען נאך העכער, און נאך עטליכע מינוט זעהט ער שוין יעדער איינער שלאפן, ער דרייט זיך אויס צו זיין גבאי אין די זייט, דער גבאי איז אויך איינגעשלאפן, יעדער איינער שלאפט, עס איז א פחד.

דער הייליגער צדיק רבי מענדעלע האט אנגעהויבן פאלן א מורא׳דיגע פחד, זיינע הענט און פיס האבן אנגעהויבן שוידערן, און פלוצלינג הערט ער שוין פון די דאך עפעס קראצט, עס הייבן אן פאלן שטיקלעך פון די דאך, דער הייליגער צדיק רבי מענדעלע האט געשפירט אז עפעס א שרעקליכע טומאה גייט דא פאר, עפעס א כח קומט דא פאר, איינער באארבעט כישוף.

דער הייליגער צדיק רבי מענדעלע האט קוים געקענט רירן זיין הענט, און ער שארט זיין האנט צום עק פון די טיש וואו עס איז געלעגן די הייליגע ספר נועם אלימלך, ער ברענגט עס נאנט צו זיין פלאץ ער קען עס קוים עפענען, און עס פאלן א גאנצע צייט שטיקלעך פון דאך, און ער הערט שרעקליכע גערודערס פון אינדרויסן, אלעס שלאפט, יעדער שלאפט שרעקליך טיף, ער פראבירט צו וועקן זיינע זייטיגע גבאים און עס גייט נישט גארנישט.

ר׳ מענדעלע הייבט נאר אן ארייינצוקוקן אין די הייליגע ספר נועם אלימלך, ווי נאר ער הייבט אן ארייינצוקוקן, פלוצלינג זעהט ער שוין איינער האט זיך שוין אויפגעוועקט, נאך איינער האט זיך שוין אויפגעוועקט, ביז עטליכע מינוט ער האט אפגעלערנט א שטיקל נועם אלימלך איז יעדער שוין צוריק געווען אויף. דער הייליגער צדיק ר׳ מענדעלע געבט א שריי, גבאים! לאמיר שנעל אנטלויפן פון די שטאט ווייל א שרעקליכע טומאה גייט דא פאר! באשטעלטס די וואגן, געגאנגען, מען פארט שוין ארויס!!!

רבי מענדעלע האט זיך גלייך ארויפגעזעצט אויפ׳ן וואגן, מען האט ארויפגעפאקט וואס מען האט געקענט, אלעס איז ארויף אויפ׳ן וואגן, און מען האט זיך גענומען שמייסן די פערד אויפ׳ן וועג ארויס פון גרויסווארדיין, אזאנס אזעלכע שרעקליכע כוחות וואס דא גייט פאר, עס איז דאך א פחד איום ונורא. נאך דעם וואס זיי זענען אפגעפארן עטליכע מייל אריין אין וועג, ארויס פון דארטן, זענען זיי אנגעקומען צו א אידישע קרעטשמע, רבי מענדעלע האט געהייסן אפשטעלן די וואגן, מיר גייען דא אריין אין קרעטשמע זיך אביסל אפרוען פון די געפערליכע פחד וואס איז פארגעגאנגען.

נישט צי לאנג נאכדעם איז שוין גלח פידנוק געשטאנען אינדרויסן פון די קרעטשמע, און ער זעהט עס טוט זיך מענטשן דארטן, אידעלעך, און ער זאגט, איז ענקער ראבינער אפשר דא? זאגן זיי יא. איך דארף זייער וויכטיג רעדן מיט אים, רופטס אים ארויס צו מיר. ווי נאר דער הייליגער רבי ר׳ מענדעלע האט דאס געהערט, האט ער געזאגט בשום אופן, די טיר זאל זיין פארשלאסן, ער איז א שרעקליכע כח, אבער ער איז דערנאך. די מענטשן זענען צוריק ארויסגעגאנגען און געזאגט, אונזער ראבינער וועט זיך נישט קענען באווייזן פאר אייך, אנטשולדיגט.

רופט זיך אן דער גלח, און ער זאגט, זאלט עטס וויסן, עטס האטס א גרויסער ראבינער וואס איז נישט דא אזוינס אין די וועלט, ווייל איך בין א שרעקליכער כישוף מאכער, מיין כח איז מורא׳דיג שטארק אזוי ווי ענק האבן געשפירט אין ענקער בית המדרש עטס זענסט אלע אנטשלאפן, עס האט געפעלט א האר אז דער רבי זאל זיין דערנאך, אבער ער האט זיך אקעגן געשטעלט אקעגן אונזער כח, און איך בין אראפגעפאלן באוואוסטלאז איך האב נישט געהאט קיין כח מער, אזוי בין איך פון דארט אנטלאפן ווי איך האב געהערט אז ענק זענען דא אהער געקומען, און איך וויל ענק נאכאמאל זאגן, עטס האטס א גרויסער ראבינער מיט א שטארקע כח.

נאכדעם וואס דער גלח איז שוין אנטלאפן פון דארטן, האט דער הייליגער צדיק געזאגט, עטס זאלטס וויסן אז דער כישוף מאכער דער גלח האט א מורא׳דיגע כח, און דער הייליגער צדיק האט געזאגט איך האב מיך געמוזט פארלייגן מיט גאר שטארקע כוחות זיך צו שטארקן איבער די כח הטומאה און איך האב עס טאקע אינגאנצן מבטל געווען.

אין די זעלבע וואך איז דער גראף טשאַראַטאָקאַ באגראבן געווארן, ער האט געפייגערט, און דער גלח פידנוק ווי נאר ער איז אנגעקומען אהיים, איז ער געווארן פאראליזירט ער האט זיך נישט געקענט רירן קיין אבר און אזוי איז ער אפגעלעגן ווי א ווערזשטעב"ל דריי יאר ביז ער איז אויך געשטארבן. כן יאבדו כל אויביך ד׳!

סדר פון ביאת המשיח

דער הייליגער ראפשיצער רב זיע"א האט נאך געזאגט פונעם רבי'ן רבי מענדעלע זיע"א די סדר פון ביאת משיח,

וואס וועט זיין במהרה בימינו אמן. ווען משיח וועט קומען, וועט מיטקומען א וואלקן און ער וועט מיטנעמען אלע צדיקים קיין ארץ ישראל. די חסידים וועלן בלייבן אליינס אין חוץ לארץ, וועלן די חסידים אנהייבן צו וויינען, אז נישט געגונג זיי האבן נישט זוכה געווען צו גיין קיין ארץ ישראל, נעמט מען פון זיי אוועק זייערע רבי'ס די צדיקים וואס זענען שטענדיג געווען מיט זיי. וועלן די חסידים מאכן תשובה שלימה, און דעמאלטס וועט קומען א וואלקן און מיטנעמען אלע חסידים קיין ארץ ישראל.

דעמאלטס וועלן זיך די בעלי בתים זייער פרייען, אז ס'וועט נישט זיין קיין חסידים אין זייערע שטעט, און זיי וועלן קענען טון וואס זיי ווילן. אזוי וועט זיין א שטיק צייט ביז איינע פון די בעלי בתים וועט חתונה מאכן, אדער אן אנדערע שמחה, און ס'וועט זיך בכלל נישט דערקענען אז ס'איז דא א חתונה, אזוי ווי ס'איז איינגעפירט אז אויב ס'איז נישט דא קיין חסידים ביי די שמחה, רוט דארט אינגאנצן נישט קיין שמחה, און די בעלי בתים וועלן האבן עגמת נפש דערפון, און זיי וועלן איינערקענען דעם אמת, אז ס'איז זיי גוט געווען מיט חסידים צוזאמען, און דעמאלטס וועט קומען א וואלקן און אויך זיי טראגן קיין ארץ ישראל.

וועט איבער בלייבן די פושעים מיט רשעים אין חוץ לארץ, און זיי וועלן האבן א געוואלדיגע שמחה נישט זיך פארצושטעלן, אז פון יעצט אן, וועלן זיי קענען ארויסגעבן זייערע גאנצע רשעות אן קיין אפהאלט.

אזוי וועט זיין פאר א שטיק צייט, און שפעטער וועט דער אייבערשטער אריינגעבען אין די הערצער פון די גוים, אז זיי זאלען זייער פיינט האבן די פושעים מיט די רשעים, און זיי וועלן זיי רודפ'ן מיט אלע סארט רדיפות עד אין לשער, און זיי וועלן האבן גרויסע צרות, ביז זיי וועלן מוזן תשובה טון, און דעמאלטס וועט זיי א וואלקן טראגן קיין ארץ ישראל.


ספר
מנחם ציון
לעמבערג
תרל"ח
menachem zion
Verlag des J. M. Nik
W. Salat und Jom. niK Lemberg 1878

ערשטע דרוק פונעם ספר "מנחם ציון"

דעמאלטס וועלן אלע אידן זיין אין ארץ ישראל, און אין חוץ לארץ וועט נישט בלייבן קיין שום איד, און ממילא וועט זיך אויפהערן די השפעה אין חוץ לארץ, די ערד וועט נישט גיבן קיין פירות, און די הימל וועט נשט געבן רעגן, ווייל די גאנצע צייט ווען אידן זענען געווען אין חוץ לארץ, האט דער אייבערשטער געשיקט השפעות וועגן זיי, און ס'וועט זיין א גרויסע יקרות אין חוץ לארץ, ס'וועט נישט זיין וואס צו עסן, אין ארץ ישראל וועט זיין זייער ביליג, ווייל דארט וועט זיין השפעות פון אלעם גוט'נס, נישט על פי דרך הטבע.

די גוים פון חוץ לארץ וועלן קומען קיין ארץ ישראל קויפן עסן, און זיי וועלן מיטברענגען זייערע שטרות, און מ'וועט שטעלן בית דין זיצן אין אלע שטעטלעך איבער קוקן זייערע שטרות, און בית דין וועט פסל'נען זייערע שטרות, און זיי וועלן זאגן אז דאס איז נישט על פי תורה, וועלן די גוים גיין און ברענגען מזומן געלט, און אויך דאס וועט מען פון זיי נשט נעמען, נאר גאלד און זילבער, און נישט פאפיר, און אויך די גאלד און זילבער וועט מען נישט נעמען וויפל ס'איז ווערד, נאר לויט די וואג. און מ'וועט נעמען פון זיי זייערע גאנצע פארמעגן, בהמות און חפצים, ביז ס'וועט גארנישט בלייבן פאר זיי וואס צו ברענגען.

און די גוים פון חוץ לארץ וועלן זיך בארעכענען צו מאכן א מלחמה מיט די אידן אין ארץ ישראל, און ס'וועט זיין מלחמת גוג ומגוג, און דעמאלטס וועלן זיי האבן א גאנצע מפלה.

דער אייבערשטער זאל העלפן, אז מיר זאלן שוין טאקע זוכה זיין בקרוב צו משיח'ס קומען.

(חמדה גנוזה דף קל"ו, כתב יד הרה"ק רבי סיני פון זשעמיגראד זצוק"ל, בן הרה"ק רבי ברוכ'ל פון גארליץ זי"ע)

זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל אמן

קרעדיט: דער בלאט DER BLATT

מוֹשַׁב טוֹב יָשַׁבְתָּ

ווען רבי שמעון האט נאכנישט געהאט מנין

שטייענדיג פאר ל"ג בעומר הבעל"ט ברענגען מיר א ברייטע און אינהאלטסרייכע שמועס
- אינעם שמועס צו "דער בלאט" ערב ל"ג בעומר תשפ"א -

מיט הרה"ח ר' מאיר יהודה העלד שליט"א, יליד מירון, וואס וואוינט היינט אין קרית יואל - ניו יארק, מו"ל פון דעם ספר "מדות הרשב"י" פון הגה"צ המקובל רבי ישעי' אשר זעליג מרגליות זצ"ל.

אינעם שמועס וויקלט ר' מאיר יהודה אויף פון זיינע אומפארגעסליכע יוגנט-זכרונות ווען ער נתגדל געווארן מיט אוירא דמירון, אין שאטן פון זיין פאטער הרה"ח ר' אברהם יעקב העלד ז"ל, און אן עפאכע "ווען רבי שמעון האט נאכנישט געהאט מנין"...

שלום עליכם ר' מאיר יהודה, לויט ווי מיר ווייסן זענט איר אויפגעוואקסן אין מירון, צו וועלכע יארן גייט מען צוריק?

אין שנת תשי"ג איז מיין פאטער הרה"ח ר' אברהם יעקב ז"ל אויפגענומען געווארן אלס שוחט פון מירון, און דארט האט ער געוואוינט כמעט ביז צו זיין פטירה בשנת תשל"ח. פארדעם איז ער געווען א שוחט אינעם דארף "כפר יחזקאל", און נאך פארדעם איז ער געווען אין אייראפע.

אלס בחור איז ער געווען א תלמיד פון הגה"ק בעל **לחם שלמה משאמלוי** זצ"ל הי"ד. ער האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פונעם טורדא שוחט, איצקאוויטש האט ער געהייסן. ער האט אויפגעשטעלט א משפחה פון דריי קינדער וואס זענען ליידער אומגעקומען עקד"ה.

נאך דער קריג האט דער טאטע חתונה געהאט אין טשעטשאוויץ מיט מיין מאמע ע"ה, א טאכטער פון הרה"ג ר' יואל צבי ראטה ז"ל שו"ב דיברניטש, אן אייניקל פונעם **בית היוצר** זצ"ל.

נאך א שטיק צייט זענען מיינע עלטערן געפארן קיין ארץ ישראל, וואו דארט בין איך געבוירן. ביז די דריי יאר האב איך געוואוינט אין כפר יחזקאל, ווי דערמאנט. דארט איז נישט געווען א חדר, איז מען געפארן א האלבע/דריי פערטל שעה וועג צום חדר אין כפר גדעון וואו מיין מלמד איז געווען הרה"ח ר' **אברהם אבא הירש** ז"ל. זיינע קינדער ר' מאיר הי"ו (מנהל מוסדות סאטמאר - קר"י) און יבלחט"א ר' מענדל ע"ה זענען געווען מיינע חברים אין חדר.

דו קענסט עס גלייבן? פון דריי-אהאלב יאר האב איך געגעסן "טעג" (!) מ'איז געשלאפן ביי א משפחה שטעסל, און די מאלצייטן האט מען געגעסן ביי פארשידענע משפחות. מ'איז אהיימגעפארן איינמאל אין עטליכע וואכן. ס'איז געווען שווערע צייטן, די ארעמקייט איז געווען געוואלדיג גרויס. ס'איז געווען נאך די קריג און ס'איז געווען א סאך ברית'ן, איז געווען ביי אונז א גאנצע גליק אז מ'קען גיין אין ביהמ"ד נאך א ברית כאפן א קיכל, און דאס איז

הגה"צ רבי מאיר שטערן זצ"ל אב"ד מירון, אין זיינע יונגע יארן, אין די תקופה ווען ער איז געברענגט געווארן קיין מירון דורכ'ן פריערדיגן רב, ר' אברהם יעקב העלד ז"ל

הרה"ח ר' אברהם יעקב העלד ז"ל, שו"ב מירון און פאר א שטיק צייט אויך דער רב]

געווען אונזער "פרישטאג".

ווי אזוי איז צוגעגאנגען די אויפנאמע פון אייער טאטן אלס שו"ב מירון?

דער ערשטער רב אינעם מושב מירון איז געווען הרה"ג ר' מרדכי ציקענאווסקי ז"ל. ער איז געווען א ליטווישער וואס איז געקומען פון בראזיל. תשט"ז האט ער געזאגט אז ער וויל אויפגעבן דאס רבנות, ער גייט אויף בני ברק ווערן א משגיח אין פאנעוויזש. האבן די אנשי המושב געקליבן מיין טאטן פאר רב און שוחט, ש"ץ-מ"ץ ווי מ'רופט עס.

תשי"ט איז געווען א שנת שמיטה, די אויפגאבע פאר א רב איז געווען פילפאכיג שווערער ווי א געווענליכע יאר, און מיין טאטע האט איינגעזען אז דאס רבנות איז צו שווער פאר אים. איז ער אריבערגעפארן קיין חיפה און געבעטן דעם סערעטער רבי'ן זצ"ל ער זאל אים אויסקלויבן דעם בעסטן בחור אין ישיבה פאר'ן רבנות פאסטן אין מירון. דער סערעטער רבי האט אים פארגעשלאגן צוויי בחורים; הרה"ג רבי מאיר שטערן זצ"ל און הרה"ג רבי גדלי' האפמאן ז"ל.

ר' גדלי' האט נישט געוואלט די הצעה. שפעטער איז ער געווארן רב אין בודאפעסט. ר' מאיר האט יא מסכים געווען, און ער איז געקומען אויף פראבע. ר' מאיר האט דאך א געוואלדיגע לשון לימודים, זיינע דרשות האבן שטארק אויסגענומעןביים ציבור און ער איז געווארן רב, אלס ניינצן יעריגער בחור, בעת מיין פאטער איז פארבליבן דער שוחט. און אזוי איז ער געווען רב אין מירון ביז צו זיין פטירה פאראנגענעם חודש תשרי העעל"ט.

וויפיל משפחות האט מירון פארמאגט בימים ההם?

די גאנצע עקזיסטענץ פונעם מושב מירון איז דאן געווען ניי. ס'איז געגרינדעט געווארן בשנת תש"ט (דער אריגינעלער 'מירון' איז געווען דערנעבן, ואכמ"ל). ווען אונז זענען געקומען האבן געוואוינט דארט א קארגע 40-50 משפחות. רוב איינוואוינער זענען געקומען פון שטאט מישקאלץ, וואס אנקומענדיג קיין ארץ ישראל נאך דער קריג האבן זיי זיך גרופירט און מייסד געווען דעם מושב מירון.

שפעטער אין תשט"ז ווען ס'איז געווען די אונגארישע רעוואלוציע און אסאך אידן זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל, האט מירון צובאקומען נאך אביסל משפחות, און דאס דאָרף האט שוין יעצט געהאט ארום 70 פאמיליעס.

דאס דאָרף האט געהאט א פיצעלע שפייז-קראם, און דארט האט מען פארקויפט ממש קלייניקייטן, און ס'איז געווען אפן אפאר שעה אינמיטן טאג. איינער דוד הענדלער האט עס געפירט. אז מ'האט געוואלט געהעריג איינקויפן האט מען געמוזט אריינפארן קיין צפת וואו משפחת שטאנגער האט געהאט די גראסערי אויף רחוב ירושלים. אוודאי נישט א גראסערי ווי היינט, אבער עפעס מער אהערגעשטעלט ווי מירון. אין גאנץ צפת איז דאס געווען די איינציגסטע כשר'ע גראסערי.

א קאר איז געווען א יקר המציאות. ממש יחידים האבן דאס געהאט, און מ'האט זיך נאך פעסט באנוצט מיט פערד- און-וואגן אדער מיט אייזלען. כ'געדענק ווען ס'איז געקומען א טראקטאר אין שטעטל איז זיך יעדער צאמגעלאפן זען דעם וואונדער...

דער ערשטער רב אין מירון, הרה"ג ר' מרדכי ציקענאווסקי ז"ל

ווי אפט דורכ'ן יאר איז געווען מנין ביי די מערה?

רוב שבתים אין יאר איז נישט געווען קיין מנין. כ'זאג דאס שטענדיג, כ'געדענק נאך ווען רבי שמעון האט געדאווענט יארן אן א מנין...

ווייסט ווען ס'איז געווען מנין? די ברסלב'ער חבריא איז געקומען עטליכע מאל א יאר. שבת חנוכה איז ביי זיי א גרויסער ענין, שבועות, און אוודאי ראש השנה. אלול פלעגט עפ"י רוב זיין א מנין. אבער סתם אזוי אינמיטן יאר, אפילו אינמיטן וואך, האסטו רוב מאל געקענט טרעפן די מערה פוסט און לער. די איינצלנע וואס פלעגן קומען אפט, זענען געווען די ספרדי'שע בעטלער און היימלאזע נשמות פון צפת. זיי פלעגן היבש אפזיצן אין די מערה און



חצר המערה, ארום שנת תרפ"ב

געוואַרט אז א טוריסט זאל אנקומען און זיי באגליקן מיט א פיאסטער.

שבת מברכים האט מען שווער צאמגעקלאפט א מנין. כ'געדענק אמאל שבת נאכמיטאג האט מען אונז ארויפגערופן משלים זיין מנין אויף מנחה. מ'קומט אן אויבן, טרעפט מען הרה"ח שמואל טשעשיק ז"ל, א ברסלב'ער בן עלי', ער זוכט א צענטן. איז אריבערגעגאנגען איינער מיט א רענצל, ליידער א מחלל שבת, ער האט זיך שוין געפאקט און ער גייט שוין צום אגד באס.

מ'האט אים געבעטן ער זאל אריינקומען מצרף זיין צו מנין, און ר' שמואל האט געמאכט קולות "מחלל שבת!", ער האט נישט געלאזט מ'זאל אים רעכענען פאר מנין, און מ'האט טאקע געדאווענט ביחידות!

וואס איז טאקע די סיבה אז אזוי ווייניג מענטשן האבן געקלעבט קיין מירון?

דאס פאָרן איז געווען זייער צוריקגעשטאנען. אז א איד פון ירושלים האט געוואלט זיין אויף שבת אין מירון, האט ער זיך געמוזט ארויסלאזן דאנערשטאג נאכמיטאג!

אויף ל"ג בעומר איז אלע יארן געווען א געפאַרעכטס, כאטש לויט די אומשטענדן איז עס געווען גאר שווער. אבער איבער'ן יאר האט מען כמעט נישט געזען קיין מענטשן דארט.

צוויי אידן פון ירושלים זענען געקומען יעדן שבת מברכים אויף מירון. רבי משה בורינשטיין ז"ל, פון די ברסלב'ער חבריא, און הרה"צ רבי אשר פריינד ז"ל. דאנערשטאג נאכמיטאג האבן זיי זיך ארויסגעלאזט פון ירושלים, און זיי זענען אנגעקומען קיין מירון פרייטאג פארמיטאג.

די רייזע איז צוגעגאנגען אזוי. פון ירושלים קיין תל אביב, פון תל אביב קיין חיפה, אין חיפה האט מען געמוזט איבערנעכטיגן ווייל די לעצטע באס פון חיפה איז ארויסגעפארן 6-7 אווענט, און פרייטאג צופרי' איז מען ארויסגעפארן מיט'ן ערשטן באס, דער 61'ער, פון חיפה קיין צפת-מירון.

ווי אפט האט אייער טאטע פארוויילט אין די מערה?

הגם ער האט תמיד געלעבט מיט רבי שמעון, דאס איז געווען זיין חיות, איז ער נישט געווען אזא אפטער גייער. דארפסט פארשטיין, מיר האבן טאקע געוואוינט אין מירון, אבער פון אונזער הויז ביז די מערה איז געווען א שטרעקע פון דריי-פערטל שעה. גאנץ מושב מירון איז באשטאנען פון איין לאנגע אומאויסגעפלאסטערטע שטראז. אונזער דירה איז געווען אונטן, און אנצוקומען צו די מערה האט מען זיך געברויכט ארויפקלעטערן דעם גרויסן בארג און ס'איז נישט לייכט אנגעקומען פאר מיין טאטן.

'ל"ג בעומר' אין מירון, ווי אזוי האט אויסגעזען אין יענע זמנים?

קעגן היינט איז דאס ממש גארנישט, אבער אין פארגלייך צו א גאנץ יאר איז ל"ג בעומר געווען די גרעסטע צאמקום. כ'וואלט געשאצט אז דורכאויס ל"ג בעומר האבן זיך דורכגעדרייט 5-6 טויזנט מענטשן.

אידן גייען ארויף דעם בארג אין מירון צום הייליגן קבר רשב"י, מיט העכער 100 יאָר צוריק

אויב מ'מעג זאגן, ל"ג בעומר איז געווען א "פעסטיוואל". ס'איז געווען אן אנלויף פון אלע מיני מענטשן, כל צרוע וכל זב האט זיך אנגערוקט, כל'ערליי פעדלער האבן אויסגעלייגט סחורה און שמאנצעס, מענער און פרויען האבן זיך געדרייט אין די מערה מיט קלות ראש. די צניעות איז ליידער געשטאנען אויף זייער א נאכגעלאזטן שטאפל. היינט איז ממש אכשר דרא קעגן וואס איז געווען בימים ההם. נישט אומזינסט זענען געווען מנהיגים וגדולי ישראל וועלכע האבן נישט גורס געווען דעם ל"ג בעומר אין מירון כידוע.

לאמיר דיר אראפגעבן עטוואס איבער די ח"י רוטל השגות פון די י' יארן...

היינט איז שוין דא א גאנצע רייע מיט קראנען-סטאנציעס וואס גיסט ארויס כל ערליי געטראנקען. בשנים קדמוניות האט מען נישט גע'חלומ'ט פון דעם.

קודם וויל איך דיר אויפמערקזאם מאכן, זאלסט נישט מיינען אז ס'איז געווען די היינטיגע סארט פלאסטיק גלעזער, און ניטאמאל גלאזערנע גלעזער. ווילסט הערן מיט וואס מ'האט געשטילט די דארשט בימים ההם ל"ג בעומר אין מירון? ס'געווען א איד א בלעכער אין ירושלים וואס האט צאמגענומען בלעכענע קאנזערוון, ער האט צוגעלייגט א הענטל, און 50 אזעלכע האט ער געברענגט אויף מירון אז דער עולם זאל האבן מיט וואס צו טרינקען.

די זעלבע 50 בלעכענע גלעזער איז ארומגעפארן פון איינעם צום צווייטן במשך דעם טאג, איינער האט געטרונקען וואסער און א צווייטער גאר זופ!...

ס'איז געווען כלי שיר א גאנצן טאג?

נע, קוים וואס מ'האט געהערט מוזיק. די ערשטע נאכט האט געשפילט אברהמ'לע סעגאל מיט זיין זון גדלי'. זיי האבן געשפילט אויף א קלארינעט פונעם זמן ביז 12:00 ביינאכט, און נאכדעם זענען זיי אריבער שפילן ביי רבי יוחנן הסנדלר וואו מ'האט געמאכט א שטיקל הדלקה.

צומארגנס איז כמעט נישט געווען מוזיקאנטן דורכ'ן טאג, נאר פארנאכט איז אנגעקומען די

מה נהדר היה המראה ווען החסיד המפורסם רבי זלמן בריזל ז"ל פון ירושלים האט מרקד געווען אויפ'ן פארצייטישן ניגון 'נהלל נודה ונהלל' מיט אן אש להבה

די ערשטע נאכט האבן אברהמ'לע סעגאל מיט זיין זון גדלי' געשפילט אויף א קלארינעט

יערליכע שיירא פון צפת דורך די ספרדי'שע משפחה עבו וואס האט אן אור- אלטער מנהג צו קומען קיין מירון מיט טענץ-און-געזאנג מיט א ספר תורה, א מנהג וואס האלט נאך אן עד היום.

א הדלקה איז געווען?

יא, אויף א קליינעם פארנעם. כידוע האט דער הייליגער רוזשינער זי"ע אפגעקויפט די חזקה פון די הדלקה אין מירון און עס פלעגט געצינדן ווערן בשליחותו, און די חזקה איז נמשך געווארן דורך די רביים לבית סאדיגורא און באיאן.

אין מיינע ציטן האט דער באיאנער רבי, רבי מרדכי שלמה זצ"ל, געוואוינט אין ניו יארק, איז די צענטראלע הדלקה געצינדן געווארן בשליחותו דורך רבי שמחה הכהן קאפלאן ז"ל דער רב פון צפת. ער האט אנגעצינדן א קליין פייער און דער עולם האט געטאנצן ארום.

שפעטער ביי חצות הלילה איז פארגעקומען די "קארלינער הדלקה" וואו די אור רוחני איז איבערגעשטיגן דאס פיזישע פייער. די קארלינער חסידים זענען געשפרינגען און געטאנצן מיט התלהבות אויף די שירי מירון, ומה נהדר היה המראה ווען החסיד המפורסם רבי זלמן בריזל ז"ל האט מרקד געווען אויפ'ן פארצייטישן ניגון "נהלל נודה ונהלל" מיט אן אש להבה.

צומארגנס דורכ'ן טאג איז פארגעקומען הדלקות דורך רביים און מנהיגי קהלות פון פארשידענע קרייזן, אלעס אויף א קליינעם פארנעם, בזעיר אנפין. הגה"ק מתולדות אהרן זצ"ל פלעגט אנקומען פארנאכטס. ער האט נישט מעריך געווען אן עקסטערע הדלקה, נאר אריינגעגאסן אביסל אויל אין די הדלקה וואס מ'האט פונקט געצינדן, און תיכף אריבער צום חצר צו די ריקודין.



סצענע פון חצר המערה ביום ל"ג בעומר אין די תש"י יארן

אויסער ל"ג בעומר ווען איז געווען די גרעסטע געפארעכץ?

ראש השנה. יענע זמנים איז נישט געווען א רעדע צו קענען אנקומען קיין אומאן, זענען טייל ברסלב'ער חסידים געקומען אויף ר"ה קיין מירון צו רבי שמעון פראווען דעם "קיבוץ". הרה"ח ר' אברהמ'לע שטערנהארץ ז"ל, ער איז געווען דער מייסד פונעם מנין. נאך זיין פטירה איז דאס נמשך געווארן דורכ'ן ברסלב'ער משפיע פון צפת הגה"צ רבי גדלי' אהרן קעניג ז"ל. די מענטשן פון ר"ה זענען געווען בני עלי', איינער גרעסער פון צווייטן.

אה, ווי קען מען פארגעסן די הארצרייסנדע "מן המצר" פון הגה"צ המקובל ר' יונה לעבל זצ"ל ביי די תקיעות. ווער ס'האט דאס אמאל געהערט מובטח לו שלא יצא בלא תשובה. ס'איז געווען א הימל-געשריי וואס איז אזוי ארייגעדרינגען אין די ביינער אזש די ווענט האבן געטרייסלט.

אז מ'רעדט וועגן דעם ברעסלאווער מנין ר"ה, איז מיר פונקט היינט פארטאגס אויפגעקומען א מערקווירדיגער זכרון.

כ'דאוון ווָתיקין אינעם גרויסן ביהמ"ד אין קרית יואל. לעצטנס קריגט מען זיך אויפ'ן פונקטליכן זמן פון ווָתיקין, א מינוט ארויף א מינוט אראפ. האב איך זיי געזאגט וואס איך געדענק פון ווָתיקין דורך די ברסלב'ע חבריא וואס האבן דארט געוויילט אויף ר"ה, איז איינער ארויס אין הויף און געקוקט צום הימל און ווען די זון האט אנגעהויבן שיינען איז ער אריינגעלאפן; "צור ישראל"... און היינט דינגט מען זיך א סעקונדע ארויף א סעקונדע אראפ...

ווי אזוי האט די ברסלב'ער קיבוץ ר"ה זיך באזארגט מיט אש"ל?

וויבאלד די אנשי הקיבוץ פון ברסלב זענען היבש געקומען דורכ'ן יאר, האבן זיי שוין געהאט איינגעשטעלט א שטיקל סיסטעם פאר אש"ל. געשלאפן זענען זיי וואו מ'האט נאר געקענט; אין די שטיבלעך, העכער די מערה וכדו'. די קיך אפאראט איז באשטאנען פון א קליין קעכל וואס רעביצין לעבל און אנשין האבן געפירט.

אין מירון האט געוואוינט א איד מיט'ן נאמען ר' חיים זאב לויפער, ער האט געהאט אן אייזל, האב איך גענומען א שותף און מ'איז ארום מבית לבית שנארן עסנווארג פאר די ר"ה קיבוץ.

איינער האט געגעבן אן עפל, א צווייטער צוויי פאטעיטאס, א דריטער צויבל, און ביסלעכווייז האט זיך אנגעפילט א וועגעלע עסן, מ'האט דאס אפגעטראגן צו רעביצין לעבל און זי האט פון דעם אפגעקאכט מאכלי יו"ט וואס האט געווויס געהאט אלע טעמים...

איינמאל געדענק איך ר"ה איז געווארן פארדארבן אן אפגעקאכטע

גרויסע טאפ מיט עסן, אבער מ'האט נישט געוואוסט, דער גאנצער עולם האט געגעסן. די אמבולאנס איז געקומען ר"ה און אלעמען אריינגעטראגן אין שפיטאל אין צפת.

ווען נאך איבער'ן יאר איז געווען א ציבור אין מירון?

דער לעלובער "שבת בהעלותך" איז געווען פון די גרעסטע שבתים לויט די אמאליגע השגות. דער ערשטער רבי וואס האט געפירט טיש אין מירון, איז געווען דער לעלוב'ער רבי, **הרה"ק רבי משה מרדכי זצ"ל**, וועלכער איז יערליך געקומען צו פארן אויף פרשת בהעלותך, גאנץ לעלוב איז באשטאנען פון איין באס, אלע זענען געקומען אויף א שבת-יארצייט פון איינעם פון די צדיקי בית לעלוב.

זיי האבן מיטגעברענגט עסן און געשלאפן זענען זיי וואו מ'האט נאר געקענט. ס'איז געווען א ווארעמע שבת וואס גייט נישט ארויס פון זכרון. דער לעלוב'ער רבי איז געווען א הימלישער מענטש, זיין צורה האט געלאכטן מיט אן אור עליון.

אויך ער"ח אלול איז געווען א שטיקל עולם, א.א.וו. דורכאויס די ירח האיתנים האט מירון היבש געווירבלט מיט אורחים, ספעציעל ימי הסליחות, עשרת ימי תשובה, וכדומה. ז' אדר איז אויך געווען א יום קבוע ווען מירון האט געזען מערערע פוקדים.

וואס קענט איר פארציילן פון די קביעות'דיגע אנשי מירון?

כ'וועל דיר דערציילן א דוגמא פון צוויי "ווארעמע אידן" פון די ברסלב'ער בני היכלא וואס פלעגן אפט ווילן אין מירון.

הרה"צ **ר' יעקב דוב בארזעסקי** ז"ל. ער איז יארן לאנג געווען דער בעל מוסף ביי די ברסלב'ער קבוצה ר"ה אין מירון. די ערשטע פאר יאר נאך די פטירה פון הרה"ק מסאטמאר זי"ע, בין איך געפארן אויף ר"ה קיין מירון, צוזאמען מיט להבחל"ח הרה"ח ר' פייבל ווייס ז"ל פון קרית יואל. ר' יעקב דוב האט אראפגעלייגט א דביקות'דיגע מוסף מיט אזא געוואלדיגע שפיכת שיח.

נאכ'ן דאווענען זאגט מיר ר' פייבל וועלכער איז געווען אזוי איבערגענומען פונעם בעל מוסף, כ'מוז אים גיין זען. אונז האמיר געהאלטן נאכ'ן עסן א פיינע סעודה, און מ'האט זיך ארויסגעלאזט צו זיין שטוב העכער די מערה, וואו ער איז איינגעשטאנען, זעה מיר ווי ער זיצט מיט צוויי מצות און א פושקע סארדינען, און דאס איז געווען זיין סעודה ר"ה. דאן האט ר' פייבל שוין פארשטאנען פון וואו ס'נעמט זיך אזא כח המעורר.

נאכדעם איז געווען צום גדלי' צופרי ביים דאווענען, זעה איך ר' יעקב דוב גייט ארום ביים דאווענען נאך געלט, און כ'האב אים געגעבן א דאלער. שפעטער ביי אשרי ובא לציון זעה איך אז ער גייט שוין נישט, פרעג איך אים ר' יאנקל, מתחלה מאי קסבר ולבסוף מאי קסבר? פארוואס גייט איר שוין נישט נאך געלט? איר האט זיך באליידיגט פון מיר, כ'קען אייך געבן נאך א דאלער...

זאגט ער, "ניין ניין, ס'איז גוט, כ'האב נאר געדארפט צאמקלייבן געלט צו קענען פאר'ן מיט'ן אגד קיין ירושלים." פרעג איך אים וואס וועט זיין מארגן? "דער אויבערשטער וואס האט מיר היינט געהאלפן וועט מיר אויך מארגן העלפן." האט ער געענטפערט מיט א תמימות. א השגה פון א בעל אמונה און מסתפק במועט.

יעצט הער א מעשה מיט א צווייטן בן עלי', הרה"צ המקובל **ר' יונה לעבל** ז"ל, וואס ווי דערמאנט איז זיין פרוי הרבנית ע"ה געווען פון די קעכערינס.

געדענק איך עס איז געווען אמאל ה' אב, די יארצייט פונעם אריה"ק, ווען א גרויסער עולם איז געקומען קיין צפת צום ציון. געווענליך פלעגט אין אזא טאג זיין א שטיקל עולם אויך אין מירון, אז מ'איז שוין אין צפת איז מען צוגעפארן קיין מירון. אבער אזא יאר אז ס'איז געפאלן פרייטאג די יארצייט, און ס'איז נאך געווען אן אויסערגעווענליכע היץ, זענען ווייניג געקומען, נאר די ברסלב'ער חבריא זענען געקומען פראווען דעם שבת אין מירון.

כפי מנהגם האבן זיי געדאווענט זייער פרי מנחה וקבלת שבת. ווען זיי האבן געטאנצן לכה דודי האט נאך די זון געשיינט מיט'ן פולן פראכט. מיר זענען געווען קינדער, און מ'האט געשפילט אינדרויסן פון די מערה. פלוצים זעען מיר ווי ס'שלעפט זיך ארויף דעם בארג אן ארחי פרחי מיט א טארבע אויפ'ן אקסל.

פאר די קינדער איז די ערשיינונג געווען א מציאה, מ'האט באשלאסן אז דער איד איז א 'מחלל שבת', ווייל ער קומט אהער וואכענדיג ווען ס'איז שוין שבת, והא ראי' מ'האלט שוין ביי לכה דודי אין די מערה. מ'האט זיך גענומען ליארמען אויף דעם איד "שבת! שבת!" און ס'איז געווארן לעבעדיג.

ווען ר' יונה האט געהערט די געשרייען איז ער ארויסגעלאפן פון די מערה און אונז אריינגעגעבן א מוסר- פארציע פאר'ן זיך אזוי באגיין מיט דעם איד. "איר זעט נישט די נשמה ליגט אים אויף די שפיץ נאז, און ענק שרייען שבת?! געט אים א גלאז וואסער..." ער האט יענעם געהייסן אראפלייגן זיין טארבע,

און דערלאנגט איין גלעזל וואסער נאכ'ן צווייטן, דערנאך האט ער אים סערווירט א טעלער זופ, און ארויפגעטראגן זיין געפעק צום שטוב אריין.

דאס איז געווען ר' יונה לעבל. ער איז געווען זייער הויך בגשמיות, אפשר זיבן פיס, אבער זיין הויכקייט ברוחניות איז אוממעסטבאר.

וועגן אפטע געסט אין מירון, קומט מיר אויף אין זכרון דאס געשטאלט פון הרה"ח ר' אפרים גאטליב ז"ל, א פייערדיגער קארלינער חסיד. ער פלעגט קומען לכה"פ צען מאל א יאר אין מירון, ער איז זייער דבוק געווען אינעם קדושת המקום. ביי יעדן מינדעסטן פראבלעם וואס האט זיך געמאכט האט ער געכאפט דעם נעקסטן באס קיין מירון, און ער פלעגט זאגן אז ביי רבי שמעון קען מען אלעס פועל'ן.

ער פלעגט נישט דערמאנען דאס ווארט "מירון", און ווען מ'פלעגט אים פרעגן ווען ער פארט קיין מירון? האט ער געענטפערט אז ער פארט בכלל נישט קיין מירון, נאר ער פארט צו "רבי שמעון"!

ווען כ'האב לעצטנס גערעדט אויפ'ן טעלעפאן מיט הגה"צ רבי אלימלך בידערמאן שליט"א, און ער האט זיך אויסגעדרוקט "ס'איז מיר א נחת צו רעדן מיט א מירונ'ער איד", האב איך מעיר געווען אז כ'בין נישט א מירונ'ער איד, נאר 'רבי שמעונ'ס א איד'...

וואס געדענקט איר פון הגה"צ המקובל ריא"ז מרגליות זצ"ל אין מירון?

מ'דארף קיינעם נישט פארציילן איבער זיין התקשרות צו רשב"י ואור תורתו בכל נימי נפשו. כ'האב געהאט די זכי' צו קענען-לערנען דעם גאון וצדיק אדאנק זיין אפטע פארווילן ביי רבי שמעון'ן.

דורכ'ן יאר איז ער היבש געקומען, ספעציעל ל"ג בעומר ווען ער איז געקומען מלובש בבגדי שבת און געפייערט דעם יו"ט מיט העכערע השגות, אבער דער הויכפונקט איז געווען בימי הרחמים והרצון ווען ער פלעגט אפיציעל "וואוינען" אין מירון פון ר"ח אלול ביז נאך יום הקדוש. ער האט געהאט א שטיבעלע העכער די מערה וואו ער פלעגט אפזיצן טעג און נעכט און עוסק זיין ברזין דאורייתא.

ער האט נישט געוואלט עסן פון קיינעמ'ס מאכלים, נאר וואס מיין מאמע האט פאר אים אפגעקאכט. ווען איך בין געווען אינדערהיים אויף בין הזמנים בין איך געווען דער שליח ארויפצוטראגן דאס עסן און מהנה זיין נפש צדיק.

כ'בין נאך געווען א יונג בחור'ל און ס'איז נישט שייך געווען צו האבן א פערזענליכע משא ומתן מיט אים. בכלל איז ער געווען א שתקן, און זיין צורה האט געטראגן זייער אן ערנסטע מינע, מ'האט פשוט מורא געהאט צו רעדן מיט אים סתם זאכן. מיט זיין זון הגה"צ המקובל רבי שלמה אליעזר זצ"ל האב איך שוין יא געהאט נאנטע שייכות, און אויף זיין בקשה האב איך איבערגעדרוקט דעם ספר "מדות הרשב"י" פון זיין פאטער רבי אשר זעליג ז"ל.

דער ספר איז טאקע בארימט אלס יחיד במינו בליקוט תורת רשב"י, וואס קענט איר פארציילן דערוועגן?

ריא"ז ז"ל האט דאס ארויסגעגעבן נאך אין תש"ב, ענטהאלטנדיג א ליקוט פון אלע מאמרים פון רשב"י וואס מ'טרעפט אין חז"ל, ש"ס בבלי וירושלמי, תוספתא, ספרא, ספרי, אלע מדרשים, וכו'. מתחת לקו לויפט דער מדור "ביאור הקצר" וואס איז אין קורצן מפרש די מימרות, און דער מדור "מראה זוהר" וואס איז מלקט אלע מאמרים פון רבי שמעון אין זוה"ק, וואס האבן שייכות צו זיינע מאמרים אין נגלה.

זיין זון רבי שלמה אליעזר ז"ל האט מיר אמאל געבעטן, ערגעץ

זעלטענער בילד פון הגה"צ המקובל רבי אשר ישעי' זעליג מרגליות זצ"ל ביי די פייערליכע ריקודי קודש אין מירון

אין די מ' יארן, אז כ'זאל ארויסהעלפן מיט'ן איבערדרוקן דעם ספר וואס איז שוין לאנג נישט דא צו באקומען. האב איך דעמאלטס געלאזט דרוקן 5 טויזנט שטיק און ס'איז שנעל אויסגעגאנגען.

אין יאר תשע"ב האב איך געלאזט דרוקן די נייע הערליכע אויפלאגע פון צוויי בענדער, מיט'ן תוספות אורה, ווען די מאמרי זוהר איז געפלאכטן מיט'ן פירוש "מתוק מדבש". כ'האב דעמאלטס טעלעפאנירט דעם מחבר הגה"צ המקובל רבי דניאל פריש זצ"ל און ער האט גערן מסכים געווען מ'זאל דאס איינדרוקן.

אין די נייע אויפלאגע האב איך ערהאלטן ווארעמע הסכמות פון גדולי תורה ומשפיעים, ווי הרה"ג רבי מאיר שטערן זצ"ל אב"ד מירון וועלכער פארציילט זייער גרויס פון מיין טאטנ'ס מסירת נפש און הכנסת אורחים פאר מירון, פון הגה"צ המשפיע רבי אלימלך בידערמאן שליט"א מיט וועם מ'האט ב"ה א נאנטע קשר ידידות, און פון הגה"צ המקובל רבי גמליאל ראבינאוויטש שליט"א מיט וועם מ'איז אויך שטארק בידידות.

אינמיטן יאר איז געווען צוגעשטעלט אש"ל אין מירון?

נישט ביי די מערה, דארט איז בימים ההם נאכנישט אנגעגאנגען קיין שום הכנסת אורחים ואש"ל פון וואס מיר ווייסן היינט. נאר ביי מיינע עלטערן אין שטוב האט מען אלעמאל געקענט האבן צו עסן. מיין פאטער האט געהייסן "אברהם יעקב", און זיין שטוב איז געווען א ווירקליכע בית של אברהם אבינו

עס איז אומבאשרייבליך די מדת הכנסת אורחים וואס איז אנגעגאנגען ביי משפחת העלד. מ'דארף פארשטיין אז א גרויס טייל פון די אידן וואס זענען אנגעקומען אין מירון דורכ'ן יאר, זענען נישט געווען אנשים מיושבים. אסאך זענען געווען עלנדע און מאדנע לייט, און ביי מיינע עלטערן אין שטוב פלעגן זיי אלעמאל באקומען עסן צו דער זעט.

כ'געדענק אז אמאל איז אנגעקומען אויף שבת א איד, גראדע א נארמאלער מענטש, און גאר מיט העכערע השגות, אבער גוט הונגעריג איז ער געווען. מ'קען זיך נישט משער זיין די ארעמקייט וואס האט געהערשט יענע צייטן. אלנפאלס, ער האט געזאגט אז ער גייט פראווען דעם שבת אויבן אין די מערה, און ער האט נישט אויף סעודות שבת. פארשטייט זיך מיין מאמע האט אים צוגעגרייט רייכע פארציעס, מ'האט עס גוט איינגעפאקט, און דער איד האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג ארויף צו די מערה.

איך בין געווען א יונגל, כ'בין ארומגעלאפן אין דארף, האב איך באמערקט אז דער איד, זייענדיג נעבעך אזוי הונגעריג, האט געגעסן די מאכלים במשך דעם וועג ארויף, און אנקומענדיג אויבן איז שוין נישט געבליבן קיין זכר...

כ'האב דאס דערציילט פאר מיין טאטע, און וואס מיינסטו? ער האט פריש איינגעפאקט פולע סעודות שבת און מיר געהייסן

סצענע פון חצר המערה ביום ל"ג בעומר אין די תש"י יארן

ארויפטראגן צו דעם איד, ער זאל האבן אויף שבת. צען מינוט צום זמן האב איך געדארפט ארויפטראגן דעם גאנצן שבת.

יעדער איד איז ביי אונז אין שטוב באטיטלט געווארן "פעטער" בדרך כבוד. 'פעטער זעצט אייך', 'פעטער דא האט איר', אזוי האט מען גערופן אלע אורחים ביי אונז אין שטוב.

און מיין טאטע איז בכלל נישט געווען פארמעגליך. ווייט פון דעם. ער האט פארדינט זייער א מאגערער געהאלט, 180 שקל א חודש. ער האט קוים געהאט אויף צום לעבן, אבער ווען ס'איז געקומען צו הכנסת אורחים ער האט נישט געהאט גבולים.

ס'איז געווען א טעגליכע ערשיינונג, ווען מיין טאטע איז אהיימגעקומען פון ביהמ"ד האט שוין אפגעווארט א גאנצע מחנה מענטשן וועלכע האבן געדארפט עסן אדער געזוכט וואו איבערצושלאפן, און מ'האט אלעמען סערווירט מיט א יד רחבה.

איינמאל געדענק איך ס'איז געקומען אפאר אורחים אין שול אריין, זיי האבן געווארט מיין טאטע זאל ענדיגן דעם שיעור און אהיימגיין עסן, איז אנגעקומען א קאר מיט א נגיד'ישע משפחה פון וויען. כ'בין געווען נאך א קינד, בין איך געלאפן צו מיין טאטן זאגן אז עס זענען אנגעקומען נאך מענטשן, זיי ווילן גוט באצאלן. האט מיין טאטע געזאגט "יענע קענען גיין אין א מלון (האטעל) אין צפת, די אידן דא קענען נישט."

אויף צו שלאפן איז אויך געווען אכסניא ביים טאטן?

אוודאי. און ווי גרויס איז געווען אונזער הויז? א קליין הייזקע פון דריי צימערן. א שלאף-צימער, א ספרים- צימער, און א קאך. אפיציעל זענען די קינדער געשלאפן אינעם ספרים צימער, אבער זייער אסאך מאל איז דאס געווען פארנומען מיט געסט, און מיין ברודער און איך זענען געשלאפן אינדרויסן אין חצר אויף היי.

וויפיל מאל האט מען נישט געקענט שלאפן אינדרויסן, ווינטער איז אסאך מאל געווען זייער קאלט און מ'האט נישט געקענט שלאפן אין גאס, האט מיין טאטע אויסגעשפרייט זיין מאנטל אויף די טיש אין קאך, און אויף דעם זעמיר געשלאפן (!) שפעטער האט מען צוגעבויט נאך א צימערל צום הייזקע, האט מען שוין געהאט נאך אביסל פלאץ פאר געסט...

אסאך צדיקים און ערליכע אידן זענען ביי אונז איינגעשטאנען במשך השנים. א שטייגער די רביים פון קרעטשניף, קלויזנבורג, מאקאוו, ביאלע, און נאך אסאך. אויב מ'האט געוואלט איבערנעכטיגן אין מירון האט מען געמוזט שלאפן ביים טאטן, ס'איז נישט געווען נאך א היימישע שטוב בימים ההם.

ווי אזוי איז מירון געווען אינעם רוחניות'דיגן אויסזען בימים ההם?

פון דעם קען מען רעדן און רעדן און נישט אויפהערן. לאמיר דיר פארציילן אביסל, זאלסט האבן א שטיקל השגה ווי אזוי מירון האט אויסגעזען פאר זעכציג יאר צוריק, און איבער די מסירות נפש'דיגע פעולות פון מיין פאטער ע"ה למען קדושת מירון.

אין יענע צייטן זענען רוב תושבי מירון ליידער געווען מזרחי'סטיש געשטימט, אבער נאך אלץ האבן זיי נישט געוואלט מוותר זיין אויף אן ערליכן חסיד'ישן שוחט, האבן זיי גערופן מיין טאטן ער זאל קומען ווערן שוחט.

איך און מיינע געשוויסטער - מיר זענען געווען דריי ברידער - זענען געווען די איינציגסטע קינדער אין מירון מיט פיאות. מ'האט אונז געצויגן די פיאות און געטשעפעט דערפאר, אבער מיר האבן געטראגן די אידישע צורה מיט שטאלץ, און מ'האט זיך בכלל נישט געשראקן פון די אפשפעטער.

כ'וויל באטאנען אז אין די ערשטע יארן איז דער יוגנט נאך געווען היבש וואויל. די איינוואוינער זענען טאקע נישט געווען פרום, אבער מחללי שבתות און פורקי עול זענען זיי נישט געווען.

מירון האט נישט געהאט א חדר. די קינדער וועם די עלטערן האבן נישט אוועקגעשיקט לערנען האבן געלערנט אין די ארטיגע מזרחי'סטישע "בצפר" שולע, אבער מיין טאטע האט פרובירט מיט אלע כוחות צו אויפטון פאר אידישקייט, האט ער ארגאניזירט א נאכמיטאג-חדר, ער האט צאמגעזאמלט די קינדער און מיט זיי געלערנט און צוגעגרייט צו די בר-מצוה.

די יארן האבן זיך גערוקט, די קינדער זענען אונטערגעוואקסן און זיי זענען געגאנגען אין מיליטער. די מזרחי שיקט דאך אין מיליטער, און זיי זענען פון דארט צוריקגעקומען האלבע גוים רח"ל, די יונגלעך מיט די מיידלעך. מ'האט פרובירט צו ראטעווען אפאר קינדער, און מ'האט טאקע מצליח געווען צו ראטעווען די קינדער פון צוויי משפחות, לעווינגער און שלעזינגער, וועלכע זענען נישט אנגעקומען אין מיליטער, און זיי האבן ב"ה אויפגעשטעלט שיינע משפחות.

אין וועלכן חדר זענט איר געפארן לערנען?

מיין טאטע האט מיר געשיקט לערנען קיין וויזניץ אין בני ברק, ווייל נאר זיי האבן שוין יענע יארן געהאט א "מוסד", ד.ה. א דארמעטארי. א רייזע פון מירון קיין בני ברק האט גענומען א טאג! מ'האט זיך ארויסגעלאזט 8:00 צופרי און הערשט 4:00 נאכמיטאג איז מען אנגעקומען קיין בני ברק.

מ'האט געדארפט נעמען אן אויטאבאס ביז חיפה, א צוויי-אהאלב שעה וועג. פון חיפה האסטו געדארפט ווארטן ביז די באן פארט קיין תל אביב, און דארט האסטו געדארפט פריש ווארטן אויפן 54'ער באס וואס האט געהאט די לעצטע סטאנציע ביי רחוב ר' עקיבא אין בני ברק, און דארט האט מען גענומען דעם 56'ער וואס איז אנגעקומען ביז נוה אחיעזר נעבן שיכון וויזניץ.

ביז די זעקס-אהאלב יאר האב איך געלערנט אין וויזניץ. כ'בין טאקע נאך געווען א קליין יונגל, אבער כ'האב היבש מיטגעהאלטן די טישן ביים אמרי חיים פון וויזניץ זצ"ל. כ'וועל זאגן נאך שענער, אפילו שפעטער אלס בחור ווען כ'האב געלערנט אין סאטמאר אין בני ברק, פלעג איך מיר צומאל אריבערכאפן קיין וויזניץ.. ס'איז געווען א שטיק חיות פאר מיר.

שפעטער האט סערעט וויזניץ געעפנט א דארמיטארי, האט מיר מיין טאטע אריבערגעשטעלט קיין סערעט, אין חיפה. ס'איז אסאך נענטער צו מירון ווי בני ברק. שפעטער האט מיר מיין טאטע ארויסגענומען פון סערעט און אריבערגעלייגט אין סאטמאר אין בני ברק. מתולדה איז ער געווען א וויזניצער, ער פלעגט נאך פארן קיין גרויסווארדיין צום אהבת ישראל זצ"ל. ער האט מיר אריבערגעלייגט קיין סאטמאר צוליב א מעשה שהי'.

אלס תלמיד אין שאמלוי - און אזוי איז געווען אין אלע חסיד'ישע ישיבות אינדערהיים - איז זונטאג געווען דער שטערקסטער טאג פון די וואך, מ'האט אנגעהויבן דעם שיעור מיט א פעסטקייט און התחדשות. איז געווען אמאל וואס מיין טאטע איז מיר געקומען וויזיטן קיין חיפה אין א זונטאג. פונקט יענעם טאג איז געקומען אין חדר א מפקח (אינספעקטאר) פונעם משרד החינוך, און מ'האט לכבוד דעם געלערנט לימודי חול.

מיין טאטע קומט אן אינמיטן א זונטאג פארמיטאג, און זעט ווי מ'לערנט לימודי חול, האט ער עס נישט אויסגעהאלטן. "אזא פלאץ וואו מ'קען איבערדרייען דעם זונטאג, ארויס פון דא!"

ער האט געהאט א קאזין ר' בערל לעגמאן ע"ה פון נתני'. ער האט געהאט אן איידעם ר' אברהם יצחק

דייטש ע"ה, ער איז געווען מנהל פון די סאטמאר'ע ת"ת אין בני ברק, האט ער געזאגט פאר מיין טאטן, שיק אים אריבער צו מיר. זייט דעמאלטס האב איך געלערנט אין סאטמאר, און אזוי בין איך געווארן א "סאטמארער"...

וויפיל בתי מדרשים איז געווען אין מירון?

איינס! קודם איז געווען דער אלטער ביהמ"ד, וואס דארט האט יעדער געדאוונט צוזאמען, אויסער די מערה - פארשטייט זיך - וואס דארט איז געווען א מנין עטליכע שבתים און ימים טובים.

דער עולם איז געוואקסן און מ'האט שוין געדארפט האבן א גרעסערן שול, און די מושב קאמיטע האט זיך אריינגעלאזט אין א פראיעקט צו בויען א נייעם שול - דער שול שטייט נאך ביז היינט.

אין יענע תקופה האבן די ציונים געענדיגט בויען אין מירון א "בית-עם", דאס איז געווען ווי א פארווײלונג-צענטער פאר מירון און די ארומיגע דערפער. היות דער נייער שול איז נאכנישט געווען פארטיג, האט מען זיך געצויגן אויף דערווייל צום אונטערשטן שטאק פונעם נייעם בית-עם, אויף ביז מ'וועט פארטיגן בויען דעם נייעם שול, און דעם אלטן שול האבן זיי פארמאכט.

מיין טאטע האט דערקלערט אז ער טרעט נישט איבער דעם שוועל פונעם טריפה'נעם בית-עם! במשך די גאנצע תקופה ביז מ'האט באנייט דעם נייעם שול, האט ער געדאוונט ביחידות אינדערהיים, ווי איידער אין בית-עם. ער האט צוגעגרייט די אלע קינדער צו זייער בר-מצוה, אבער צו די בר-מצוה איז ער נישט געקומען, ווייל ס'איז געווען אינעם בית-עם.

ווי כ'פארשטיי איז אייער טאטע געווען א געוואלדיגער קנאי...

לאמיר דיר זאגן א כלל, קנאות באלאנגט נישט פאר סאטמאר, והא ראי' מיין טאטע איז נישט געווען קיין סאטמארער און ער איז געווען א גרויסער קנאי... ער האט געקעמפט מיט א ברען קעגן פירצות וואס מ'האט געוואלט דורכברעכן אינעם הייליגן דארף מירון.

כ'קען פארציילן אן א שיעור מעשיות איבער דעם. אידישקייט איז געווען ביי אים העכער אלעם. ער איז געווען א שוחט, און אז א פרוי איז געקומען מיט הויזן, האט ער נישט געוואלט שחט'ן פאר איר. "אזויפיל דרך ארץ מעגט איר האבן," פלעגט ער אנ'מוסר'ן, "אז מ'קומט צום שוחט קומט מען געהעריג אנגעטון."

די ראש הקהל'טע איז אמאל געקומען מיט א הינדל, אומ'צניעות'דיג אנגעטון, און מיין טאטע האט נישט געוואלט שחט'ן, "טו דיר אן נארמאל וועל איך שחט'ן."

אזא חוצפה?! איז געווען א מיטינג ביי קהל אז מ'גייט אים ארויסווארפן. למעשה האט מען אים געלאזט. כ'האב ביי מיר אוועקגעלייגט ברייוו פון די קהלה מיט שארפע התראות צום טאטן אז ער האט זיך נישט וואס צו מישן וועגן צניעות ענינים, מ'האט אים אויפגענומען פאר שוחט און ער מוז פאר יעדן שחט'ן. ער האט זיך אבער נישט וויסנדיג געמאכט פון די אלע סטראשונקעס.

פאר קדושת מירון האט זיך מיין טאטע מוסר נפש געווען, במלוא מובן המלה, ער האט געכאפט א סטראוק וועגן דעם, און פינף יאר שפעטער איז ער נפטר געווארן.

וואס איז געווען די מעשה?

מיין טאטע האט געפירט א מערכה גדולה אין מירון וועגן קדושת שבת. נאך אנהויב ווען ער איז געקומען האט ער געלאזט אויפבויען א טויער, שבת האט מען פארמאכט דאס דארף און א קאר האט נישט געקענט אריינפארן. אין די אנהויב תש"ל יארן האט די מושב קאמיטע אויפגעבויט "באנגעלאוס" פאר געסט. כ'ווייס נישט פארוואס, אבער דורכאויס דעם פראיעקט האט מען אראפגענומען דעם טויער.

אז דאס דערפל איז אפן, און די באנגעלאוס איז דאך א מקום פאר אלע סארט געסט, האט ער שוין דעם ערשטן שבת געזען א קאר אריינקומען אין מירון בעצם יום השבת. מיין טאטע האט דאס נישט אויסגעהאלטן, ער

דער שטאטישער שוהל אין מירון

איז געלאפן צום קאמיטע פירער און פארפירט אויף דעם חילול שב"ק. האט יענער אים בארואיגט מיט'ן איינרעדן אז ס'איז א דאקטאר וואס קומט וועגן א פיקוח נפש.

ס'איז געקומען נאך א קאר און נאך א קאר, און דער תירוץ האט שוין נישט גענוצט, האט מיין טאטע מוחה געווען בכל התוקף אויפ'ן אוועקנעמען דעם טויער. ער האט געשריגן אויף זיי מיט אזעלכע קולות, "דא אין מירון וועט א קאר נישט אריינפארן!!" עס האט אים ווי-געטאן עד דכדוכה של נפש, און זונטאג דערויף האט ער באקומען א סטראוק ל"ע.

ווען מיין טאטע איז אוועקגעפארן האבן אלע מודה געווען אז מירון האט פארלוירן איר ערליכן כאראקטער וואס מיין טאטע האט נאך מצליח געווען אנצוהאלטן. מירון שפעטער איז שוין נישט געווען דער מירון פון אמאל.

די ערשטע פאר יאר איז נישט געווען א מנין יעדן טאג צו שחרית. מיין טאטע איז ארומגעגאנגען יעדן פארטאגס 6:00 קלאפן ביי די הייזער. "פישמאן, שחרית." אזוי האט ער זיך געשלעפט מבית לבית אויפוועקן דעם ציבור צום מנין. אדאנק אים איז באפעסטיגט געווארן א קביעות'דיגער מנין שחרית, און ווען מיין טאטע איז אוועקגעפארן האט זיך דאס אויפגעלעזט.

כ'שטיי יעדעס יאר איין ביי א געוויסע משפחה, יוגנט פריינט, און זיי זאגן מיר אייביג "ווילאנג דיין טאטע איז נאך דא געווען איז מירון געווען מירון."

דאס הייסט "מסר נפשו עליי" אין פולן זין פון ווארט

ממש געגנוי.

כ'וועל דיר דערציילן נאך עפעס וועגן דעם טאטנ'ס מסירת נפש פאר מירון. ס'איז געווען איינמאל פאר שבת חנוכה האבן די דארפסלייט ארגאניזירט א "נשף" (באַל) אויף מוצאי שבת. ווען מיין טאטע האט זיך דערוואוסט דערפון האט ער ליארעמט "דאהי' וועט אזא זאך נישט זיין!"

ביי שלש סעודות האט מיין טאטע געבעטן מיר און מיין ברודער ארויפצוגיין צו רבי שמעון רופן די פאר ברסלב'ער חסידים וואס האבן געוויילט אויף שבת, זיך אנצושליסן אין די מחאה.

ס'איז געווארן מוצאי שבת, עס האבן אנגעהויבן שטראמען מענטשן פון אלע ארומיגע דערפאר צום 'נשף', און צו דער זעלבער צייט האט מיין טאטע צאמגעזאמלט דאס הייפעלע מוחים, און ווען אלע זענען שוין געווען אינעם בית-עם, מ'האט שוין אנגעהויבן טאנצן און הוליען, זענען מיר אריינגעלאפן אין זאל, די לעקטער איז דאך געווען אויסגעלאשן, און מ'האט געווארפן טישן און בענק און אנגעזייעט חורבן און כאאס.

די חברה זענען געווארן מורא'דיג צעטומלט, זיי האבן נישט געוואוסט וואס האט פלוצים פאסירט, ס'האט געדויערט ביז זיי האבן געכאפט, און ווי נאר זיי האבן געעפנט די לעקטער זענען מיר אלע ארויסגעלאפן..

זיי האבן געשוימט פאר כעס, און האבן גלייך געוואוסט צו זאגן אז מיין טאטע שטייט בראש פון די אקציע; "נאר דער שוחט האט דאס אנגעמאכט!" האבן זיי געשריגן. זענען זיי געלאפן ווילדערהייט צו אונז אהיים זוכן דעם טאטן. מיין טאטע און איך האבן זיך באהאלטן נעבן די שטוב צווישן הויכע גראז, און ב"ה זיי האבן אונז נישט געטראפן.

ביז וועלכן יאר זענט איר אויפגעוואקסן אין מירון?

ביז ענדע יאר תשכ"ה. דעמאלטס בין איך געפארן קיין ניו יארק לערנען אין די ישיבה פון הרה"ק מסאטמאר זי"ע. כמעט דריי-אהאלב יאר האב איך דארטן געלערנט, פונעם ווינטער זמן תשכ"ו ביז אינמיטן תשכ"ח. כ'האב חתונה געהאט אין ניו יארק אין יאר תשכ"ח.

איך בין געווען אין ישיבה די גאנצע צייט ביז מיין חתונה, אָן אהיימפארן אינצווישן. כ'פלעג מיר שרייבן בריוו מיט מיין טאטן יעדע וואך.

אז כ'האב שוין דערמאנט דאס לערנען אין ישיבה אין בני ברק און אין ניו יארק, וועל איך דערציילן אן אינטערעסאנטע זאך וואס כ'האב געהאט בשייכות מיט ר' שמעון. אין מאנטריאל האט דאן געוואוינט א חשובע'ר רבי, דער דזשיבוי'ער רב זצ"ל, ער איז געווען אן איידעם ביים ריסקאווער רב זצ"ל פון בני ברק. אזוי ארום איז אויסגעקומען אז כ'בין אויפגעוואקסן אין די ישיבה אין בני ברק מיט זיינע צוויי קינדער, רבי בערל כ"ץ זצ"ל, דושינסקיא רב, און רבי פנחס לייב כ"ץ ז"ל.

אין יאר תשכ"ו זענען זיי ארויסגעקומען לערנען ביים סאטמאר רבי'ן אין ניו יארק, און אזוי האבן מיר ממשיך געווען דאס ידידות.

ר' פנחס לייב האט די ערשטע יארן נאך זיין חתונה נישט געהאט קיין קינדער, האב איך אים מייעץ געווען, גיי אריבער צו רבי שמעונ'ען, זאג אים צו א נאמען שמעון, און דער אויבערשטער וועט דיר העלפן. ער האט אזוי געטון און ער איז ב"ה געהאלפן געווארן מיט א קינד, דאס איז הרה"ג רבי שמעון כ"ץ שליט"א דער דיין אין קהל ויואל משה דסאטמאר אין מאנסי.

נאך אייער חתונה אין ניו יארק האט איר ממשיך געווען די נסיעות קיין מירון?

פון נאך די חתונה האב איך ב"ה נישט פארפעלט אפילו איין יאר, מיט'ן

אויסנאם פון יאר תש"פ ווען מ'האט לײדער נישט געקענט פארן וועגן קאראנע. כ'האב געמאכט א הדלקה דא אין חצר, און מ'האט געזען עטליכע אפענע מופתים.

פון קינדווייז אן שפיר איך א קשר אמיץ מיט רבי שמעון, און דאס האלט נאך אן ב"ה מיט די זעלבע ווארעמקייט עד היום.

[הערה פונעם שרייבער פון די שורות: בענוות חן איז ר' מאיר יהודה הי"ו נישט דערביי ארויסצוגעבן דעטאלן פון זיינע לימודים און הנהגות בשייכות רשב"י, אבער לויט וויפיל ס'האט זיך ארויסגעגליטשט במשך השיחה באקומען מיר א שטיקל בילד ווי פאלגנד: די ערשטע טבילה יעדן טאג איז פאר רבי שמעון; ווען ער לייגט צאם די תפילין איז דער לאנגיעריגער מנהג צו אויסזינגען דעם גאנצן בר-יוחאי; נאכ'ן דאווענען קומט א בלאט אידרא רבא און א בלאט אידרא זוטא; ביי "חק" לערנט ער צוויי בלאט זוהר יעדן אינדערפרי; ער גייט נישט שלאפן איידער א בלאט "מדות הרשב"י"; פון ט"ו באב ביז עשרת ימי תשובה לערנט מען דורך תיקוני זוהר.]

ס'וועט דיר אפשר זיין אינטערעסאנט צו הערן. כ'פאר יעדעס יאר צו רבי שמעון אויף ל"ג בעומר, און היבש אסאך איבער'ן יאר, דאס מיינט נישט אז כ'בין א פארערר צו קברי צדיקים. כ'וועל מגלה סוד זיין, כ'בין נאך קיינמאל נישט געווען ביי קברי צדיקים אין אייראפע! נאר דאס איז א קשר מיוחד מיטן הייליגן תנא וואס ליגט אין מיר איינגעזאפט פון קינדווייז אן.

אפילו ווען כ'פאר אויף מירון פאָר איך כמעט נישט ערגעץ אנדערש. מער-ווייניגער פארוויל איך נאר אין מירון, און נאר איין טאג פארט מען קיין ירושלים, פוקד זיין ביים ציון פונעם אוחה"ק און ביי רבי שלמה'קע זוועהילער, ביים הר הזיתים.

איר האט שוין מיטגעהאלטן ישועות ביי רבי שמעון?

א פראגע?! כ'נוץ אסאך רבי שמעון'ען, ווען מ'דארף א ישועה איז רבי שמעון דער אדרעס. כדאי הוא רבי שמעון לסמוך עליו. פון מירון אליינס האב איך שוין געהאט זייער אסאך ישועות. כ'וועל דיר דערציילן איין מעשה.

כ'האב א זון וואס האט געדארפט האבן א קינד בשעת ווען כ'בין געווען אין מירון. ס'איז געווען קאמפליקאציעס און מ'האט געהאפט אז אלעס וועט אריבערגיין כשורה. פלוצים באקום איך א טעלעפאן פון מיין זון, ער שרייט היסטעריש "טאטי, ס'איז צרות גדולות, גיי רייס איין ביי רבי שמעון."

כ'ווייס נישט פון וואו כ'האב גענומען דעם קוראזש, און כ'זאג אים "זאג פאר'ן דאקטער זאל ווארטן נאך א שעה." כ'בין דעמאלטס געווען אין די אכסניא, און כ'האב מיר תיכף געלאזט צו רבי שמעון'ען.

ס'איז געווען פרייטאג נאכמיטאג און נאכ'ן מתפלל זיין איז שוין נישט געווען שייך צו קאלן. תיכף מוצ"ש אין ניו יארק קאלט מיר מיין זון פארציילן מיט שמחה איבער דעם גרויסן נס, אז ממש דעמאלטס ווען כ'בין געווען ביי רבי שמעון האט דער דאקטער געזאגט אז דער פראבלעם האט זיך וואונדערליך אויפגעלעזט, און אויף שבת זענען זיי שוין געווען אינדערהיים!

כהנה וכהנה האב איך געהאט זייער אסאך ישועות וואס מ'האט געזען בזכות רבי שמעון, סיי ביי מיר און סיי וואס מ'האט געהאט די זכי' צו העלפן אנדערע בשליחותם.

אין יאר תש"פ, די יאר פון קאראנע ווען כ'האב נישט געקענט פארן, רופט מיר אן א איד, כ'מוז דיר האבן אויף ל"ג בעומר אין מירון. ער האט א טאכטער וואס ס'איז אריבער זעקס-און-א-האלב יאר פון די חתונה און זי האט נאכנישט א קינד. זי איז שוין געווען ביי דאקטוירים און ארגאניזאציעס, ס'האט גארנישט געהאלפן.

דער איד זאגט מיר, "כ'צאל אייך א טיקעט, ערלעדיגט מיר עפעס ביי רבי שמעון'ען." זאג איך אים קום מארגן פיר אזייגער, כ'מאך א הדלקה.

תיכף נאך פסח תשפ"א רופט ער מיר אן מיט שמחה, "כ'בין דיר שולדיג א טיקעט..."

דער עיקר איז אידישע קינדער בכל מקום שהם זאלן פועל'ן ישועות און רפואות בזכות התנא אלקי רשב"י, ויה"ר די תפלות זאלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון.

מְאוֹר גָּלִיל הָעֶלְיוֹן, אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחַאי.

פייערליכע טענץ אינעם חצר אין מירון מיט העכער 100 יאָר צוריק

א גוטער גליק וועט קומען

אין שטוב פון דעם הייליגן צדיק וקודש ר׳ ישעי׳לע פון טשחויב גרייט מען זיך מקבל צו זיין דעם שבת קודש, וואס האלט אט אט ביים אויסשפרייטן אירע פליגלן אויף דער עיר ואם בישראל קראקא.

א הייליגער אטמאספער שפירט זיך אין שטוב. אין קאך שטייען די שטוב מענטשן און לייגן ארויף איין טאפ נאך א צווייטע אויף דעם פלאם און אין דעם חדר קודש זיצט דער הייליגער רבי אחוז בשרעפיו און גרייט זיך בסילודין דקדושה מקבל צו זיין דעם הייליגן שבת המלכה.

די שטילקייט און חרדת קודש שפירט זיך אין אלע ווינקלען אבער דאן ווערט עס צושטערט, ווען דער געוויש פון א קארעטע הערט זיך נעבן דער שטוב פון דעם רבי׳ן.

פון די קארעטע שפאצירן אראפ א פארפאלק מיט א קינד. דאס קליין יונגע ביימעלע איז איינגעוויקלט אין מערערע דאכענעס, ווען די מאמע מאכט כסדר זיכער אז זי איז גוט באדעקט און אז דאס מינדעסטע ווינטל דערגרייכט נישט איר אויער.

"רבי, דער חסיד ר׳ הירש ראבהון איז דא" - זאגט דער גבאי נאך דעם וואס דער רבי האט אים געגעבן רשות אריינצוקומען אין צימער.

"זאל ער אריינקומען" - איז דער קורצער ענטפער פון דעם רבי׳ן.

מיט שנעלע טריט איילט זיך ר׳ הירש אריין אין צימער פון דעם רבי׳ן. אהער איז ער נישט געקומען אליין, ער איז דא אין באגלייטונג פון זיין בני בית און זייער פריש געבוירענע טאכטער.

בלויז געציילטע וואכן האט א לעכטיגקייט באהערשט דער שטוב פון די ראבהון משפחה, די משפחה האט זוכה געווען צו א קליין לעכטיג און בא׳חנ׳טן נשמה׳לע און יעדער איז געקומען וואונטשן מזל טוב און זיך מיטפרייען מיט די שמחה.

אויך די חסידים האבן זיך מיטגעפרייט און אין דער חסידי׳שער שול איז צוגעשטעלט געווארן א רייכן קידוש, אבער די שמחה האט נישט אנגעהאלטן צו לאנג.

דער קליין נחת׳ל וואס איז געווען די שמחה פון שטוב, האט אנגעהויבן צו רויבן די רוה פון אירע עלטערן, אין אנהייב האט מען געמיינט אז עס איז נאר אן אריבערגאנג, אבער ווען דאס קינד האט אינגאנצן אויפגעהערט צו רעאגירן צו אירע עלטערן און דאס האט אנגעהאלטן עטליכע טעג, זענען די עלטערן אויסגעגאנגען ווי ליכט פון דאגה.

"רבי, מיר דארפן א ישועה, אונזער טאכטער..." - האט ר׳ הערש געבעטן פון דעם צדיק מיט א צובראכענקייט.

דער צדיק איז געווען בארימט אומעטום מיט זיין איבערגעגעבענקייט צו די חסידים, ווען מען האט זיך געוואנדן צו אים מיט א הזכרה, האט דער צדיק נישט גערוהט ביז ווילאנג ער האט נישט גע׳פועל׳ט די ישועה. טייכן טרערן מיט תחנונים׳דיגע תפילות האט דער צדיק פארגאסן ביז ווען ער האט זוכה געווען צו די ישועה.

דער הייליגער צדיק האט פארמאכט זיינע הייליגע אויגן און נאך א שטיק צייט וואס ער האט געשוועבט אין די העכערע הימלן האט ער געעפנט זיינע אויגן און זיך אנגערופן צו ר׳ הערש.

"גייט אריבער צום דאקטאר שווארצבארד, לאמיר הערן וואס ער זאגט".

עס איז שוין געווען נאנט צום שבת, אבער עס איז נאך געווען גענוג צייט ביז צום שבת און ווען זיי זענען אריבערגעקומען צום

דאקטאר האט דער דאקטאר באטראכט דאס קינד, ווען נעבן אים זיצן די עלטערן און רוקן נישט אוועק זייער שווארץ אפל פון דאס קינד.

בלויז צו זען די מאדנע און גרויסע מאשינען וואס דער דאקטאר האט גענוצט אונטערצוזוכן דאס קינד, האט אין זיי ארייגעברענגט א טרייסל.

נאך א שטיק צייט פון אונטערזוכונגען האט דער דאקטאר אויפגעהויבן זיינע אויגן ברעמען פון דאס קינד צו די נייגעריגע און צאפלדיגע אויגן פון די עלטערן.

"דאס קינד האט א געשווילעכץ נעבן זיין מח".

"און וואס קענען מיר טון?" - איז ר' הערש אויפגעשפרינגען פון ארט הערנדיג די נישט גוטע בשורה.

"נעמט אים צו דאקטאר נאטקאווסקי, ער איז אן עקספערט אין דעם געביט".

פון די מינע מיט וואס דער דאקטאר האט עס געזאגט, האבן זיי שנעל פארשטאנען אז דער קעיס וואס שטייט פאר זיי איז נישט פון די גרינגע און אז זיי זענען אנגעוויזן אויף גרויס רחמים, צו בלייבן מיט א געזונטן קינד.

"מען מוז אפערירן אבער...".

"אבער וואס?" - האבן די עלטערן געוואלט וויסן.

"מען רעדט פון א קליין קינד, א פיצעלע און פאר אזא קינד איז אן אפעראציע נעבן דער מח זייער א מסוכנ'דיגער זאך, די שאנסן אז עס זאל מצליח זיין זענען גרויסע, אבער איך קען עס נישט זאגן מיט א זיכערקייט".

די תוצאות און אויך דער לעזונג האט די משפחה באקומען וויניגער ווי א שעה בעפאר שבת און ר' הערש איז אריבערגעלאפן צום שטוב פון דעם צדיק אנפרעגנדיג וואס דענקט דער צדיק זאל מען מאכן, צי זאל מען דורכפירן די אפעראציע צי נישט.

"אז דער דאקטאר האפט נישט, האפט דער באשעפער" - האט געזאגט דער צדיק, ווען ער ענטפערט נישט די שאלה צי מען זאל אפערירן צי נישט.

ווידעראמאל האט דער צדיק פארמאכט זיינע הייליגע אויגן און זיך פאר'דביקות'ט. עס איז געווען קענטליך אז דער רבי פאראַרבעט מעשים, ווען ענדע דערקענט זיך א פארלייטערונג אויף זיין הייליגער געזיכט.

"דער באשעפער וועט שיקן א גוטן שליח".

דערמיט שליסט זיך דער באזוך, די פאמיליע האט נישט באקומען קיין קלארע תשובה, אבער זיי שפירן אז דער רבי האט זיי אויסגע'פועל'ט און די ישועה איז שוין דא ביים שוועל.

מיט א לייכטערן געמיט גרייט זיך די משפחה צום שבת קודש, זייענדיג געסט אין שטאט קראקא האבן זיי אין איילעניש זיך ארויסגעדינגען אן אכסניא און זיך איינגעהאנדלט די שבת'דיגע צוגעהערן און זיך געגרייט מקבל צו זיין דעם שבת המלכה.

די ערשטע שעות פון דעם שבת קודש איז אריבער מיט א רואיגקייט, דאס קינד איז געווען איינגעזינקען אין א טיפער שלאף און די משפחה האט צוריקבאקומען א שטיקל חיות, מיט די ברכה פון דעם הייליגן רבי'ן.

"עס וועט קומען א גוטער שליח", חזר'ט ר' הירש די ווערטער פון זיין הייליגן רבי'ן ווען ער האפט אויף דאס בעסטע, אבער דאן ווי א שלעכטער וואלקן וואלט זיך אריינגעכאפט אין שטוב, האט זיך אנגעהויבן דערקענען אויף דאס קינד א פארערגערונג.

דער געזיכט פון דאס קליין מיידעלע האט געטוישט פארבן - פון רויט איז זי געווארן בלאס, בלוי און אויך אנגעהויבן הוסטן גאר שווער.

"ראטעווע" די מאמע איז אריין אין א ביטערן בהלה און אין איילעניש ארויסגעלאפן אין גאס זוכנדיג א פארמאכטע קארעטע וואס זאל זיי קענען אפפירן צום דאקטאר פון שטאט.

א געטומל האט אויסגעבראכן אין גאס, אידן פון דער גאנצער געגנט זענען זיך צוזאמענגעלאפן און יעדער איז געקומען מיט עצות און מיטלען וואס מען קען טון צו ראטעווען דאס קינד, אבער די משפחה האט איגנארירט יעדן זוכנדיג א וואגן וואס זאל זיי קענען אין וועג נעמען.

צווישן דער געטומל האט ארויסגעשטעקט די געשרייערייי פון איין פרוי, די פרוי איז געווען פון די אידישע קהילה און זי איז געווארן זייער איבערגענומען פון די שווערע מצב וועלכער שוועבט אויף דאס קינד, וועלנדיג געוואויר ווערן ווער דאס איז.

"ווער זענען זיי און וואס האט פאסירט מיט דאס קינד?" - האט זי געוואלט וויסן ווען יעדער האט איר פרובירט צו ריקן אין א זייט, אבער זי שטייגט איבער יעדן איינעם.

"א געשווילעכטס אין קאפ" - האט זי געטומלט און דערציילט דערביי אז מיט עטליכע וואכן צוריק איז איר אייניקל שווער אפגעבערענט געווארן פון א בריה און ווער עס האט איר באהאנדלט און געראטעוועט איר לעבן איז געווען דער דאקטאר פאלקין.

"איר מוזט גיין צו דאקטאר פאלקין" - האט זי געדונערט און אויך ווען מאנכע האבן איר פרובירט אפצורעדן זאגנדיג אז א לייכטער געשווילעכטס קען זיך נישט פארמעסטן מיט א בריה, האט זי נישט געוואלט הערן און נישט צורוה געלאזט.

ר' הערש זעענדיג אז ער וועט נישט לויז ווערן פון די געפילדער, האט ער זיך ארויפגעזעצט אויף דעם וואגן און געהייסן דער קוטשער זאל זיך אין וועג לאזן צו די גרויסע דאקטוירים.

דער פערד האט שוין אנגעהויבן שפאנען ווען אויף דעם וואגן איז ארויפגעטאנצן אט די אידענע שרייענדיג פאר דעם

קוטשער ער זאל זיי נעמען צו דאקטאר פאלקין.

"אבער אונזער קינד האט א געשווילעכטס אין מח, ער ליידט נישט פון א מילדע בריה" - האט ר' הערש געגעבן צו פארשטיין פאר די אידענע בעטנדיג אז זי זאל זיי צורוה לאזן.

"אבער פארוואס זענט איר אזוי פאר'עקשנ'ט, צי זעט איר נישט אז איך בין דער גוטער שליח וואס קומט צו אייך".

ר' הערש האט געשפירט א לייכטער טרייסל אין זיינע אקסלען, די ווערטער זענען די גענויע ווערטער וואס דער הייליגער רבי האט גענוצט און ווער ווייסט אפשר איז זי טאקע דער גוטער שליח.

"נו זאל מען פארן צו דעם דאקטאר פאלקין" - האט ר' הערש געזאגט און מען האט זיך אין וועג געלאזט צום דעם דאזיגן דאקטאר.

נאך א שטיק צייט האט די קארעטע געגרייכט דער קליניק פון דאקטאר פאלקין און מען האט זיך געגרייט צו באהאנדלען דאס קינד.

דער דאקטאר פאלקין האט אונטערגעזוכט דאס קינד און נישט געקענט פארשטיין פארוואס מען האט דאס קינד אהערגעברענגט.

"איר זענט געווען ביי דאקטאר שווארצבארד און נאטעוואסקי און איר קומט צו מיר, איך בין ווי א נויגס קעגן א פראפעסאר".

אבער דער דאקטאר האט גענומען דאס קינד אונטער זיין שוץ און פאר די נעקסטע טעג האט ער איר באהאנדלט און אונטערזוכט, אין די ערשטע טעג איז דער מצב פון דאס קינד געווען סטאביל, דער היץ איז נישט ארויף און אויך נישט אראפ, אבער נאך עטליכע טעג האט זיך אנגעהויבן אן ענדערונג צום גוטן.

"דער געשווילעכטס האט זיך אויסגעטרוקנט, עס איז ממש א נס מן השמים" - האט געזאגט דער דאקטאר.

געציילטע טעג שפעטער האט די ראבין משפחה פארלאזט דעם דאקטאר מיט א פרישער און געזונטער קינד, די ברכה פון דעם רבי'ן איז מקויים געווארן אז א גוטער שליח איז געקומען פון הימעל און געהיילט דאס קינד.

די מעשה האט שפעטערע יארן דערציילט ר' צבי הירש ראבון און ווערט געברענגט אין ספר רבינו הקודש מטשעחויב. ש

חמרא טבא

שיריים פון א צדיק איז מטהר דער קערפער פון א מענטש

בקדשים לא יאכל עד שיטהר.

דער הייליגער צאנזער רב האט אמאל געוויילט אין א דייטשער שטאט אויף אפרו. אין יענער שטאט האט אויך געוואוינט א איד וואס האט געהייסן משה דייטש, אבער ליידער איז ער זייער ווייט פון אידישקייט און האט זיך ליידער נישט אפגעהאלטן פון עובר צו זיין קיין שום עבירה פון די תורה און איז נעבעך געווען אן אוכל נבילות וטריפות

האט זיך געמאכט אז דער פורק עול, הערנדיג אז א גרויסער ראבינער געפונט זיך אין שטאט, האט ער באשלאסן אים צו גיין באזוכן און זיך צוקוקן צום התנהגות פון א צדיק. אנקומענדיג צו דער צדיק אין שול, האט דער צדיק געהאלטן אינמיטן פראווען א טיש און מען האט געהאלטן אינמיטן פארטיילן שיריים און צווישן די אנדערע אנוועזענדע האט דער משה דייטש אויך גענומען אביסל שייריים און טועם געווען אביסל.

זייענדיג זאט פון זיך אומקוקן אויף דער רבישער הויף און אויך פון די שייריים איז דער איד אוועק פון שול און זיך אהיימגעגאנגען צו זיך אינדערהיים. אהנקומענדיג אין שטוב איז ער געווארן הונגעריג און זייענדיג אן אוכל נבילות וטריפות האט ער זיך געזעצט עסן טריפות און צו זיין וואונדער טוט עס נישט דער מאגן פארדייען, דער עסן גייט נישט אריין אין איהם נאר עס ווערט אויף די רגע אויסגעשפיגן פון זיין קערפער.

דער ערשטער מאל האט ער געמיינט אז עס איז א צופאל און זיך אויסגעזוכט א צווייטער טריפה'נער מאכל, אבער צו זיין וואונדער האט זיך דער זעלבער זאך איבערגעשפילט דא, זיין קערפער האט נישט פארדייעט די עסן און עס אויסגעשפיגן פון זיין קערפער. זעענדיג אז עפעס איז דא אינטערעסאנט האט ער באשלאסן צו פארזוכן א כשר'ער מאכל און צו זיין וואונדער האט עס דער מאגן גרינג און שנעל פארדרייעט.

יעצט האט שוין דער משה דייטש פארשטאנען וואס דא האט פאסירט און אז דער כח פון די שיריים האט געטוישט זיין קערפער אויף אייביג און אז דער הייליגער מאכל האט אויסגערייניגט זיין קערפער. די מעשה האט אים אזוי באנומען אז ער האט באשלאסן אז ער גייט ווערן א בעל תשובה גמור.

[קוראי עונג]

313

א שרעקליכע פייער אין די איסט-סייד

למען תספר

ר' טובי' לייב דערציילט...

קינדערלעך!

אין די וואכעדיגע סדרה, פרשת אמור, שטייט איבער אלע ימים טובים. אבער די ערשטע פון אלעס שטייט איבער דעם הייליגן שבת. **ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי שבת שבתון** - זעקס טעג מעג מען ארבעטן, אבער די זיבעטע טאג זאל זיין א גאנצע רואונג. **כל מלאכה לא תעשו** - קיין שום מלאכה זאלט איר נישט טון. ווי אויך שטייט אין פרשת כי תשא **ושמרתם את השבת כי קודש היא.**

איינע פון די שטאטן אין אמעריקע הייסט ניו יארק, דארט איז דא די באקאנטע שטאט וויליאמסבורג (דארט בין איך אויפגעוואקסן). אין וויליאמסבורג איז דא א בריק וואס באהעפט וויליאמסבורג מיט מאנהעטן, עס הייסט די וויליאמסבורג בריק. מאנהעטן רופט מען 'די טריפה'נע מאנהעטן', וואס א איד דארף זיך נישט דרייען דארטן, די גאסן דארט זענען נישט אזוי אידישלעך, ס'איז זייער אויסגעלאסן, די וואס גייען דארטן גייען נאר פאר פרנסה.

וויליאמסבורג בריק

אבער אונז רעדן יעצט פון ארום הונדערט און פופציג יאר צוריק, דאן איז די געגנט דארטן געווען פיל מיט אידן. ממש אריבער די בריק פון וויליאמסבורג, די ערשטע געגנט וואו מען באגעגנט זיך הייסט די איסט-סייד. וועלכע זייט איז עס? וועלכע זייט איז איסט? מזרח, מזרח זייט פון מאנהעטן. דארטן האבן ביז פאר זיבעציג אכציג יאר צוריק, געוואוינט הונדערטער און טויזנטער אידן. **עס איז דא היינט בתי מדרשים וואס זענען נאך אפן פון יענע צייטן**, דעמאלט האבן געוואוינט דארט גאר היימישע אידן.

פארקערט, דארט איז געווען א געגנט פון אזעלכע וואס האבן לוחם געווען מיט אמעריקע און יא געהיטן די שבת כאטשיג עס איז שווער געווען אין יענע צייטן צו היטן דעם שבת. אידן האבן נישט געהאט קיין ברויט צו עסן, זיי האבן נישט געהאט שבת וואס צו לייגן אויפן טיש, אבער מיט א מסירת נפש האבן זיי נישט געארבעט אום שבת, און דורכדעם זענען זיי אויפגעראכטן געווארן און זייער אסאך זענען גאר רייך געווארן פון היטן שבת.

איז געווען א איד פאר הונדערט און דרייסיג יאר צוריק, וואס האט זיך דאן געצויגן פון אונגארן

קיין אמעריקע. ער האט באשלאסן גענוג מיט די צרות אין אייראפע, מען גייט צו די פרייע אמעריקע, דארטן קען מען זיין א איד מיט א רואיגקייט, דארטן קען מען לעבן מיט א רואיגקייט, קיינער פייניגט נישט, עס איז נישט די בלוטיגע אייראפעאישע שטעט.

אבער ווען ער איז אנגעקומען קיין אמעריקע איז אים אנטקעגן געקומען די הייליגע שבת, די שבת האט געוויינט צו אים און זיך געבעטן ער זאל איר היטן. ער האט זיך זייער געמוטשעט צו טרעפן אן ארבעט, ווייל צו וועלכער איד וואס האט געהאט א ביזנעס ער איז נאר געגאנגען זענען נעבעך רוב פון זיי געווען אפן אום שבת, און נישט נאר אפן שבת, נאר שבת איז אזוי ווי להבדיל אלף אלפי הבדלות ביי אונז פרייטאג, פרייטאג איז זייער פארנומען ווייל עס איז ערב שבת און ביי די גוים איז שבת זייער פארנומען ווייל עס איז ערב זונטאג און זונטאג איז עס פארמאכט. איז אויב א איד איז נישט אריינגעקומען שבת אין געשעפט איז ער געפלויגן און ער האט נישט באקומען באצאלט פאר די ערשטע וואך ארבעט. אזוי האבן זיך אידן מוסר נפש געווען, קודם איז געווען ווייניג, שפעטער איז עס געווארן מער.

אידן ביי תשליך אויף די וויליאמסבורג בריק - אין יאר תר"צ

די ווירבלדיגע איסט-סייד אידישע געגנט פאר 120 יאר צוריק

נו ווער וויל קויפן - א אינגלע אין איסט-סייד

א שומר שבת בארבער אין איסט-סייד

אונזער אונגארישער איד'ל האט זיך זייער געמוטשעט, ער האט געהאט א שטוב מיט קינדער און ער האט זיי געדארפט געבן צו עסן, זיי געבן וואס אנצוטון, ער לעבט דאך אין די פרייע אמעריקע. אבער ליידער איז אים געווען זייער שווער, פארקערט, די אידישקייט איז געווען נאך שווערער, אסאך אסאך שווערער אין אמעריקע ווי אין אייראפע.

אין יענע צייטן, פאר הונדערט און צען יאר צוריק בערך, פאר די ערשטע וועלט מלחמה, איז ערפינדן געווארן אין אמעריקע די מין זאך ווי א "וואש מאשין".

איך ווייס נישט קינדערלעך אויב ענק ווייסן, ענק מיינען אז די וועלט שטייט אזוי ווי אונז קוקן עס אן, באקוועם. מען קויפט אייער אין געשעפט, פלייש אין די בוטשער, מילך אין געשעפט, עס איז שוין באלד ווי משיח'ס צייטן, אלעס וואקסט אויף די בוים מען נעמט עס אראפ און עס איז דא. פסח זעט מען אביסל אז עס איז נישט אזוי, ווייל מען מאכט אליינס אינדערהיים, מען הייבט אן פילן אביסל, מען זעט ווי מען מאכט מצות, עס איז נישט סתם מען קויפט א פעקל ברויט אין געשעפט, ניין, מען ארבעט אריין אין די מצות, איז פסח פילט מען אביסל ווי אמאל, מען מישט זיך נישט מיט יענעם, מען קויפט נישט אלעס.

דעמאלט איז די וועלט געשטאנען אן די אלע באקוועמע זאכן, אן קיין וואש מאשינען מיט אלע אנדערע מאשינעריי.

איז דעמאלט איז ערפינדן געווארן אזא מאשין וואס מען לייגט אריין די וועש, עס איז באהאפטן צו די וואסער רערן און די מאשין דרייט זיך. דעמאלט האט זיך עס געדרייט ווי א טרעקטאר, עס האט געמאכט א הויכע גערודער, עס האט נישט געקענט ארבעטן ביינאכט אזוי ווי היינט וואס מען געבט א צינד אן די מאשין און מען גייט שלאפן רואיג, וויסנדיג אז עס וואשט און עס דרייט און עס קומט ארויס מסודר, עס איז שוין כמעט געביגלט.. ניין, דעמאלט האט עס געארבעט ווי א טרעקטאר, עס האט אויפגעוועקט אלע שכנים, איז בעיקר האט מען עס גענוצט בייטאג.

אבער אז א מענטש זאל האבן א וואש מאשין אינדערהיים, איז געווען א לוקסוס, מען האט געדארפט זיין א גרויסער עושר פאר דעם, עס האט געקאסט בערך א הונדערט דאלער איין מאשין, און דעמאלט האט הונדערט דאלער געמיינט אזוי ווי היינט פיר טויזנט דאלער בערך.

דער אונגארישער איד האט דאך געהאט א אידישע קאפ, האט ער געטראכט ווי קען מען מאכן געלט איך זאל נישט דארפן ארבעטן אום שבת, איך זאל קענען זיין אליינס א בעל הבית. האט ער מחליט געווען אז ער האט דאך אביסל געלט וואס ער האט זיך אפגעשפארט אלע יארן, ער האט אוועקגעלייגט נאך אפאר סענט, נאך פופציג פעני, נאך א דאלער און נאך א דאלער, איז עס זיך צוזאמגעקומען צו אפאר הונדערט דאלער, ארום פינף הונדערט דאלער.

ער האט מחליט געווען אז ער גייט גיין דינגען א פלאץ אין די איסט-סייד אין די היימישע געגנט, עס איז דא להבדיל גוים אויך וואס וואוינען דארטן, און דארטן גייט ער קענען מאכן אביסל געלט. ער גייט קויפן אסאך וואש מאשינען, פינף שטיק, און ער וועט ארויסהענגען א צעטל אינדרויסן אז מען קען דא וואשן א זעקל וועש פאר פופציג סענט (אזוי

ווי היינט צוואנציג דאלער), און פון דעם וועט מען זיך צוזאמקלויבן און מען וועט מאכן אביסל פרנסה. עס וועט נעמען אפשר א יאר ביז ווען ער וועט צוריקזען די געלט וואס די מאשינען האבן געקאסט, אבער דערנאך וועט ער שיין פרנסה מאכן.

אומר ועושה, ער האט מתפלל געווען צום אויבערשטן אז עס זאל אים גיין גוט און ער האט געהאנגען א גרויסע צעטל אז מען קען דא וואשן וועש זעקס טעג א וואך. די זעקס טעג א וואך איז נישט געווען די זעקס טעג וואס האט דעמאלט אין אמעריקע געמיינט מאנטאג דינסטאג מיטוואך דאנערשטאג פרייטאג שבת, נאר ער האט קלאר געשריבן **זונטאג מאנטאג דינסטאג מיטוואך דאנערשטאג פרייטאג, און מיט גרויסע אותיות האט ער צוגעלייגט "שומר שבת", שבת וו"י קלאוס"ד**. ער האט געהאנגען אזא שילד (סיין) און די פרנסה האט אנגעהויבן בליען ,עס איז אריינגעקומען צו אים אידן וואשן וועש, א נייע ערפינדונג מען דארף שוין נישט גיין צום טייך, דעמאלט איז מען שוין נישט געגאנגען צום טייך מען איז געגאנגען צום סינ"ק אבער עס איז אויך שווער געווען, מיט א מאשין איז א מחי'. מען ברענגט די זעקלעך צום איד, עס וואשט זיך און עס קומט צוריק מסודר. ער האט אפילו אריינגענומען איינער זאל ביגלען דארט פאר ווער עס וויל האבן גראדע העמדער אדער גראדע זאכן, עס האט געקאסט עקסטער אפאר פעני, און די פרנסה איז אים געגאנגען זייער געשמירט זייער געשמאק ב"ה.

מען גייט אהיים נאכן דאווענען אין די איסט-סייד

אבער די גוים דארט אין געגנט האט עס נישט געשמעקט, א איד קומט זיך דא צו אונז אין אמעריקע, מען קען טאקע זיין א איד, אבער נאך א שומר שבת אויך, ער איז פארמאכט אום שבת, פונקט ווען אונז ווילן וואשן אונזערע וועש איז ער פארמאכט, עס האט זיי נישט געשמעקט.

איז געווען דארטן א גוי, ער האט מחליט געווען איך טו די זעלבע זאך ווי אים, איך וועל קויפן בעסערע מאשינען. הע הע הע, ער האט נאר געקויפט די עלטערע מאשינען פאר ביליגער, איך וועל קויפן די גאר גוטע מאשינען וואס ארבעט אסאך שנעלער און עס מאכט א בעסערע ארבעט, די העמדער קומען ארויס אביסל מער ווייסער, און אזוי וועט דער עולם קומען צו מיר.

ער האט געזוכט א פלאץ, און ער האט אנגעטראפן די בעסטע פלאץ קעגן איבער דעם איד. ער האט אויפגעמאכט א לאנדר"י די זעלבע זאך ווי דער איד פונקט קעגן איבער אים. אין אנהייב האט ער אפילו גענומען ביליגער ווי דעם איד, עס האט אנגעהויבן צו בליען פארן גוי. **די אלע גוים זענען פארשטייט זיך גלייך געלאפן צו די נייע לאנדער"י צו דעם גוי**, זיי האבן זיך מחי' געווען אז זיי גייען צו א גוי, נאכדערצו אז עס איז דאך ביליגער, און ער איז געווען אפן זעקס טעג א וואך מיט שבת.

דער איד איז לא עלינו געווארן א גרויסער יורד, ער האט דערלייגט געלט, ווייל כמעט קיינער איז מער נישט געקומען צו אים. עד כדי כך אז ער האט שוין נישט געקענט באצאלן די רענט וואס ער האט געדארפט באצאלן יעדע חודש, די ביסל געלט וואס איז אים אריינגעקומען איז אים קוים געווען גענוג צו באצאלן די זייף, לײדער לײדער פון די הונדערטער זעקלעך א טאג איז עס געווארן צו צענדליגער, און עס איז געווארן ווייניגער און ווייניגער, און דער איד האט זיך געטראפן אין א שרעקליכע מצב.

אידישע געשעפטן אין די איסט-סייד

די אידישע איסט-סייד געשעפטן

צו באמערקן אז די ביכל "כעלמער חכמים" איז דעמאלט גוט געגאנגען...

וואס טוט מען דא? דער גוי נעמט אים אוועק די גאנצע פרנסה דא. ער האט פרובירט וואס ער האט געקענט, אפשר גיסן מכות וויין...

איין טאג זייענדיג אין בית מדרש, נאכן דאווענען צום אויבערשטן, קומט צו צו אים א איד נאך געלט. ער דערקענט דעם איד'ל אלס אן אונגארישער איד, און יענער זאגט יא, **איך בין אן אונגארישער איד'ל און איך קום נאך געלט**, איך דאוון אין הודונאנאש איך פיר די כולל אין הודאנאנאש... און אונזער איד האט זיך אויסגערעדט צו אים: "דו ווייסט נישט וואס איך לייד דא מיט אין די גאלדענע אמעריקע, די שבת האב איך מיט מסירת נפש

אפגעהיטן, ביז איך האב מיך שוין ענדליך געעפנט עפעס א געשעפט, עס האט שוין אנגעהויבן צו ברענגען עפעס רווחים, קומט זיך א גוי און נעבן מיר און די גאנצע ביזנעס מיינע גייט לטמיון, נאך אביסל וועל איך פשוט מוזן פארקויפן די מאשינען און בלייבן אן פרנסה.״

״ווייסט וואס איך וועל דיר זאגן,״ זאגט דער אונגארישער איד, ״ביי אונז אין אונגארן איז דאך דא דער גרויסער צדיק רבי ישעי׳לע, **ר׳ ישעי׳לע פון קערעסטיר דער גרויסער צדיק פון קרעסטיר, אפילו די גוים להבדיל ווייסן אז ער איז א וואונדער ראבינער, שיק א קוויטל מיט א פדיון צום רבי׳ן**, און דער רבי וועט דיר זיכער שטיין צו הילף מיטן אויבערשטנ׳ס הילף. איך וועל נעמען דיין קוויטל, און איך וועל נעמען אביסל שכר טרחא געלט פאר דעם.״

דער איד האט אויפן פלאץ אפגעשריבן א קוויטל מיט די גאנצע מעשה, ער האט געגעבן א פדיון אויך, און ער האט עס איבערגעגעבן פארן שליח פון אונגארן. ער האט אים געגעבן אפאר דאלער פארן זיין דער שליח.

דער איד איז אהיימגעפארן קיין אונגארן, און ער איז גלייך אריבערגעגאנגען צום הייליגן גרויסן צדיק ר׳ ישעי׳לע פון קערעסטיר. ר׳ ישעי׳לע נעמט דעם קוויטל און ער ליינט עס אדורך. ער האט אויפן פלאץ גענומען א פאפירעלע און צושניטן אויף פיר, און אפגעשריבן פיר קמיעות, ער האט אויפגעשריבן אויף דעם עפעס שמות, עפעס באהאלטענע זאכן.

קמיעות איז א מורא׳דיגע זאך, ביי דעם הייליגן ישמח משה זי״ע האט אמאל דער גבאי געעפנט די לעדל וואו עס ליגן די קמיעות, האט ער געזען ווי עס ריקט זיך פון איין פלאץ צום צווייטן. עס האט א חיות אין זיך, עס איז א מורא׳דיגע הייליגע זאך וואס מען טאר נישט שפילן מיט דעם. צדיקים האבן עס נאר געמאכט ווען מען האט געמוזט, עס איז הייליגע שמות.

און ר׳ ישעי׳לע זאגט פארן שליח, שיק דאס פאר דער איד קיין אמעריקע, און **זאג אים ער זאל עס אויפהענגען אויף די פיר זייטן פון זיין געשעפט**, מזרח מערב צפון דרום און דער אויבערשטער וועט העלפן ער וועט האבן א גרויסע ישועה.

א וואש מאשין פון יענע צייטן

דער גוי האט געעפנט א לאנדר״י קעגן איבער דעם איד


ב״ה

א בריוו פון הרה״ק ר״ ישעי״לע מקערעסטיר זי״ע וואו ער וואונטשט פאר א איד ״ואני תפלה שהשי״ת ישלח לו רפואה שלימה במהרה.״ — לעצטנס פארקויפט געווארן פאר $75,000

דער איד האט עס גלייך אפגעשיקט קיין אמעריקע און אויך צוגעשריבן א בריוול וואס ר׳ ישעי׳לע האט געזאגט אז ער זאל טון מיט די פיר קמיעות.

עס גייט דורך אפאר וואכן און דער אמעריקאנער איד האט באקומען א בריוו פון קערעסטיר פון אונגארן. ער האט זיך אזוי געפריידט, ער מאכט עס אויף און ער זעט עס ליגט דארטן די פיר קמיעות מיט די צעטל. יוי, ער האט זיך אזוי געפריידט און געדאנקט דעם אויבערשטן, ער האט שוין געזען די ישועה, זיין אמונת צדיקים איז געווען זייער גרויס. ער איז גלייך געגאנגען און עס אויפגעהאנגען אין די פיר ווינקלען פון די געשעפט.

דער גוי וואס האט געעפנט די לאנדר״י אנטקעגן איבער אים, דער רשע, אים איז נישט געווען גענוג אז עס גייט בארג אראפ פאר דעם איד, און אז דער איד האט שוין נעבעך נישט קיין קונים. ער האט געוואלט זען דעם איד אינגאנצן אינדרויסן, נישט אין אפאר וואכן ארום, נאר יעצט.

ער האט געדינגען א מאפיאנער א באנדיט און אים באצאלט אפאר דאלער אז ער זאל אריבערגיין צו דעם איד אום שבת, ווען די געשעפט איז פארמאכט און קיינער דרייט זיך נישט דארטן, און אונטערצינדן דעם איד׳ס געשעפט.. אזוי וועט די גאנצע געשעפט בטל ווערן און זונטאג וועט ער מער נישט שטיין דא אין די געשעפט, די געשעפט מיט די מאשינען אלעס וועט זיין פארברענט. ער האט אפגעשריבן פינקטליך די אדרעס וואו דעם איד׳ס געשעפט איז, און דאס דארף דער שייגעץ גיין אונטערצינדן.

איינע פון די ״הונדערטער שולן״ (350 בערך) אין די איסט-סייד - דער שול ״חתם סופר״ איז שוין 150 יאר אלט און מען נוצט דאס נאך היינט צוטאגס

פרייטאג צונאכטס, דער איד דאווענט אין בית מדרש מיט א מורא'דיגע התרגשות, ער מאכט זיין שבת'דיגע סעודה מיט א מורא'דיגע פרייליכקייט, און דער גוי גייט אויספירן זיין פינסטערע פלאן.

ער איז האלב פארדעקט, און ער זוכט דעם איד'ס לאנדר״י אין איסט-סייד. אזוי ווי ער קומט אן אין די געגנט האט ער געזען אז די נאמבער'ס שטימען עפעס נישט, זעט זיך אויס אז יענער גוי האט קיין חשבון נישט געקענט, ער האט געזען אז דא איז צוויי און צוואנציג דארטן איז פיר און צוואנציג, עפעס שטימט נישט. ער האט געזוכט, ער האט זיך געדרייט, און ער טרעפט אן א גוי דארטן און ער פרעגט אים, ד״ו י״ו נו״י ווע״ר ד״י לאנדר״י אי״ז? און דער גוי זאגט אים י״ע, הי״ר. און ער ווייזט אים אויף דער גוי'ס לאנדרי דארטן, די״ס אי״ז ד״י לאנדער״י, ני״ו לאנדער״י, אי״ט אי״ז א גו״ד לאנדער״י, בא״ט איט״ס קלויז״ד נאו״י י״ו נו״י.

יא יא איך ווייס אז עס איז פארמאכט... וועגן דעם קום איך דאך יעצט...

דער שייגעץ האט געווארט ביז יענער גייט אוועק, און ער איז געגאנגען צו דעם גוי'ס לאנדר״י ווייל ער האט בדרך נס נישט געטראפן דעם איד'ס. ער האט עס געגעבן א שפריץ אן מיט ברען שטאף, **און ער האט געמאכט א בורא מאורי האש פרייטאג צונאכטס אויף דעם גוי'ס געשעפט...** די לאנדר״י איז ארויף אין פלאמען, די מאשינען האבן אויפגעריסן ווי באמבעס, די וועש וואס זענען געלעגן דארטן האבן נאר צוגעהאלפן צו די פייער, עס איז ארויף אין אש אין רויעך אין פארעך.

גלייך זענען די פאליציי געקומען צו פליען און זיי האבן אונטערגענומען אן אינוועסטיגעישאן צו זען ווער האט דא אונטערגעצינדן די לאנדר״י, ווער איז געשטאנען אונטער דעם פייער. גוים האבן חושד געווען אז עס איז דער איד, אבער די פאליציי האבן שנעל געכאפט אז דאס איז דער מאפיאנער וואס ער טוט שוין אסאך שעדליכע ארבעט פאר אביסל געלט, און זיי האבן יענעם געכאפט און איינגעשפארט. זיי האבן אים אויסגעפרעגט און ער האט דערציילט עס איז נישט איך דער גוי האט מיר געשיקט.

וואס?! ער האט דיר געשיקט אונטערצינדן זיין אייגענע געשעפט?!

דא דא דא, איך האב א צעטל וואו ער האט מיר געשיקט. **זיי זעען די צעטל און זיי זעען עס איז טאקע די שריפט פון דעם גוי, און זיי האבן געכאפט אז דער אונטערצינדער האט געמאכט א טעות און אונטערגעצינדן בטעות דעם גוי'ס לאנדר״י...**

זיי האבן גלייך געכאפט דעם בעל הבית פון די נייע לאנדר״י און אריינגעזעצט אין תפיסה פאר יארן לאנג, און דער איד האט געזען די מורא'דיגע ישועה וואס איז געווען, אז דער אויבערשטער האט געמאכט - אין זכות פונעם צדיק - אז דער גוי האט זיך אליינס אונטערגעצינדן, אזוי ווי המן האט זיך געבויט זיין תליה, און ער האט זיך אליינס געהאנגען דערויף. **און דאס איז טאקע געשען צו דער גוי אליינס, והקדוש ברוך הוא מצילנו ״מידם״ דער אויבערשטער ראטעוועט אונז, ״פון זייערע הענט אליינס קומט די ישועה״.**

יארן שפעטער האט מען געעפנט די פיר קמיעות, מען האט געוואלט זען וואס שטייט דארטן. האט מען געזען אז דער צדיק ר' ישעי'לע האט געשריבן די פסוק וואס שטייט אין פרשת וירא ביי סדום, **״ואת האנשים אשר פתח הבית הכו בסנוורים מקטון ועד גדול וילאו למצוא הפתח״**, דאס מיינט אז די גוים זענען בלינד געווארן און זיי זענען מיד געווארן צו טרעפן די טיר, און דאס האט טאקע פאסירט אזוי ווי דער צדיק האט געשריבן, צדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים, און דער איד האט געהאט א גרויסע ישועה.

דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן אין זכות פון דעם צדיק און אין די זכות פון די צדקות וואס אסאך אידן טוען לעילו נשמתו זאל מגין זיין, גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם, דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן אונז אלע וואס אונז היטן אפ די שבת אזוי ווי עס דארף צו זיין, און די גוים זאלן טאקע בלינד זיין אונז נישט קענען קיינמאל קיין שלעכטס טון, מען זאל געהאלפן ווערן שוין צו תחיית המתים די צדיקים וועלן אויפשטיין בקרוב ממש, אונז וועלן אנטקעגן גיין אלע צוזאמען בקרוב ממש משיח צדקינו במהרה בימינו, אמן.

קינדערלעך שפילן זיך שיין אין די איסט-סייד

חמרא טבא

אנהאלטן די התעוררות!

אמור אל הכהנים בני אהרן אליהם (כא, א). זאגט רש"י להזהיר גדולים על הקטנים.

קען מען זאגן פשט: אז די סדר פון א מענטש איז אז בשעת ער איז עוסק אין תורה און תפלה אדער סיי וועלכע דבר שבקדושה דעמאלט איז ער אין א הויעכע מדריגה און ער איז בגדלות המוחין, אבער נאכן ענדיגן די מצווה וואס ער טוהט פאלט ער אראפ פון די אלע מדריגות און ער ווייטער עוסק אין די הבלי הזמן.

אבער דאס איז נישט די אמת'ע תכלית פון א איד'ס עבודה, ווייל מ'דארף זיך באמת פירן בקדושה ובטהרה יעדע רגע, אזוי אז ווען מ'טוהט א מצוה און מ'שפירט זיך דערהויבן דארפן אט די הייליגע מחשבות פארבלייבן אפילו ווען מ'האלט שוין לאנג נאכדעם, דאס זאגט דער פסוק 'להזהיר גדולים' מ'דארף זעהן צו זיין נזהר ווען ס'קומט צו העכערע צייטן 'על הקטנים' אז די קדושה זאל אנהאלטן אפילו נאכדעם ווען מ'איז שוין בקטנות.

(נועם אלימלך, הרה"ק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע)

פרשת אמור - א פרשה פון טהרה!

אמור אל הכהנים זאגט דער מדרש (ויק"ר כ"ו, א') רבי תנחום ברבי חנילאי פתח אמרות ה' אמרות טהורות וכו'.

וויבאלד די פרשה רעדט דאך פון עניני טומאות קומט דער מדרש און זאגט: וויסן זאלסטו 'אמרות ה' אמרות טהורות' די פרשה פארמאגט אין זיך חיות און א טהרה, און כל מיני רפואות און תחיית המתים אלעס ווערט נשפע פון אט די פרשה.

(בית אהרן - הרה"ק רבי אהרן מקארלין זי"ע)

לעטר פתורא

געשטעלט אין פלאץ דעם מתנגד...

כל איש אשר בו מום לא יקרב (כ"א י"ח).

דער הייליגער ר"ר מאיר'ל מפרעמישלאן זי"ע פלעגט זיין באקאנט מיט זיינע טיפע ווערטלעך און שארפזיניגע מליצות וואס ער פלעגט אריינטייטשן אין פסוקים, וואס מיט דעם פלעגט ער אויס'פועל'ן ישועות און רפואות פאר כלל ישראל.

זענען אבער געווען די כת מתנגדים וואס האט זיי נישט געשמעקט די גאנצע מהלך פון נעמען פסוקים און אריינטייטשן ענינים נישט לויט זייער אמת'ע און ריכטיגע באדייט, האט זיך איינער פון די מתנגדים דערקלערט אז ער וועט גיין און מאכן סדר... ער וועט שוין ווייזן פאר רבי מאיר'ל אז מ'לערנט נישט אריין אין די פסוקים אייגענע פשטים, ער האט זיך ארויסגעלאזט קיין פרעמישלאן און ער איז אנגעקומען אהין ערב שבת פרשת אמור.

ס'איז געקומען פרייטאג צונאכטס ביים טיש האט דער הייליגער ר"ר מאיר'ל געפרעגט צו איינער ווייסט וואס ס'איז פשט אינעם פסוק כל איש אשר בו מום לא יקרב? האט זיך דער מתנגד תיכף געגעבן א רוף אהן מיט חוצפה 'פשט אין דעם פסוק?! א גרויסע חכמה... יעדע חדר אינגל ווייסט דעם באדייט... דער צדיק האט איהם נישט געלאזט אויסרעדן און איהם איבערגעהאקט זאגענדיג "מאיר'ל וועט דיר זאגן פשט 'כל איש' - יעדע מענטש, '**אשר בו**' - וואס ער האלט ביי זיך אז ער פארשטייט און ער האט אלע מעלות, זאל ער וויסן אז 'מום' - ער האט א פעלער, און '**לא יקרב**' - ער האט נישט קיין שום התקרבות צום רבש"ע...."

אזוי האט רבי מאיר'ל שטיל געמאכט דעם מתנגד וואס האט תיכף פארשטאנען ווען דער רבי האט דא געמיינט מיטן פרישן טייטש אין פסוק, און מער האט ער זיך נישט געטרויעט צו חלילה מהרהר זיין אויף זיינע הייליגע דרכים.

הילולא דצדיקיא

לעילו נשמת אמי מורתי מרת פערל הענא בת ר' יהושע ע"ה - י"ט תמוז תשע"ח

פרשת אמור (בהר בא"י) – שנה ז' גליון 37 (341)

ע"י אלימלך הנשטער מלמד תשב"ר בת"ת דרכי אבותינו לייקוואד יצ"ו – כתה ד'
לנדב וליטול חלק בזכות הפצת סיפורי צדיקים רופט 347 678 0652, או לאי מעיל shabbosstory@gmail.com
הבהרה: מיר געבן רשות צו מאכן קאפיס פון די 'גאנצע' גליון פאר אייערע בית המדרש, מוסדות התורה וכדו', אבער עס איז **נישט ערלויבט** צו ארויס נעמען שטיקלך און מאכן קאפיס פון בלויז א חלק דערפון. **אויך איז נישט ערלויבט** צו נעמען אונזער מעשיות וואס מיר האבן אפגעטייפט און עס טוישען אויף סיי וועלכע וועג אז מען זאל עס קענען ניצען פאר אייגענע געברויך, מיר האבן אריין געלייגט אסאך ארבעט אין די מעשיות (אויב ווילט איהר אז מיר זאלן אייך שיקן מעשיות אויף א וועג וואס איהר קענט עס ניצען קען מען אונז רופען און מסדר זיין).

הרב הקדוש ר' פינחס בן ר' מרדכי זי"ע, מאוסטילא – מגדולי מנהיגי החסידות – י"ז אייר תש"ג

געבוירען: בערך אין יאר תר"מ צו זיין טאטע ר' מרדכי פון ראחמסטריווקא (בן ר' יוחנן מראחמסטריווקא, בן ר' מרדכי מטשערנאבל) און צו זיין מאמע מרת טראני בת ר' חנינא ליפא מזיטאמיר (בן ר' שמואל אבא מסלאוויטא ב' ר' משה בן ר' פינחס מקוריץ). **אוועק**: ביים צוויטן וועלט מלחמה האט ער זיך באהאלטן אין די שטאט סאמבור. אויף שבת קודש י"ז אייר תש"ג האבן איהם די רשעים אוועק געפירט קיין בעלזיץ ווי ער איז אומגעקומען על קידוש השם. די טאג פון זיין פטירה איז נישט קלאר, האט מען באשטימט די יארצייט אויף די טאג וואס מען האט איהם אוועק געפירט וואס איז אויך די יארצייט פון דיין טאטע. **חתונה געהאט**: מרת חנה רחל בת ר' ישכר דוב מבעלזא זי"ע. **קינדער**: 1) ר' ישעי' משולם זושא, 2) ר' דוד, 3) ר' זאב, 4) ר' יוחנן 5) ר' אלכסנדר מאיר, 6) ר' יצחק, 7) מרת טריינא אשת הרה"ק ר' יעקב יוסף מסקווירא זי"ע. ליידער זענען אלע קינדער אומגעקומען ביים קריג הי"ד. ר' יצחק איז אומגעקומען אלס חתן. מרת טריינא האט איבער געלעבט די קריג. **געווען רב**: אין יאר תרפ"ג געווארן רב אין אוסטילא, דערנאך אין פשמישל. ביי די צווייטע וועלט מלחמה איז ער אנטלאפן און זיך געמוזט באהאלטן.

די יונגע יארן

נאך אין די יונגע יארן האט זיך אנגעזען די גרויסקייט פון ר' פנחס. יונגעהייט האט זיין טאטע ר' יוחנן געזאגט אויף איהם 'ער איז געבוירן א גדול און ער וועט וואקסן א גדול בישראל'.

ווען ער האט חתונה געהאט האט זיין מאמע מרת טריינא געזאגט פאר מרן מהרי"ד זי"ע **'איך ברענג אייך א הייליגע מענטש'** און זי האט דאן פארציילט אסאך הייליגע זאכן פון דער חתן ר' פינחס.

מיט זיין שווער

גאר שטארק איז געווען די נאנטקייט פון ר' פנחס צו זיין גרויסן שווער מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע, ווי מרן מהרי"ד האט ארויס געוויזן א שטארקע נאנטקייט און ליבשאפט צו זיין איידעם און ער האט גאר אסאך ארום גערעדט און דערציילט אין די חשיבות פון ר' פנחס.

אמאל האט מרן מהרי"ד געזען ווי זיין איידעם ר' פנחס רעט מיט זיין זוהן מרן מהר"א (שפעטער געווארן בעלזער רב), האט מרן מהרי"ד הנאה געהאט און געזאגט **'מיט אזעלכע צוויי קינדער קען מען שלאפן רואיג'.**

אמאל איז ר' יצחק נחום רב פון ראווע רוסקא געקומען גין בעלזא צו זיין שוואגער מרן מהרי"ד מבעלזא, האט מרן מהרי"ד איהם געפרעגט **'האסט שוין געזען מיין פיניע'לע? עס איז א סגולה צו יראת שמים אזא יוד אנצוקוקען'.**

מרן מהרי"ד האט געזאגט אויף זיין איידעם **'מיין פיניע'לע וואלט געווען א חידוש אפילו פאר פופציג יאר צוריק'.** אויך האט ער געזאגט **'מיר דאנקן דער אייבישטער א יעדן טאג אז מיר האבן די זכי' צו זיין מיט איהם אונטער איין דאך'.**

עס איז געווען א יוד וואס איז געקומען צו מאכן אויף שבת קיין בעלזא צו מרן מהרי"ד זי"ע און אויפן וועג האט ער זיך אויפגעשטעלט ביים שטוב פון ר' פינחס. האט ר' פינחס יענעם געבעטן אז ער זאל שיקן א גריס פאר זיין שווער מרן מהרי"ד מבעלזא.

פרייטאג ווען דער יוד איז געקומען קיין בעלזא, האט ער איבער געגעבן פאר מרן מהרי"ד אז ער איז געווען ביי זיין איידעם און ער שיקט איהם א גריס.

הערענדיג די ווערטער האט מרן מהרי"ד זיך אנגערופען מיט וואונדער **'ביסט נעכטן געווען ביי ר' פינחס און דו ביסט נישט געבליבן דארט פאר שבת?!'.**

זיין התמדה אין בעלזא

איבער 20 יאר האט ר' פנחס זיך געדרייט אין בעלזא ווי ער האט געהארעוועט אין תורה, ווען אין די זעלבע צייט האבן חסידים הנאה געהאט צו הערן פון די געשמאקע דברי תורה און פערל ווערטער פון ר' פנחס וואס ער האט עס געזאגט מיט א ברען און א געשמאק.

דארט אין בעלזא איז ער געווען אפגעשיידט פון אלע הנאות פון די וועלט. א גאנצן טאג איז ער געזעצן מיטן טלית אין תפילין און גארנישט געגעסן, ביז עס איז געווען נאנט צו נאכט, ווען ער האט געדאווענט מנחה און ערשט דערנאך האט ער אויסגעטוהן זיין טלית ותפילין און עפעס געגעסן.

נאכן עסן איז ער זיך נישט געגאנגן אפרוען, נאר ער האט אויסגענוצט די נאכט אויף צו לערנן תורה אהן אויפהער ביז צופרי. כדי אז ער זאל נישט איינשלאפן, פלעגט ער א גאנצע נאכט שטיין מיט איין פיס אויפן בענקל אין איין פיס אויף דער ערד.

אזוי האט ער געלערנט ביז אכט אזייגער צופרי, ווי ער האט געדאווענט שחרית און זיך געגאנגן אראפ לייגן פאר בערך צוויי שעה, און עלף אזייגער איז ער שנעל אויפגעשטאנען אין ווידער זיך גענומען לערנן און דינען דער אייבישטער מיט א גרויס ברען.

עס האט פארציילט החסיד ר' אשר ישעי' נוסבום אז אין די שווערע מלחמה יארן ווי ער האט געדארפט ארום לויפן און זיך באהאלטן פון די רשעים ימח שמם, איז זיין קאפ געלעגן אין תורה, אז מען האט געקענט מאכן גאנצע ספרים פון די חידושי תורה וואס ער האט דאן געהערט פון איהם.

רואיג אין געלאסן

גאר אינטראסאנט איז געווען אז כאטש וואס ער האט גאר ווייניג געגעסן, און אוועק געגעסן אלעס זיינע כוחות אויף תורה ועבודה, דאך ווען ער האט גערעדט צו מענטשן, איז ער שטענדיג געווען רואיג און געלאסן, אז עס איז ממש געווען געשמאק צו רעדן מיט איהם, בשעת ווען זיין מויל גיסען זיך הערליכע חידושים און דברי תורה.

זיין ברענערדיגע דאווענן

זיין דאווענן איז געווען מיט א געוואלדיגע ברען, און מיט גאר געשמאקע ניגון און נוסח, אז אלע וואס זענען נאר געשטאנען ארום איהם ביים דאווענן, האבן געגאסן טייכן טרערן.

ער האט שטענדיג אכטונג געגעבן אז קיינער זאל נישט באמערקן ווי אזוי ער דינט דער אייבישטער. ער האט זיכער געמאכט אז אפילו די שליסעל לאך פון די טיר זאל זיין פארשטאפט, אז מען זאל נישט קענען אריין קוקען וואס ער טוט. די מערסטע צייט פלעגט ער זיין פארשפארט אין זיין צימער.

חסידים האבן דערציילט אז זיי פלעגן שבת ביינאכט שטיין לעבן דער צדיק בשעת ער האט געזאגט 'מזמור שיר ליום השבת', מיט א מעכטיגע שטארקע קול און א פלאקערדיגע פנים. אבער אין די סעקונדער וואס דער עולם האט געענדיגט זאגן און די בית המדרש איז געווארן שטילער, האט דער צדיק געמאכט זיין קול נידריגע, אז קיינער זאל נישט באמערקן אין זיין ברענענדיגע דאווענן.

עס האט פארציילט א יוד אז ער איז אמאל געווען ביי ר׳ פינחס אויף שבת שקלים, איז ער צוגעגאנגען צו באטראכטן די סידור פון ר׳ פינחס, האט ער באמערקט ווי עס איז געווען שווער צו מישען די בלעטער פון די סידור, ווייל עס איז געווען אדורך געווייקט נאס פון די טרערן וואס ער האט געוויינט ביים דאווענען.

גמילות חסדים – הכנסת אורחים

גאר שטארק איז ר׳ פינחס געווען אויסגעצייכנט אין די מדה פון גמילות חסדים. בשעת ער האט געוואוינט אין די שטאט בעלזא איז כמעט נישט געווען קיין ארימאן וואס האט נישט באקומען געלט פון ר׳ פינחס.

זיין שטוב איז שטענדיג געווען אפען פאר סיי וועמען, אסאך ארימעלייט פלעגן זיך דרייען ביי איהם אין שטוב ווי זיי פלעגן באקומען צו עסן און שלאפן. מען זיין שטוב האט מען קיינמאל קיינעם נישט פארשיקט, אז עס זענען געווען ארימעלייט וואס זענען דארט געבליבן פאר לאנגע וואכן און אפילו עטליכע חדשים, ווייל עס האט זיך זיי נישט געלוינט ארום צו פארן די שטעט נאכגעלט, בשעת זיי באקומען דארט צו עסן, שלאפן און אלעס וואס זיי דארפן.

עס זענען געווען עטליכע פון זיינע חסידים וואס האבן פרובירט צו פארשיקען די מענטשן וואס האבן זיך באזעצט ביי איהם אין שטוב, אבער ווי נאר ר׳ פינחס האט דאס געהערט, האט ער זיך געבייזערט אויף זיי און בשום אופן נישט געלאזט א מען זאל סיי וועמען אוועק שיקען פון דארט.

ווען מען האט זיך געבעטן ביי איהם אז ער זאל לאזן מאכן אביסל סדר ביי איהם אין שטוב, האט ער געזאגט **׳וואס זאל איך טוהן, איך קען נישט פארשפארן מיין שטוב פאר ארימעלייט׳.**

די שטוב איז געווען ממש אינגאנצן הפקר אז די געסט פלעגן זיך לייגן אין די בעטן פון די עלטערן אין קינדער.

צוליב דעם וואס אזויפיל מענטשן האבן זיך געדרייט ביי איהם אין שטוב, האט דאס אפגעקאסט גאר אסאך געלט צו קויפן עסן, וואס דערפאר פלעגט ר׳ פינחס ארום פארן די שטעט צו גיין נאכגעלט צו קענען באצאלן פאר די אלע זאכן.

מאכן לעכטיג

ווען עס איז געקומען די צייט פאר זיין זוהן ר׳ דוד צו חתונה האבן, האט ר׳ פינחס געלאזט וויסען פאר די מחות ר׳ נפתלי טייטלבוים רב אין נירבאטור ׳אז ביי אונז אין בעלזא אין טשערנאביל איז די מנהג אז ווען דער חתן קומט אהן אין די שטאט ווי ער גייט חתונה האבן, גייט מען איהם מקבל פנים זיין מיט פייערדיגע פאקלען, אלס א סימן אז עס זאל זיין לעכטיג פארן חתן׳.

דער מחותן ר׳ נפתלי האט געוואלט טוהן די מנהג וואס מען פירט זיך ביי דער חתן אין שטוב, האט ער פרובירט צו פויעלן ביי דער הויפט פון דער שטאט נירבאטור אז ער זאל צולאזן צו טוהן די מנהג אז מען זאל מעגן אנצינדן פאקלען ווען די חתן קומט אין שטאט אריין.

דער הויפט פון שטאט האט נישט צו שטארק ליב געהאט יודען, האט ער בשום אופן נישט געלאזט אז מען זאל אנצינדן פאקלען לכבוד די חתן.

ר׳ נפתלי האט געלאזט וויסען פאר ר׳ פינחס, אז ער האט פרובירט וואס ער קען, אבער די הויפט פון שטאט לאזט איהם נישט מקיים זיין די מנהג. ווען ר׳ פינחס האט דאס געהערט, האט ער געזאגט ׳אזוי זאגט ער, נו וועלן מיר זעהן׳.

ווען עס איז געקומען די צייט און ר׳ פינחס מיט דער חתן ר׳ דוד זענען אנגעקומען אין שטאט אריין, האט אויסגעבראכן א גרויסע פייער אין די באנק וואס געפונט זיך ביים אריינגאנג פון שטאט. האט ר׳ פינחס געזאגט פאר די מענטשן ארום **׳נו, איך האב דאך געזאגט אז די מנהג איז צו מאכן לעכטיג פארן חתן׳.**

די שטיינער זענען ארויס

אין די שטאט לעמבערג האט געוואוינט א חסיד ר׳ איטשע, וואס ליידער האט ער געהערט אסאך ווייטאגן, צוליב דעם וואס ער האט געהאט שטיינער אין די נירען, וואס האט איהם צוגעברענגט צו גאר שטארקע ווייטאגן, וואס אין יענער צייטן איז עס געווען גאר שווער זיך צו היילן דערפון (היינטיגע צייטן האבן עס אויך מענטשן אבער עס זענען ברוך השם דא גרינגערע וועגן זיך צו היילן דערפון).

דער יוד איז געקומען ראש השנה צו זיין ביי דער צדיק ר׳ איטשע, און ר׳ פינחס האט מכבד געווען ר׳ איטשע צו מאכן גלילה אויף די ספר תורה נאכן ליינען.

בשעת ר׳ איטשע האט געדרייט די ספר תורה, האט ר׳ פינחס זיך אנגערופען **׳נו, וועט זיין וגללו את האבן׳** (טייטש: זאל זיך ארויס דרייען די שטיינער).

א גרויס וואונדער איז געווען אז עס איז אריבער א קורצער צייט, זענען די שטיינער צוגאנגען און ארויס געגאנגען פון זיין גוף און מער האט ער קיינמאל נישט געליטן דערפון.

(מקורות: הילולא קדישא ועוד)

מעשה פון דער אור שבעת הימים דער הייליגע בעל שם טוב פאר מוצאי שבת, וואס איז א סגולה פאר גרויסע זאכען

אין די שטאט מעזיבוז איז געווען א יוד וואס האט נישט געהאט קיין קינדער, און שטענדיג פלעגט ער בעטן דער בעש"ט אז ער זאל איהם אנוואונטשן צו געהאלפן ווערן מיט קינדער, אזוי לאנג ביז דער בעש"ט האט איהם אנגעוואונטשן. די ברכה איז טאקע מקוים געווארן איז עס איז ביי איהם געבוירן געווארן א יונגעלע בשעה טובה, ווען ער מיט זיין ווייב זענען שוין געווען אביסל אין די עלטערע יארן. די גרויסע פרייד האט זיך אבער נישט געהאלטן צו לאנג, ווייל עס איז קוים אריבער א טאג אדער צוויי פון די געבוירן אין דאס קינד איז ליידער אוועק פון דער וועלט.

מיט גרויס ווייטאג איז דער יוד געגאנגען צו דער בעש"ט און געזאגט ׳פארוואס האב איך באקומען אזא קינד, עס וואלט געווען בעסער ווען דאס קינד וועט נישט געבוירן, ווי איידער מיר זאלן צוקומען צו אזא ווייטאג׳. דער בעש"ט זאגט איהם ׳איך האב געזאגט אז דו וועסט האבן קינדער וועט דאס קינד לעבן׳.

דער יוד שטייט און ווארט דארטן, אבער ער זעהט גארנישט אז עפעס זאל זיך טוישען און דאס קינד, האט דער יוד געטראכט א קלוגע זאך, ער האט אנגעהויבן צו רעדן פון עפעס אנדערש, און ער פרעגט דער בעש"ט ׳אויב ער זאל זיך צוגרייטן צום ברית, און ווער ער זאל מכבד זיין מיט סנדקאות?׳ דער בעש"ט זאגט איהם ׳גרייט דיר צו געהעריג, און ער זאגט איהם וועמען ער זאל מכבד זיין מיט סנדקאות און ער (דער בעש"ט) וועט מאכן די ברית.

עס קומט די טאג פון די ברית אבער דאס קינד לעבט נאכאלס נישט, אבער דער טאטע מיט זיין פילע אמונה אין די רייד פון דער בעש"ט, האט אריין געברענגט דאס קינד אין שול אריין צום ברית. דער בעש"ט מאכט די ברית געהעריג, אבער קיין בלוט איז נישט ארויס געקומען, ווייל דאס קינד האט דאך נישט געלעבט.

מען האט געזאגט די ברכות וואס מען זאגט נאך א ברית, און ביי די ווערטער ׳קיים את הילד הזה לאביו ולאמו׳ האט דער בעש"ט זיך פארזוימט א לאנגע צייט, ביז דער קינד איז צוריק לעבעדיג געווארן, עס איז געקומען בלוט, און דאס קינד איז געבליבן לעבן און געווען געזונט און שטארק.

פארט איהר אויף מקומות הקדושים, איהר זאלט וויסען אז צדיקים האבן הנאה
אז מען רעט פון זיי און זיי פויעלן ישועות.
קומט נישט אהן אהין ליידיג.
מיר האבן באשרייבונגען פון בערך 200 צדיקים,
רופט אונז גענוג פרי און מיר וועלן פרובירן אייך צופרידן צושטעלן פאר א צוגעגליכע פרייז
shabbosstory@gmail.com
1347 678 0652

התודה והברכה
לידידי הר"ר אהרן לנגסם הי"ו
בעל החנות
judaica corner 4301 13av
העומד תמיד לימיננו
בהפצת סיפורי צדיקים ׳שלא ע"מ לקבל פרס׳
בלב ונפש חפצה